# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 45-46 - January 1967 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7zp9m2vx

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 45-46(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1967

**Copyright Information**
Copyright 1967 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 40־יאָריקער יובילעי
## פון דעם לאָס אַנגעלעסער
## יידישן קולטור קלוב

**45-46**

אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער אידישער קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע • שבט, תשכ״ז — יאַנואַר, 1967

100

# אינהאַלט


י. א. אבודין: ש. י. עגנון, דער קלאַסיקער פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור 3

אהודה רונת: לידער 8

נעלי זאַקס: לאַנד ישראל (ליד) — יידיש: י. ש. טויבעס 9

שאול מאַלץ: יעקב גלאַטשטיין, דער אויסטרעטער פון נייע וועגן פאַרן ליד 10

ברכה קודלי: לידער 15

לילי בערגער: זיין לעצטער פאַרלאַנג (דערציילונג) 16

יהושוע ריווין: ביטחון (ליד) 21

פינטשע בערמאַן: לידער 22

יוסף לעפּטוויטש: צווישן יידן אין פוילן 23

משה עטינגער: איך בין מיין עלטער־זיידן מקנא (ליד) 34

י. בונין: כבוד (ליד) 35

יחזקאל בראַנשטיין: דער חלום וואָס איז מקוים געוואָרן 36

לוי גאָלדבערג: לידער 43

שלמה סיימאָן: אַ חלום אָן אַ פּתרון (דערציילונג) 44


## וועגן און אומוועגן


אריה פּאָזי: יידקולט, שפּראַך און ליטעראַטור 51


## שרייבער און ביכער


צבי שטאָק: ווי קורץ איז אונדזער לעבנס־שפּאַן 57

יצחק ניומאַן: חומש דערציילונגען — מיטאָלאָגיע אָדער געשיכטע? 60

צלטער עסעלין: לעבן מיינס (ליד) 62


## חבל על דאבדין ולא משתכחין


א. פּ.: אהרן גלאַנץ־לעיעלעס ע"ה 64

מאַטעס דייטש: לעצטע לידער 66

י. ס.: לייוויק זעלמאַן ע"ה 67

פינטשע בערמאַן: ניטאָ מער (דעם אָנדענק פון ח. באַרקאַן) 67

חיים באַרקאַן: לידער 68

אלקנה כראַבלאָוו ע"ה 69

י. סאַפּיאַן: יעקב ניומאַן, קינסטלער און קולטור־עסקן 70

ז. ב.: יצחק פרידלאַנד ע"ה 71

זלמן זילבערצווייג: דער יידישיסט חיים שאַפּיראָ 73

ש. צ.: יוסף שפּיגלמאַן ע"ה 75


## 40-יאָריקער יובילײ פון ל. א. יידישן קולטור קלוב


שמואל סיגל: 40 יאָר ל. א. יידישער קולטור קלוב 78

רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־צונאַכטן 80

מאָריס זילבערט: אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג 84

לייזער מעלצער: ווי עס לעבן יידן אין צפון קאַליפאָרניע 85

ווער איז ווער — אין ל.א.י.ק.ק. 87

באַגריסונגען און ביישטייערונגען 88-94

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

אריה פאַזי, רעדאַקטאָר — ז. בונין, סעקרעטאַר

יצחק סאַפּיאַן און יוסף ווײַנמאַן, פאַרוואַלטערס

13טער יאָרגאַנג, נומ. 45-46 • שבט תשכ״ז, יאַנואַר 1967 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.



י. א. אבודין / ניו-יאָרק


# ש. י. עגנון —
## דער קלאַסיקער פון דער ניי-העברעאישער ליטעראַטור

צוויי יידישע שריפטשטעלער האָבן דאָס יאָר געוואונען דעם נאָבעל-פּרייז פאַר ליטעראַטור: שמואל יוסף עגנון פון ישראל, און נעלי זאַקס, אַ יידישע דיכטערין פון דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען אין שוועדן אין יאָר 1940. נעלי זאַקס' שאַפונגען, וואָס זיינען מייסטנס פון אַ יידישן אינהאַלט און שפּיגלען אָפּ דער עיקר די טראַגעדיע פון יידישן חורבן אונטער די דייטשן, זיינען געשריבן אויף דייטש און זיינען דעם יידישן לייענער וויניק באַקאַנט. גענוג באַקאַנט זיינען אָבער עגנונס שאַפונגען. זייט אַ סך יאָרן פאַרנעמט ער דעם אויבן-אָן אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער איז אויך אַ סך מער ווי אַ קינסטלער. זיינע ווערק שטעלן פאַר מיט זיך אַ גאַנצע יידישע קולטור-תקופה — די קולטור-תקופה פון מזרח-אייראָפּעאישן יידנטום פאַרן חורבן און די פּיאָנערן-עפּאָכע אין ארץ-ישראל בעת דעם געראַנגל פאַר כיבוש הארץ און פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון דער יידישער מדינה.

* * *

יידן נאָבעל-פּרייז-געווינערס אויף וויסנשאַפטלעכע געביטן האָבן מיר אַ היפּש ביסל, אָבער אַ ייד מיט דער נאָבעל-פּרעמיע פאַר ליטעראַטור איז ש. י. עגנון דער ערשטער. ער איז געבוירן געוואָרן ווי שמואל יוסף טשאַטשקעס, דער זון פון שלום מרדכי, אין דעם מזרח-גאַליצישן שטעטל בוטשאַטש. אָנגעהויבן שרייבן האָט ער צו זעכצן יאָר, אויף יידיש און העברעאיש, אונטער זיין אמתן נאָמען טשאַטשקעס, אין דער גאַליצישער יידיש-העברעאישער פּרעסע. די ערשטע צייט איז ער געווען זייער וויניק אָנגעזען און די ליטעראַרישע קריטיק האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. אָבער שפּעטער האָבן פאַסירט אין זיין לעבן צוויי גרויסע געשעענישן וואָס האָבן זיין שרייבן געגעבן אַ ווענדונג צו געפינען זיך אַליין, צו וואַקסן און זיך אַנטוויקלען אויף דעם דרך וואָס ער האַלט אָן אין זיין שעפערישקייט.

די ערשטע איז געווען בעת ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר און ער האָט עולה געווען קיין ארץ-ישראל, וואו ער האָט אָפּגעלעבט פינף יאָר. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט י. ח. ברענער און אַנדערע שרייבער פון יענער סביבה און האָט אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל „העומר" אַ דערציילונג אונטער נאָמען „עגונות". אַנשטאָט טשאַטשקעס, האָט ער זיך דערויף אונטערגעשריבן ע ג נ ו ן,

טאַקע פון דעם וואָרט „עגונה". דאָ איז שוין געווען מער אינהאַלט און בעסער שרייבן איידער אין די דערציילונגען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין גאַליציע. דאָ איז געווען אייגנאַרט און סטיל — אַן אַנווייז אויף צוויי שטריכן וואָס ער האָט אַנטוויקלט אין זיין ווייטערדיקן שאַפן: געציילט די ווערטער, געהיט זיך פון איבעריקע רייד, און זיי געפוצט, צו געבן זיי פאַטעטישקייט און פאַטאָס; געגאַנגען צו דער טיף פון מקור פון דער יידישער נשמה.

אָבער אויך „עגונות" האָט קיין רושם ניט געמאַכט. דער איינציקער, וואָס האָט זיך פאַר דעם איינגעשטעלט איז געווען י. ח. ברענער. ברענער האָט וועגן דעם געשריבן אַ רעצענזיע אין „העומר" און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו דעם נייעם יונגן שרייבער, און געזאָגט, אַז „עגונות" דערמאָנט אים אָן די פאַטעטישע מעשיות פון נחמן בראַצלאַווער און אָן די אגדות פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און עס איז אפילו בעסער פון בערדיטשעווסקיס, מחמת דאָ גייט עס ניט אין נסים, נייערט אין נאַטירלעכע זאַכן. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט ברענער צוגעגעבן, אַז „אויב עס איז דאָ אַרט אין אַ ניט-גערעדטער שפּראַך (העברעאיש) פאַרן קינסטלערישן פאַלקס-עפּאָס, איז ש.י. עגנון איינער פון זיינע גרויסע שעפּערס."

אין תוך האָט ברענער אָנגעוויזן דעם וועג פאַר עגנונען, און אויף דעם דרך איז עגנון אַוועק. ער האָט פאַר דעם נאָך געדאַרפט די רואיקייט, די צייט און דאָס פולע אָפּגעבן זיך מיטן אַרבעטן אויף זיך און אויפן נייעם אַרט שרייבן. און דאָ איז געקומען די צווייטע היסטאָרישע געשעעניש אין זיין לעבן:

אין 1913 איז עגנון אַלט געווען 25 יאָר און איז אַוועקגעפאָרן פון ארץ-ישראל קיין דייטשלאַנד צו שטודירן אין בערלינער אוניווערסיטעט. באַלד איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה און ווי אַן עסטרייכישער בירגער איז ער שוין דאָרט פאַרבליבן ביז דעם יאָר 1924, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל. אין בערלין האָט עגנון זיך באַפריינדעט מיט זלמן שאָקען, אַ גרויסער גביר און אַ פאַרלעגער, אַ העברעער און ציוניסט. שאָקען איז דאַן געוואָרן און זיין פירמע איז פאַרבליבן עד היום עגנונס פאַרלעגער, וואָס גיט אַרויס זיינע ווערק ניט נאָר אויף העברעאיש, נאָר אויך אין איבערזעצונגען אויף אַנדערע שפּראַכן, באַזונדערס אויף דייטש און ענגליש.

עגנון שרייבט געמיטלעך, רואיק, ווי די איבערלעבונגען פון זיינע העלדן וואָלטן ניט געהאַט קיין באַטרעף, אָבער אין אָט-דער געמיטלעכקייט און רואיקייט איז אין דער אמתן אַ פאַרהוילענער וווּלקאַן, מיט גרויס טאַלאַנט דערגרונטעוועט ער זיך צום אַלטן יידישן מקור און גיט עס אַרויס אין אַזאַ פאָרם אַז ס'ווערט אַלמענטשלעך.

מ. אונגערפעלד, דער ביאַליק פאָרשער, ציטירט וואָס ביאַליק האָט געזאָגט וועגן עגנונען מיט העכער 35 יאָר צוריק:

„עגנון האָט אויפגעלעבט דעם סטיל פון די חסידים. דאָס איז מאָזאַאיקע. יעדע שטיקל בריק פון דער פאַרגאַנגענהייט איז וויכטיק. דאָס איז נאָך קיין מאָל אַזוי שיין ניט געשריבן ווי ער. אַז מען לייענט עגנונען, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ווען די חסידים וואָלטן געשריבן ווי זיי האָבן באַדאַרפט שרייבן לויט זייער גייסט, לויט דער פילאָסאָפיע זייערער, מיטן פייער פון זייער הארצן, און דעם אייגנאַרטיקן הומאָר זייערן — וואָלטן זיי געשריבן ווי עגנון. אין זיין סטיל איז דאָ גאַנצקייט, ווי אויסגעגאָסן בראָנז. פאַרשטענדלעך, אַנדערש ווי ביי מענדעלען. אָבער ער האָט אויך געלערנט אין מענדעלעס חדר — ווי מיר אַלע האָבן ביי אים געלערנט."

און דער פּאָעט און עסייאיסט, אהרן צייטלין, וואָס קען עגנונען זייער גוט און קען אים שאַצן פיל בעסער און טיפער פון וועמען אַנדערש, האָט וועגן אים גע־שריבן, אַז —

„עגנון איז פון יענע שרייבער, וואָס לאָזן זיך נישט קלאַסיפיצירן. דאָס הייסט נישט אַז מ'האָט עגנונען נישט קלאַסיפיצירט; מ'האָט עס געטאָן און מ'טוט עס ביז איצט. אָבער דער סך־הכול איז, אַז די אַלע קלאַסיפיצירונ־גען זיינען נאָר האַלבע אמתן, צומאָל פערטל אמתן, וואָרעם עגנון האַלט אין איין איבערראַשן.

„...זאָל מען זאָגן, אַז עגנון איז אַ ראָמאַנטיקער? געוויס. ער איז — צו נוצן, לייכט געענדערט, זיינס אַן איי־גענעם משל — אַ מענטש, וואָס זיצט אין דער אָרעמער סוכה פון יורדישע צייטן און דערציילט וועגן דער עשי־רות פון גרויסע אָבות. ער, שמואל יוסף ב"ר שלום מרדכי הלוי, האָט דעם גאַנצן עבר פאַר זיין הינטערגרונט. אין אַ ריי שאַפונגען, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר אַ קלאַסיקער פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור, איז ער דער פּאָעט פון דער טראַדיציע און פון דער אַמאָליקער גייסטיקער גאַנצקייט. גענוג צו דערמאָנען אַזאַ געהויבענעם עפּאָס פון אמונה ווי 'הכנסת כלה', אָדער אַזאַ ראָמאַנטישן נאַראַטיוו ווי 'בלבב ימים,' אין פאַרשיידענע ווערק פון גרעסערן כמות אָדער קלענערן, איז ער דער שילדערער און פאַרהער־לעכער פון דעם פרום־דורותדיקן לע־בנס־גאַנג. זיין קונסט איז געבויט אויף יענע ווערטן און אידעאַלן, וואָס זיינען די נשמה פון דער היסטאָרישער כנסת ישראל. אָבער עגנון איז פונקט אַזוי אַ שילדערער פון דעם מאָדערנעם ייד. ער האָט געשילדערט אין 'הכנסת כלה' דעם חסיד ר' יודל, דעם סימבאָל פון בטחון און יראת שמים, און ער שילדערט אַ דאָצענט פון ירושלימער אוניווערסיטעט, אַ מאָדערנעם ייד, ווי מאַנפרעד הערבסט. ער איז אַ ראָ־מאַנטיקער, אַ סימבאָליקער, אַ וויזיאָ־נער, און יאָרן איידער ס'איז אויפגע־קומען סוררעאַליזם איז ער געווען אַ סוררעאַליסט אויף זיין אייגענעם שטיי־גער. אָבער פונקט אַזוי איז ער אַ רע־אַליסט. ער האָט אַן אויג פאַר דעטאַלן און ער שילדערט פּרטים רעאַליסטיש. ער איז אַ ליריקער פון אַ הויכער מדרגה, אָבער איז פונקט אַזוי אַ לכל־הדעותדיקער עפּיקער. ער איז פאָלקס־טימלעך און איז ראַפינירט און קאָמפּ־ליצירט. ער איז גוטמוטיק הומאָרפול, אָבער אין אַזאַ זאַך ווי 'בנערינו ובזקננו' איז ער שניידיק סאַטיריש."*)

אייניקע ליטעראַטור־קריטיקער, באַ־זונדערס די וואָס שטאַמען פון גאַליציע, באַטאָנען, אַז עגנון איז דער עיקר דער פירשפּרעכער פון דער סביבה און גייסט פון גאַליציאַנער יידישקייט. ס'איז אָבער בלויז טיילווייז ריכטיק. עגנון בויט טאַקע, אין אַ סך פון זיינע דערציילונגען, די יידי־שע זיטלעכקייט אויף דעם באָדן פון דער סביבה וואָס ער ווייסט צום בעסטן — די יידישע סביבה פון גאַליציע. די סביבה איז אָבער נאָר די קאַנווע אויף וועלכער ער מאָלט. און ביי אים איז דער עיקר ניט די קאַנווע, נאָר די פאַרבן וואָס ער לייגט אויף זי, די העלע און ליכטיקע פאַרבן מיט וועלכע ער מאָלט די קדושה פון יידישקייט.

עגנון אַנטפּלעקט די נשמה פון יידיש־קייט, די קדושה פון דער נשמה. אין דעם פּרט גייט ער אויפן שטייגער פון קבלה אין איר אויסטייטש פון דער תורה. קבלה נעמט אָן, אַז דער פשט פון דער תורה איז נאָר איר לבוש. אָבער אויך דער גוף איז

*) זע: „שטריכן" פון אהרן צייטלין אין ש. י. עגנונס בוך, „אַ פשוטע מעשה", וואָס איז איבערגעזעצט פון אליעזר רובינשטיין און אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „קוואַל", פון ישראל לאָנדאָן, ניו־יאָרק, 1958.

ניט דער עיקר, דער עיקר איז די נשמה וואָס איז אינעם גוף. און אָט די נשמה האָט אויך אַ נשמה, אַ נשמה שבנשמה, וואָס אויך זי, די נשמה שבנשמה האָט אויך אַ נשמה, און אַזוי איז ער נתעלה איבער מדרגות אַלץ העכער און העכער ביז אין־סוף (אומענדלעכקייט), ביז דעם כביכול.

נון, אין־סוף קען קיינער ניט גרייכן, אָבער מדרגות צום אין־סוף זיינען יאָ פאַראַן, העכערע און נידעריקערע. און עגנון טוט אין זיינע שאַפונגען גרייכן העכערע מדרגות, אויף אַזויפיל העכערע, וואָס קיינער ביז אים האָט נאָך — בעלעט־ריסטיש — ניט דערגרייכט. ניט אפילו י. ל. פרץ.

דאָס מיינט ניט, אַז עגנון מאָלט דאָס לעבן און דעם גאַנג פון מענטש אין דורכ־אויס ליכטיקע פאַרבן, וואָס זיינען הוילע רוחניות. פאַרקערט, דער גרויסער קינסט־לער, וואָס ער איז, זעט גענוי דעם דאָזיקן פאַרהוילענעם כוח, וואָס באַוועגט דעם גאַנג פון לעבן און מאַכט אָפט מאָל צו־נישט די אַלע פריערדיקע זעאונגען און אויסרעכענונגען פון מענטש. דאָס איז דער כוח וואָס ווערט לכתחילה ניט דער־קענט, און ווען ער באַווייזט זיך יאָ, איז ער אומגעצוימט און מאַכט צונישט די תמימותדיקע פרייד פון מענטש און פאַר־ביטערט זיין לעבן. דאָס איז אָבער ניט פאַטאַליזם, וואָס פירט דערצו, אויך ניט מעטאַפיזיקע. די אַלע פלאָגן און שטרויכ־לונגען, וואָס קומען צו מענטש, ווערן גע־בראַכט פון מענטש גופא. מענטש זעלבסט איז שולדיק אין דעם. עס שטאַמט ניט פון דרויסן, עס איז באמת פאַרוואָרצלט אינעם עצם מהות פון מענטש, פאַרוואָרצלט אין אים גייסטיק ווי פיזיש.

עגנון ברענגט בולט אַרויס די טראַגי־שע ראַנגלעניש פון מענטש קעגן די כוחות וואָס שטערן זיין גליק און די מענטשלעכע אָנשטרענגונג צו דרינגען אין די סודות פון דעם תהום פון לעבן. פון די העלדן אין עגנונס דערציילונגען שטראָמט אַרויס אַ פאַרהוילענע און אויס־טערלישע ליכט. זיי זיינען אָנגעלאָדן מיט אַ קאָנצענטרירטער ענערגיע. אפילו וואָס עס זעט אויס למראית עין צו זיין גאָר אומוויכטיק, באַקומט ביי עגנונען אַ גרויסן באַטייט און ער דרינגט דורך דעם אין די טיפע סודות פון מענטשלעכן גייסט. עגנון — דער טיף־זעער וואָס ער איז — לאָזט ניט אויס דעם מינדסטן דעטאַל אין דער נשמה פון מענטש, וואָרעם ער זעט קלאָר ווי פון דעם מינדסטן אַנטוויקלט זיך מיט דער צייט דער תוך־תוכן, דער סאַמע עיקר וואָס געשטאַלטיקט זיך אין לעבן. עגנון איז אָבער פול מיט גלויבן. זיין גאַנצע שעפערישקייט איז געווידמעט דעם אָנדייט אויף קדושה, וואָס ער דרינגט פון לעבן און איז אַ רוף אָנצופילן עס מיט אַ גייסטיקן אינהאַלט, אָפּצואָווענדן זיך פון טפל בכדי צו גרייכן גייסטיקע שלימות, וואָס פירט צו נשמה־דערהייבונג און מתיקות הנפש.

עגנון, ווי פריער דערמאָנט, שרייבט רואיק, געמיטלעך. דאָס איז די גרויסע קונסט מיט וואָס זיין טאַלאַנט איז גע־בענטשט. די דאָזיקע געמיטלעכקייט איז אָבער בלויז אַ דרויסנדיקע, אַ סטיליס־טישע. אונטער דעם איז פאַרהוילן גרויסע דינאַמישקייט, און די דינאַמישקייט שטראָמט בולט אַרויס פון דעם אינהאַלט פון וואָס ער דערציילט, פון דעם סוד־סודותדיקן גייסט פון דעם העלד וועמען ער באַשרייבט. פון דער באַזונדערער רואיקייט פון עגנונס סטיל, פון זיין קלאַ־סישער שלימות, דרינגט אַרויס אַ ראָמאַנ־טישער געפיל פון אומרו, פון גרויסער גלוסטונג. זיינע דערציילונגען, וואָס פאַר־כאַפּן דעם געמיט מיט זייער שיינער אויבנ־אויפיקייט, באַרוישן מיט זייערע דער־

שיטערנדיקע אינערלעכע איבערלעבונגען, מיט דער קינסטלערישער מאַניפּולאַציע צווישן פּאָבולערער ליריק און העלדישן עפּאָס.

עגנונס שעפערישקייט איז גרינטלעך יידיש. אין דעם יידישן מקור געפינט עגנון דעם עיקר פון מענטשלעכער נשמה, און הערלעכע שיינקייט דרינגט ער פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט. ער זינגט דאָס געזאַנג פון פאָלק, וואָס איז דאָס געזאַנג פון זיין אייגענער נשמה. דערביי איז דאָ אַ קעגנזייטיקע ווירקונג: דורך דער עשירות פון זיין אייגענער נשמה האָט עגנון דערקענט דאָס פאָלקס־געזאַנג, און דערקענענדיק פאָלקס־געזאַנג האָט זיין נשמה געקראָגן איר גרויסע עשירות.

מיט אַ צייט צוריק האָט עגנון באַקומען אַן אויסצייכענונג פון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט (פּראָפ׳ אברהם קאַטשעס אָפּטייל פאַר העברעאישער קולטור). האָט ער ביי אָט־דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ רעדע, וואָס איז פאַר אים זייער כאַראַקטעריסטיש. ער האָט אָנגעהויבן פון בראשית — פון די צוויי און צוואַנציק אותיות פונעם אלף־בית און וואָס די יידישע טראַדיציע האָט וועגן דעם געזאָגט. אין קורצע לירישע ווערטער האָט ער איבערגעגעבן דעם שאַפונגס־גאַנג אין די אותיות דורך דער יידישער געשיכטע ביז דעם מאָדערנעם שאַפן אין העברעאיש — און ווען אַ שרייבער דאַרף געבוירן ווערן, נעמט דער רבש״ע אַרויס פון זיין אוצר אַ געוויסע צאָל אותיות פאַרן שרייבער צו געברויכן. און ער האָט ווייטער געזאָגט:

„אָבער גאָט איז ניט קיין פאַרשווענדער. אַז ער גיט, גיט ער מיט אַ מאָס. איז דער שרייבער אַ קלוגער, טראַכט ער און רעכנט און ציילט איטלעכן אות איידער ער שטעלט אים אַריין אין זיין שרייבן. איז דער שרייבער ניט קיין קלוגער, פאַרשווענדט ער די אותיות אויף זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין ווערט. און עס געפינען זיך צווישן אונדז מענטשן, וואָס מען רופט שרייבער, וואָס פאַרברויכן די אותיות אויף פּוסטע נאַרישקייטן. זאָל דער אויבערשטער אונדז אויסהיטן פון זיי און זייער שרייבן.

„אויך אויף מיר איז געקומען די גזירה צו זיין אַ שרייבער. אַ מענטש פון פאָלק בין איך, פון די קינדס קינדער פון די יידן, וואָס אַז מען האָט באַדאַרפט זיך מוסר נפש זיין, האָבן זיי זיך מוסר נפש געווען. האָב איך אָנגענומען די גזירה, און איך טו וואָס עס איז אויף מיר נגזר געוואָרן. מ׳האָט מיר געגעבן אַזויפיל און אַזויפיל אותיות און איך שרייב מיט זיי.

„איך באַרים זיך ניט, אַז איך האָב טאַקע מדקדק געווען ביי יעדן אות וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן. איך האָב אויך, אין שוועריקייטן, פאַרברויכט אותיות פון דער הייליקער שפּראַך ניט ווען איך האָב עס דורכאויס געמוזט, צי טאַקע באַדאַרפט. אָבער איין זאַך קאָן איך זאָגן פאַר אייך, מורי ורבותי, און אפילו פאַרן בית־דין אויבן, אַז איך האָב זיך זייער און זייער באַמיט אויפצוהיטן די אָרדענונג פון וואָרט, עס זאָל ניט גיין לאיבוד. און אויב דער יצר־הרע האָט מיך פאַרפירט צו שרייבן וואָס איז ניט געווען דורכאויס נויטיק, האָב איך אויך געשריבן אַנטקעגן דעם עפּעס, וואָס איך וועל זיך ניט שעמען מיט דעם, ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט.״

צווישן ליטעראַטור קריטיקערס ווערן געמאַכט אַלערליי השערות מכוח דעם ווער פון די יידישע אָדער וועלט־שרייבערס האָבן געווירקט אויף עגנונס סטיל פון שרייבן. דערביי ווערן אָפט דערמאָנט: מענדעלע מוכר ספרים, קאַפקאַ, אפילו קנוט האַמסון. עגנון קלערט אָבער אויף, אַז ער איז ניט באַאיינפלוסט געוואָרן פון קיין שום שרייבער אָדער ווערק, ניט אין

דער יידישער און ניט אין דער וועלט־ליטעראַטור. עס איז טאַקע אַ גרויסער חידוש, אָבער עגנון דערציילט, אַז ער האָט קיין מאָל ניט געלייענט מענדעלעס ווערק. האַמסונס ווערק האָט ער יאָ געלייענט, אָבער זיי האָבן אויף אים קיין איינדרוק ניט געמאַכט. פון קאַפקאַס ווערק האָט ער געלייענט בלויז צוויי דערציילונגען און פון זיי „נישט געהאַט קיין גרויסע הנאה.“ וואָס שייך סתם איינפלוס, זאָגט עגנון: „עס איז נישט פאַראַן קיין איין שרייבער, וואָס איז נישט באַאיינפלוסט פון אַנדערע. זינט דער חומש בראשית ביז היינט גייט אַן די קייט פון השפעות פון איין ספר אויפן אַנדערן, און פון מענטש אויף מענטש.“ אַ מענטש מוז דאָך באַאיינפלוסט ווערן, ווייל, זאָגט ער, „אַ מענטש וואַקסט דאָך ניט אַרויס סתם פלוצלונג פון דער ערד.“

„ווען עס קומט צו רייד וועגן מיינע שרשים,“ האָט עגנון אַמאָל אויפגעקלערט אויף זיין געוויינלעכן באַשיידענעם שטייגער, „זיינען זיי דאָך שוין פעסט איינגעשטעלט אין תנ״ך, גמרא, מדרשים און אַנדערע ספרים פון אונדזערע חכמים. ווער עס דענקט אַז מיינע דערציילונגען זיינען סטיליזירט, האָבן אַ טעות. איך שרייב ווי איך קען, אָדער ווי איך ווייס ווי צו שרייבן. איך האָב ניט די כוונה צו 'סטיליזירן.' איך שרייב ווי מיין פאָטער האָט געשריבן, ווי מיין זיידע האָט געשריבן. אמת, מיין זיידע האָט ניט געשריבן קיין דערציילונגען — ער האָט געשריבן הלכה, אָבער ס'איז ניט אַזוי ווייט אַוועק איינס פון דאָס אַנדערע. זיינע ספרים באַשעפטיקן זיך דאָך ניט מיט אַבסטראַקטע הלכה, נייערט מיט די געזעצן פון לעבן.“

אהודה רונת / תל־אביב

## קיינער נישטאָ

קיינער נישטאָ
ווען ס'קומט די שעה
פון די טייכן
זיך אויפצוהויבן,
באַגנעדיקן די וואָלקנס
פון מיין גלויבן.
גוט פאַראַנקערט צו דיין שטאָם
כ'וויין די פרייד פון תחינה־פלאָם.
אָבער דו,
ווי אַזוי דו
זינגסט אינגאַנצן נישט מיין זיין,
טרינקסט אַ טראָפּן נישט פון פיין,
שאַרסט נישט אַוועק
פון פייער־ברעג
דעם שווערן שאָל
פון תפילה־טעג ?

## אינטערמעצאָ

באַצירט פון נישט־בענקען
שמייכלען די בלעטער.
פריי פון פאַרשקלאַפונג
רוט אוים מיין טרוים.
קיין קלאַנג פון פאַרלאַנגען.
כ'וויל שוין נישט מער
צו קיין שווידער באַלאַנגען.
קאַלירן פון אמת
ווי גראַ ס'זאָל נישט זיין.
שטאָלץ אין דער שטילקייט
אַן ציטער,
אַן שטורעם,
דער בוים.

נעלי זאַקס / שטאָקהאָלם

יידיש: יעקב שמואל טויבעס

# לאַנד ישראל

לאַנד ישראל,
וואָס אַמאָל איז דיין ווייטקייט אויסגעמאָסטן געוואָרן
פון דיינע קדושים, וואָס האָבן איבערגעהעכערט דיין האָריזאָנט.
דיין מאָרגנלופט, וואָס איבער איר האָבן גערעדט די ערשטלינגען פון גאָט,
דיינע בערג, דיינע קוסטעס,
אויפגעלייזט אין דעם פלאַמיקן אָטעם
פונעם סוד, דעם שווידערלעך דערגענטערטן.

לאַנד ישראל,
אויסדערוויילטער שטערן־אָרט
פאַר דער הימלישער נשיקה!

לאַנד ישראל,
איצט בעת דיין פאָלק, פאַרסמאַליעט פון מיתה,
ציט אַריין אין דיינע טאָלן
און אַלע ווידערקולות רופן אויס די ברכה פון די אָבות
פאַר די צוריקגעקומענע,
דערציילנדיק זיי, וואו — אין אַ ליכטיקייט אָן שאָטן —
איז אליהו הנביא געגאַנגען מיטן פויער ביים אַקעראייזן,
וואו דער אזוב־צווייט איז געוואַקסן אין גאָרטן
און שוין לעבן דעם מויער פון גן־עדן —
וואו דאָס שמאָלע געסל איז פאַרלאָפן צווישן דאָ און דאָרט,
דעמאָלט ווען ע ר האָט געגעבן און גענומען ווי אַ שכן
און דער טויט האָט ניט געדאַרפט קיין וואָגן פאַר זיין שניט.

לאַנד ישראל,
איצט בעת דיין פאָלק
קומט אַהיים, אַ פאַרווייטס, פון די ארבע פנות העולם,
כדי אויף דאָס ניי צו שרייבן אין דיין זאַמד דוד המלכס תהילים
און בעת מען זינגט אין אָוונט נאָך דער שניטצייט
דאָס ערב־יום־טובדיקע וואָרט פ אַ ר ע נ ד י ק ט —

איצט שטייט אפשר שוין אַ נייע רות,
האַלטנדיק אין אָרעמקייט אירע אויפגעקליבענע זאַנגען
אויפן שיידוועג פון אירע וואַנדערונגען.

שאול מאַלץ / ניו־יאָרק

# דער אויסטרעטער פון נייע וועגן פאַרן ליד

## (צו יעקב גלאַטשטיינס 70 יאָריקן געבוירנטאָג)

ווען מ׳וויל אָפּשאַצן יעקב גלאַטשטיינען צו זיין 70 יאָריקן געבוירנטאָג, איז ניט גענוג אָנצואווייזן אויף דעם דיכטערישן וועג זיינעם בלויז, ווייל יעקב גלאַטשטיין איז ניט נאָר אַ דיכטער; ער איז דער קריטיקער, וואָס זאָגט שטענדיק אַרויס זיין מוטיק וואָרט. זיינע ביכער: „אין תוך גענומען״ און „מיינע פּאַרטאָגיקע ביכער״ זיינען עדות אויף דעם. ער איז דער פּובליציסט, וואָס וועט זיך שטענדיק אַרויסשטעלן קעגן עוולות און רשעות און דעם כבוד פון יידישן וואָרט. איז, ווי געזאָגט, זייער שווער צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון יעקב גלאַטשטיינס פילזייטיק שעפערישקייט.

אויב מ׳וויל אָננעמען דעם אויסטערלישן וועג, ווי יעקב גלאַטשטיין האָט דעביוטירט אין „די פרייע אַרבעטער שטימע״, דאַרף עס זיין אין יאָר 1918. די מעשה איז געווען אַזאַ: יעקב גלאַטשטיין האָט, ווי יעדער יונגער דיכטער, זיך געריסן געדרוקט צו ווערן, אָבער די לידער וואָס ער האָט צוגעשיקט צו יאַנאָווסקין, דעם רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, זיינען צוריקגעוויזן געוואָרן און מסתמא מיט אַן ענטפער אין דעם באַרימטן „בריווקאַסטן״, האָט זיך גלאַטשטיין מישב געווען און צוגעשיקט לידער אונטער דעם אויסגעטראַכטן נאָמען „קלאַראַ בלום״ און די לידער האָט יאַנאָווסקי יאָ געדרוקט.

ס׳איז אַ קוריאָז, וואָס געדענקט, זיך, אָבער מערקווירדיק, שוין אין די ערשטע לידער זיינע איז גלאַטשטיין געווען דער רייפער דיכטער. אין זיין גאַנצן שאַפונגסוועג האָט ער ניט אַרויסגעוויזן קיין בלאַנדזשעניש, ווי ס׳געשעט אָפטמאָל מיט דיכטער ביז זיי געפינען דעם ריכטיקן וועג..

דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין האָט באַוואוסטזיניק אָנגעהויבן גיין זיין גאַנג אין דער יידישער פּאָעזיע און מערסטנס איז ער געגאַנגען קעגן שטראָם; קעגן אָנגענומענע פאָרמען. ער איז געווען דער בונטאַר, וואָס איז געקומען באַנייען דאָס ליד, דעם אימאַזש, דעם אויסדרוק. מיט זיין וואָרט איז ער געווען דער אויסטרעטער פון נייע וועגן. שוין אין בראשית פון זיין שאַפן האָט דער דיכטער גלאַטשטיין אויסגעזונגען זיין רייף און מוטיק ליד. אַרום אים איז די פּאָעזיע געווען צעטיילט אין לאַגערן; פון איין זייט, די קאָנפאָרמיסטישע שול. דיכטערס האָבן נאָכגעזונגען די פלעיאַדע אַרבעטער־דיכטערס: עדעלשטאַדט, באָוושאָווער און ראָזענפעלד, און זיי האָבן שוין אויסגעזונגען אַלץ, וואָס איז געווען צו זינגען וועגן דער „סוועטשאָפּ״ עפּאָכע. פון דער אַנדערער זייט האָבן מיט קול־קולות געשריגן אין רוסלאַנד די דיכטערס זייערע פּראָלעטאַרישע פּלאַקאַטן. גענוג צו דערמאָנען אַלעקסאַנדער בלאָק און מאַיאַקאָווסקי (וואו זיינען זיי היינט?). אין אַזאַ צייט איז גלאַטשטיין געקומען זוכן אַן אייגענעם דרך אין ליד, נייע אויסדרוקמעגלעכקייטן און הויפּטזעכלעך, האָבן דעם מוט אויסצוזינגען דאָס דיכטערישע וואָרט אין אַן אַרום, וואָס איז צעפרעסן פון ספקות.

פון זיינע פריסטע לידער האָט שוין ער געעאַנט. נביאיש ממש, וועגן דעם באחרית הימים, פּאַראויס געפילט די

צייט, ווען די שלווה וועט ווערן אָפּגעטאָן פון אונדז. ווי יעדער דיכטער, איז ער געווען באַהויכט מיט דער נביאישקייט, פונקט ווי יעדער נביא איז באַהויכט מיט פּאָעטישקייט. דאָס זעט מען, ווען דער דיכטער גלאַטשטיין זינגט דאָס ליד „אונדזער דור״:

ס׳ציטערט די קנויט פון אונדזער דור,
האָ, מענטשן רגע׳דיקע.
לאָמיר אויף גיך אויסקריצן אין מאַר־
מאָר אונדזערע מעשים.
אין ביכער פאַרשרייבן אונדזער נאָמען.
ציגל צו ציגל לייגן פאַר אונדזער רום.
וועלן מאַרמאָר און ביכער וועגן אויף
אונדזערע קינדער
און בלאָנדזשען וועט כאָטש אונדזער
האַנט אין רוים,
ווען עס וועט אָפּצאַנקען די קנויט פון
אונדזער דור.

אַזאַ שטאַרקער זאָג איז בלויז צוגע־פּאַסט צו אונדזער דור און אונדזער צייט. און דאָס ליכט האָט דער דיכטער געזונגען אין אָנהויב פון זיין שאַפן, אומגעפער אין 1919, אָבער אַ ליד אויף אַזאַ טעמע ווערט, ווייזט אויס, קיינמאָל ניט פאַר־עלטערט.

אַ סך פון זיינע פריע לידער האָט דער דיכטער געזונגען אויף אוניווערסאַלע טע־מעס. קאָסמאָפּאָליטיזם איז אַמאָל געווען דער דרך פון אַ סך פּאָעטן. באַלד אָבער רייסט גלאַטשטיין איבער דעם גאַנג פון זיינע לידער; די לידער פון פריִע פערזן און „קרעדאָס״, ווייל דער דיכטער, ווי געזאָגט, אַנט שוין פון אַ טרויעריקע צייט. עס רוקט זיך אָן דאָס 33טע יאָר. נאַצי־שע פּאַנען הויבן אָן צו ווייען. דאָס זיינען פאָנען פון שנאה און שחיטה. אין דעם דיכטער גלאַטשטיין וואַכט אויף דאָס גע־פיל פון אחריות פאַר זיין ברודער, פאַר דעם מיטמענטש. אין טעג פול מיט צער, שרייט דער דיכטער אויס דעם פּראָטעסט פון דעם יידן, וואָס די וועלט האָט אָפּגע־נאַרט און איצט שטייען פעלקער און קוקן זיך קאַלטבלוטיק צו ווי מ׳ברענט שול און ספרי־תורות; ווי מ׳צעלייגט פייערן — שייטערהויפנס פון ביכער, ווי מ׳טוט אָן צוריק דעם יידן די פאַרשאָלטענע געלע לאַטע; ווי מ׳טרייבט יידן אויף די נאַקעטע פעלדער פון זבאָנזשין; ווי די שיף „סט. לואיס״, אָנגעלאָדן מיט יידן, זוכט אַ ברעג אָבער די הערצער פון פעלקער זיינען פאַרשטיינט. דעמאָלט שרייט דער דיכ־טער אויס: אַ גוטע נאַכט, וועלט!

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט,
אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע געשמדטע
שפּורן...

און נאָך דעם, ווי דער דיכטער שרייט אויס:
חכם, וועלט, אויף דיינע טרפהנע קולטורן
— ענדיקט ער דאָס ליד:
איך גיי צוריק צו דלד אמות.
פון וואַגנערס געץ־מוזיק צו ניגון,
ברומען.
כ׳קוש דיך, פאַרקאָלטנט יידיש לעבן.
ס׳ווײנט אין מיר די פרייד פון קומען.

אָט־דער מאָטיוו: אַ גוטע נאַכט, וועלט, ציט זיך דורך אַ סך לידער. די טעמע ווערט ביי גלאַטשטיינען אויסגעזונגען אויף אַ סך אופנים. אפילו אין דער מאָנו־מענטאַלער פּאָעמע: „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר,״ וואָס אין פלוג דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען פאַרשידנאַרטיקע טעמעס, אָבער אויך דאָ איז אַריינגעוועבט דער געשריי פון פּראָטעסט.

**זאָגט דער בראַצלאַווער:**

גרויסער גאָט, גיב מיר כוח צו זען
אַלע צרות וואָס וועלן קומען אויף יידן,
כדי מיין האַרץ זאָל ווי אַ שערבעלע
צעבראָכן ווערן
אויף שטיק־שטיקלעך;
כדי איך זאָל זיין אַ משתתף,
אַז כ׳זאָל פאַר אַלץ ליידן, ליידן.
כי אתה יודע, ווער נאָך ווי דו ווייסט
מיט וויפיל פורעניותן
ס׳וועלן דיינע קינדער געפרואווט ווערן...

**דאָס געשריי פון פּראָטעסט איז איידל אַריינגעוועבט אין די רעיונות פון דעם בראַצלאַווער, וועלכער גייט אַרום און רעדט אַרויס אין דער הויך זיינע געדאַנקען און דער סופר, נתן, זיצט און פאַרשרייבט. אין דער פּאָעמע איז דאָ אַ סך מאָרבידקייט. עס האָט אָבער אַנדערש ניט געקענט זיין. די צייט האָט אַזוי גורם געווען. ווי אַנדערש האָט אַ דיכטער געקענט זינגען? די נאַצי־רוצחים האָבן חרוב געמאַכט אונדזערע שטעט און שטעטלעך; האָבן אָנגעצונדן גיהינום־פייערן און צעשטעלט גאַז־אויוונס אומצוברענגען אונדזערע ברידער און שוועסטער. ווי אַנדערש האָט אַ דיכטער געקענט זינגען?**

**גלאַטשטיין האָט זיך געשטעלט בבחינת דעם בראַצלאַווער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אוהב ישראל און מיט זיינע רייד באַוויינט ער דעם יידישן גורל. אויך אין דער פּאָעמע „יאָסל לאָקש פון כעלם", וואָס איז געשריבן אין פאַלקסטאָן און אַביסל לצנותדיק, דאַך הערט מען מינאָרמאָטיוון. דער דראַנג נאָך יושר שרייט איכהדיק אַרויס פון דער פּאָעמע:**

ווער קאָן פאַרטראָגן אַ יונגן יתומס געוויין?
אָדער די טרערן פון אַן אָרעמער אַלמנה?
דעם עלנט, ווי אַ שטיין, פון אַן עקרה,
אָדער די פאַרשעמטקייט פון אַ מיאוסער
עגונה?
אָבער ערגער פון אַלץ איז
דער שטומער צער
פון אַ געשלאָגן פערד...

* * *

**און נאָך דעם ווי דער דיכטער שפּינט די חלומות פון „יאָסל לאָקש פון כעלם", וואָס שפּאַנט מסתמא אין זיין חדר אַהין און צוריק אַ צעטראָגענער, אָבער פּלוצלונג גיט ער זיך אַ שטעל אַוועק און שרייט אויס:**

זאָל ער געבן יושר, אויסגלייך.
איין מאָס פאַר אָרעם און רייך.
איין מעסטל גערעכטיקייט
פאַרן תקיף און געמיינעם מאַן.

**די צוויי גרעסערע פּאָעמען זיינען געווען אַ ווענדפונקט אין גלאַטשטיינס שאַפן. זיינע לידער זיינען געוואָרן עכט־יידיש. ער האָט פאַר אונדז געזונגען פון דעם שבת און דעם יום־טוב און די גרויע וואָך, וואָס אָן איר איז ניטאָ קיין שבת און קיין יום־טוב. אויך אין די מאָטיוון האָט גלאַטשטיין עפּעס מחדש געווען. דער אופן פון זיין זינגען איז דאָס געזאַנג פון דער באָבעס לייענען דעם טייטש־חומש און פון „גאָט פון אַברהם", וואָס אונדזערע מאַמעס און באָבעס האָבן אויסגעזונגען אין די בלוילעכע שבת־צו־נאַכטסן. קיין שענערע שורות, ווי אין דעם ליד „פאַרטריפטע לייכטער," איז גאָר ניט בנמצא אין דער יידישער פּאָעזיע. אָט הערט אַקאָרשט:**

דרויבס און אויבס און שאַלעשידעס,
דורכן פענצטער רייט אַ שטערן.
וועט דאָ פאַרפאַלן ווערן.
רעד אָפּגעריסענער אורח שאַבעסקוידעש
אַ געפּרעפלטע לאַוועמאַלקע
ברומט באַקאַבע צו דעם גוטוואָך,
וועקסלוועקסל, צאַלנצאַלן

זונטיק־מאָנטיק־דינסטיק־מיטוואָך.
געלפּאַרוועלקט די זילבערבאָרד.
דאָס געמיט שוואַרץ און הונטיק.
פולוואָך עפּנט הונגערפּיסקעס,
בײַ דער טיר גראַבלט זונטיק.

אַזאַ ליד וואָלט זיך געוואָלט ציטירן אין גאַנצן. יעדע שורה איז אַ קנופּ בענקענישן נאָך אַ פאַרגאַנגען לעבן — אַ לעבן, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן פון רוצחים.

גלאַטשטיינס אהבת ישראל צעבליט זיך ווי אַ מאַנדלשטעקן — אגב זײַנער אַן אויסדרוק. די חורבן־לידער, די קינות אויף דעם חורבן פון יידישע שטעט, וואָס האָבן געשפּרודלט מיט שעפעריש יידיש לעבן. די לידער שטעלן אַוועק גלאַטשטיינען אין די פאָדער־רייען פון נאַציאָנאַלע פּאָעטן. דאָס זײַנען ניט קיין לידער וועגן חרובע יידישע שטעט; דאָס זײַנען פּיוטים ממש, אָבער אין די פּיוטים גנבענען זיך אַרײַן מחשבות פון פּראָטעסט:

דו האָסט ניט געשיצט די יידישע שטעט,
די ווישט פאַרפּעסטיקט,
דינעי די הייליקע אותיות
אָפּגעשפּרונגען פון לעבן.
איצט הענגען פּסולע נעמען
אויף בײַשטידלען פון וויסטע וועגן.
אַלע גרענעצן פון דער וועלט זײַנען טמא.

דער דיכטער שלאָגט דאָ אָן דעם נביאישן טאָן פון אַ יחזקאל הנביא. יועלכער רופט די טויטע ביינער צום לעבן, אָבער בײַ יחזקאל זײַנען די עצמות היבשות געקומען צום לעבן, און די יידישע שטעט זײַנען אויף אייביק שוין פאַרבליבן חרוב. מיר ווערן מיטגעריסן מיט יעקב גלאַטשטיינס חורבן לידער, וואָס וואָלטן גלײַכער געווען אָנגערופן צו ווערן ק י נ ו ת. זיי זײַנען אָנגעהויכט מיט אַ סך צער. אין זיי בליצן אויף זכרונות פון דער אַלטער היים און ספּעציעל ל ו ב ל י ן, גלאַטשטיינס געבוירן־אָרט. און לובלין, כידוע, האָט געצויגן דעם יחוס פון ועד ארבע ארצות. און בײַ די פּרנסים איז דאָך אהבת ישראל געווען אַזוי שטאַרק ווי אהבת המקום. האָט דער גורל דווקא געוואָלט אַז בײַ לובלין זאָל זיך געפינען טרעבלינקע און דער רויך פון די גאַזאויוונס זאָל אויפגיין—מאָדערנע מזבחות, וואָס רוצחים האָבן געבויט.

גלאַטשטיינס חורבן ליד איז פול מיט רחמים. ער דערמאָנט די גוטע מידות פון דעם יידן, וואָס האָט געלעבט אַן אײַנגעוואָרצלט טראַדיציאָנעל לעבן. בײַ די יידן האָט געטליעט דער פונק פון רחמנות צו זײַנע מיטמענטשן, צו דעם געפאַלענעם. דאָרט האָבן די אָרעמע געהאָלפן דעם אָרעמען און די געפאַלענע האָבן געהאָלפן דעם געפאַלענעם. און איצט איז אַלץ אַזוי גרויליק פאַרשניטן געוואָרן. אָבער דער דיכטער רופט ניט צו פאַרגעבן און ניט צו פאַרגעסן. אויפן אָרט זאָגט דער דיכטער:

פאַרוואָגלטער רוצח, זיי וויסן,
דו האָסט געבראַכט אויף דער וועלט דײַנער,
אויף אַלע אייביקייטן,
די קללה פון אַ טויט הארץ.

— — — — — — — — — — —

רעד זיך ניט אײַן,
אַז דאָס קען געשענקט ווערן...

דאָס איז וועגן ניט פאַרגעבן, און וועגן ניט פאַרגעסן זאָגט דער דיכטער:

אין טאָג ווען כ׳וועל בויען מײַן הויז,
אויב פאַרגעסן וועל איך אין די יידישע
שטעט
זאָל פאַרשטומט ווערן מײַן צונג,
פאַרטרויעריקט ווערן די בויערישע האַנט...

אַזוי זינגט אַ דיכטער מיט אַ גרויס אַחריות געפיל צו זײַן פאָלק, צו דעם

קיום פון זיין אומה, וואָס איז דורך טויזנ־טער יאָרן געהייליקט געוואָרן אויף פּיי־ערן פון אומקום.

נאָך אַ פּאַוזע אין גלאַטשטיינס שאַפן איז זיין אָננעמען זיך פאַר יידיש. גלאַט־שטיין נעמט זיך ניט נאָר אָן פאַר יידיש אין זיינע אַרטיקלען אָדער אין זיינע עפנ־טלעכע אַרויסטריטן, נאָר אויך מיט זיין דיכטעריש וואָרט מאָנט ער און פּריידיקט חשיבות צום יידישן וואָרט. זיינען טאַקע די לידער פריי ווי דער ריח פון בשמים. זיי וועקן אין אונדז אויף אַ נאָסטאַלגיע נאָך פאַרגאַנגענע טעג. זיי זיינען פול מיט אהבת יידיש:

מיין באָרוועסער טאַטע
מיט זאַק אויף די פּלייצעס
שפּאַנט דורך שמאָלע געסלעך,
ווייט פון פרעמדן ליכט,
מיט פולן יידישן וואָרט אין מויל,
זינגט כי טוב פאַר זיך.
און ס'גייט אויף דאָס יידישע וואָרט
אויף ביינאַכטיקע פעלדער
ווי מורמלענדיקער גערשטן.

דער באָרוועסער טאַטע גייט אין די שמאָלע לובלינער געסלעך און טראָגט דעם חלום יידיש אויף די ליפּן און דער זון זיינער כאַפּט אויף דאָס געזאַנג און צעטראָגט עס אין די לאַבירינטן פון מעט־ראָפּאָליס:

אָ, לאָזט מיך צו צו דער פרייד פון
יידישן וואָרט.
גיט מיר גאַנצע, פולע מעת־לעתן.
פאַרקניפּט מיך, פאַרוועבט מיך,
טוט מיך אויס פון אַלע אייטלקייטן.

— — — — — — — — — — —

לאָזט מיך ניט דאָס יידישע וואָרט
אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן.

דאָס געזאַנג צו יידיש דערהייבט גלאַט־שטיינען צו דער העכסטער מדרגה. דער דיכטער קען מיט זיין וואָרט הייליקן יע־דעס אָרט. דאָס ליד „כ'רעד מיין לשון" האָט וווילקלאַנג, אימאַזש און סאַטירע:

כ'רעד מיין לשון שורותוויז,
די אונטערגייענדיקע זון
פלאַמגאָלדיקט יעדער וואָרט.
און דאָרט וואו איך שטיי
איז ס'הייליקע אָרט.

און מיר גלויבן דעם דיכטער, אַז וואו ער שטייט איז ס'הייליקע אָרט, ווייל ער האָט דאָס אָרט געהייליקט מיט זיינע לי־דער, וואָס ער האָט געזונגען שוין באַלד פופציק יאָר און אין די אַלע יאָרן האָט גלאַטשטיין פאַרבונדן זיין גורל מיטן גורל פון יידיש. ער האָט געזונגען דאָס יידישע ליד, וואָס איז געווען קערנערדיק פול מיט שטרעבן און חלום פון קיום און בטחון.

צום שלוס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַז פון אָנהויב פון זיין שאַפן איז גלאַט־שטיין געווען און געבליבן אַ זייל פון דער אינזיכיסטישער גרופּע, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „אין זיך". די גרופּע איז באַשטאַנען פון די דיכטער: יעקב גלאַטשטיין, א. לעיעלעס־גלאַנץ, נ. ב. מינקאָוו און אַנדערע. די דיכטער האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער יידי־שער פּאָעזיע. גלאַטשטיינס בוך „פון מיין גאַנצער מי" (אַרויס אין 1956) אַנט־האַלט אַ סך פון די לידער געדרוקט אין דעם זשורנאַל „אין זיך" און האָבן מיט זייער נייקייט אויסגעטראָטן נייע וועגן פאַרן יידישן ליד. די לידער האָבן גע־בראַכט נייע אימאַזשן, אויסדרוקן און באַ־גריפן. ביים אויסטרעטן די נייע וועגן איז דער אינזיכיזם געווען פאַר אַ לייכט־טורעם, וואָס האָט דערפירט דאָס ליד צו נייע הויכן.

ברכה קודלי

## בראשית ברא...

געבענטשטער „בית",
ס'איז דיר צוגעטיילט געוואָרן
די זכיה — **ראשית**
צו זיין דער ערשטער אות
צו אַנטפּלעקן
אין דער איינמאָליקער שורה —
בראשית ברא...

און כאָטש דו ביזט דער צווייטער
אין דער שנור פון יידישן אלף-בית
ביזטו דער מחותן הראשון
ביי דער השגחה
אין דיין הצלחה
אויפצורוישן אין דעם וואָרט,
וואָס טוט אַ קלונג ווי אַ גאָלדנער גלאָק:
א ב ו ת י נ ו.

אין דעם הייליקן וואָרט,
וואָס איז תורה פאַר אַלע צייטן
ביים איינציקן פאָלק פון „אחד"
ביזטו זיך מתיחד
מיטן וואָרט **נביאים**,
וואָס איז אייביקער קיום.

דו ווערסט געשעפּטשעט
יעדן פרימאָרגן פון יעדן ייד
ביים דאַוונען,
דאָרט — אין דער קדושה פון גלויבן
ביזטו דער ערשטער אות
פון די ברכות.

געבענטשטער „בית",
מיר איז אויך צוגעטיילט געוואָרן
די הצלחה —
צו התמענען מיט דיין קלאַנג
מיין יעדן ליד,
ווייל מיין באַשערטער נאָמען
איז **ברכה**.

## דער בלינדער פון פּיקאַסאָ

(פּאָרטרעט)

ווי אַ ריז,
וואָס רייסט זיך פון אַ קייט —
אַזוי רייסט זיך דער בלינדער
פון פינצטערניש באַגלייט
צו דערזען די וועלט.
דער קאָפּ פאַררייסן צו די הויכן
און צו קאָנפליקט פון טיפן בראָך —
פיבערט אין לייד
אַרויסצושרייען
די משא פון דער נאַכט אין זיך,
וואָס ער טראָגט ווי אַ שטיין
און די פרעמדקייט
צו זיך אַליין...
אין ריטם פון טיפן גאַרן
נאָך טרייסט —
דאָס מויל איז אָפן אין דערוואַרטן
און זוכט אַ וועג צו דערזען
דורך ליפּן-פּלאַטער.
די נאָז ווילד פאַרריסן
רייסט זיך אַריבערשטייגן
טראַגישן גורל
אין אַ פאַרשאָלטענעם פאַר-וואָס.
די אויגן — צוויי נעגאַטיוון
מיסטעריעז
פאַרוויקלט אין אייביקער נאַכט,
טרויערן די באַשערטקייט
פון ניט זיין.

צי שפּירן די וואונדן
אונטער דער הויט פון אַ בלינדן,
וואָס לעבט אַ פאַרלוירענער
אין טיפן טרויער —
און איבערזעצן אין שאָטנס
וואָס זיין פּנים זאָגט —
וויפיל רחמים און וואַרעמקייט
דאַרף איינער פאַרמאָגן.

לילי בערגער / וואַרשע

# זיין לעצטער פאַרלאַנג

אין טעלעפאָן האָט זיך דערהערט דער נאָמען, נישט דייטלעך, אָבער די קראַנקן־שוועסטער האָט דערקענט די שטימע. דערנאָך אַן אָפּגעהאַקטע גאַרגלעניש און אַ טראַסק פון טעלעפאָן־טרייבל. זי האָט אין איילעניש מודיע געווען דעם דאָקטער. גראַד איז אַן אויטאָ געשטאַנען פאַרן סאַמע טיר.

דער אַלטער דאָקטער האָט מיט יוגנטלעכן אימפּעט דורכגעלאָפן די עטלעכע טרעפּלעך, האַסטיק געעפנט די טיר און אַריין אין צימער. די שוועסטער האָט אים קוים אָנגעיאָגט און אַריין נאָך אים. אויפן בעט איז געלעגן דער גוף אָן פיס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַרויסגעריסענער בוים־שטאַם מיט די איבערגעהאַקטע וואָרצלען אַרויף. אויף דער ערד, לעבן בעט, דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אַ נאָטיץ־ביכל.

דער דאָקטער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן מענטשלעכן בינטל און צוגעלייגט דאָס אויער. דאָס האַרץ האָט נישט געקלאַפּט, דער פולס אָן מינדסטן צאַפּל, די אויגן פאַרגלייזט. די קראַנקן־שוועסטער האָט אויך גיך צוגעגרייט אַן איינשפּריצונג. ס'איז שוין נישט נויטיק געווען.

דער דאָקטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ווייכן שטול. אַנטקעגן אים זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן בעט צוויי הילצערנע פיס, לאַנגע, אומעטיקע, ווי לעבעדיקע שטומע עדות. ער האָט בייז געקוקט אויף זיי, ווי ער וואָלט צו זיי אַ טענה געהאַט, וואָס זיי שטייען זיך אַזוי רואיק, אָפּגעזונדערט פון באַלעבאָס זייערן, נישט אונטערגעהאַלטן אים אין זיינע לעצטע מינוטן.

* * *

וויקטאָר פּאַוולאָווסקי האָט נישט געקאָנט ליגן אין בעט מיט די פּראָטעזעס, צום לייגן זיך האָט ער געמוזט זיך שיידן מיט זיי. ער ווייסט דאָס דער אַלטער דאָקטער, וויקטאָר, פלעגט זיי אַראָפּנעמען ביים סאַמע בעט און זיי אָנשפּאַרן דערנעבן, אויב וואָס־ווען, זאָל ער זיי האָבן אונטער דער האַנט. אַזוי פון אָנהייב אָן. נישט ער זאָל זיי אַזוי ליב האָבן; פאַרקערט, ער פלעגט די ערשטע צייט נישט קענען קוקן אויף די „פאַרשאָלטענע, הילצערנע פיס", ער פלעגט זיי זידלען; נאָר בלייבן אָן זיי האָט ער נאָך מער נישט ליב געהאַט.

אויך דאָס האָט דער דאָקטער געוואוסט. ווי האָט ער נישט געקענט וויסן, אַז ער גופא האָט אים אַמפּוטירט די פיס, צעקוועטשטע, גאַנגרענירטע. זיין פּאַציענט האָט לאַנג זיך נישט געקענט צוגעוואוינען צו די פרעמדע, שטייפע פיס, פיינט געהאַט זיי אימת מות. ער פלעגט אָפּדרייען דעם קאָפּ, ווען מ'האָט זיי אים די ערשטע צייטן צוגעטראָגן, און אַז ער האָט געמוזט קוקן, האָבן זיך די אויגן־דעקלעך אַראָפּגעלאָזט, ווי פאַר אַ חרפה. דערמאָנענדיק זיך דאָס, האָט דער דאָקטער באַפוילעריש אַ געשריי געטאָן צו דער קראַנקן־שוועסטער: „נעמט זיי אַוועק פון דאַנען! וואַרפט זיי אַרויס!"

די קראַנקן־שוועסטער האָט זיי נישט אַרויסגעוואָרפן, בלויז אַריינגעטראָגן אין קיך. זי האָט שוין נישט וואָס צו טאָן, נאָר גיין אַרויסוואַרפן! און וואָס פאַר אַן אונטערשייד אין קיך אָדער ערגעץ אַנדערש? דעם געשטאָרבענעם איז שוין אַלצאיינס, אַבי אַוועקנעמען דעם דאָקטער פון די אויגן, כאָטש זי קאָן נאָך אָפּרייסן פון אים

א גאַב, אַז ער וועט זיי געפינען אין קיך. זי זעט שוין, ער וועט מיטן טויטן זיך אַזוי צערעמאָניען, ווי מיטן לעבעדיקן. נאָר זי וועט האָבן אַן אויסרייד, מ׳דאַרף קודם דערליידיקן די נויטיקע פאָרמאַליטעטן. ווער דען וועט אַלץ דערליידיקן? דער דאָקטער איז דאָך נישט נאָר זיינער אַ דאָקטער, נאָר אויך... ווער קאָן דאָס וויסן? מ׳זאָגט, אַז אַ קרוב, אַנדערע — אַז אַ פריינט פון פּאַוולאָווסקיס פּאָטער. אַזוי צי אַנדערש, מוז זי זיך פאַרנעמען מיט די פאָרמאַליטעטן.

זי האָט אויפגעהויבן פון דער ערד דאָס נאָטיץ־בלאָקל, אַרויסגעריסן אַ בלעטל, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן פאַרשריבענעם זייטל. זי האָט זיך געאיילט, גיך איפגעשריבן, דורכגעלייענט פאַרן דאָקטער און געוואָנדן צו אים די פרעגנדיקע אויגן.

— ניין, נישט וויקטאָר פּאַוולאָווסקי נאָר וויקטאָר גליקסמאַן. שרייבט: וויקטאָר גליקסמאַן־פּאַוולאָווסקי, געשטאָרבן פּלוצלונג פון אַ האַרץ־אַטאַקע.

די שוועסטער איז געשטאַנען אַ צעטומלטע, אַראָפּגעלאָזט די הענט און געקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן, ווי זי וואָלט נישט געוואוסט וואָס זי האָט צו טאָן. דער דאָקטער האָט אויפגעכאַפּט אירע פאַרלוירענע בליקן און נערוועז איבערגעחזרט:

— שרייבט ווי איך הייס, גליקסמאַן, מיין אַמאָליקער נאָמען. ער האָט געוואָלט צוריק ענדערן...

* * *

ווען וויקטאָר גליקסמאַן האָט געמוזט פאַרוואַרפן זיין יידישן נאָמען, האָט ער זיך געוויצלט: כ׳וועל פּטור ווערן פון אַ הוזק־נאָמען! אַ שיינער גליקסמאַן, אַז אַך און וויי! דער נייער נאָמען האָט אים אויך קיין גליק נישט געבראַכט. עטלעכע טעג נאָכן אַרויסגנבענען זיך פון געטאָ, גראָד ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון „מאַכער“ מיט די אַרישע פּאַפּירן אין קעשענע, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ „כאַפּונקע“. די גאַסן זיינען מאָמענטאַל געוואָרן אָפּגעשלאָסן, די הויז־וועכטער האָבן פאַרמאַכט די טויערן. אַזוי ווי אַ מויז אין אַ שטייג, איז ער געלאָפן פון איין טויער צום צווייטן, נאָך אים זיינען אַנדערע געלאָפן, אַ סימן, אַז צוריק טויג נישט; זיי זיינען שוין געווען ביים ראָג גאַס, ווי ס׳זיינען זיי אַנטקעגן געקומען זשאַנדאַרמען; קיין צוריק איז שוין נישט געווען.

מ׳האָט זיי אפילו נישט געפרעגט קיין פּאַפּירן, וואָס גליקסמאַן האָט געהאַלטן צוגעגרייט. אויפגעלאָדן די געכאַפּטע ווי שעפּסן און היידאַ צום פּאַוויאַק. ערשט דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיינע אַרישע פּאַפּירן טויגן דאָ אויף אַכציק כּפּרות; אַרישע פּאַפּירן זיינען דאָ נישט קיין סימן פון „גוטן“ אָפּשטאַם, זיי האָבן אַ סימן אין לייב; מיט די פּאַפּירן וועט ער נאָך פאַרערגערן; קלעפּ, לאַנגע אויספאָרשונג. שוין בעסער זיך מודה זיין, אפשר דורך אַ נס וועט ער געשיקט ווערן אין אַ לאַגער; אַ שטיקל שאַנס זיך אָפּצוראַטעווען. אַזוי פיל מאָל האָט ער זיך אַרויסגעדרייט און געמאַכט ויברח. ניין, פּאַפּירן לאָזט מען אַזוי שנעל נישט אַרויס פון האַנט. צום ווענטל וועלן זיי באַלד נישט שטעלן, צופיל אַנגעכאַפּט, ס׳ראַיעט זיך פון מענטשן, זיי מוזן דאָס אַלץ פריער „דורכזיפּן.“

ער האָט באַלד פון אָנהייב געהאַט דערשנאָפּט ווי ס׳גייט דאָ צו: סעגרעגאַציע, אויספאָרשונג, אָן איילעניש, בפרט נאָך אַזאַ געראַטעוועם שניט. אין אַזאַ גיהנומדיקן קעסל קאָן זיך אָבער נאָך עפּעס מאַכן, ביז ס׳ליגט נישט די פּעטליע אויפן האַלדז. נישט איין צופאַל האָט אים אַרויסגעראַטעוועט, קודם באַוואָרענען די פּאַפּירן, אין די שיך; זיי האָבן שוין נישט

איין מאָל אויסבאַהאַלטן עפּעס אונטער דער אַריינגעלייגטער זויל. די שיך נעמען זיי ניט אַראָפּ ביים אויספאָרשן, דזשענטל מענער, און אַז זיי נעמען אַראָפּ, דאַרף מען זיי שוין נישט, דעמאָלט וועט אים אַלץ איינס זיין וואָס ס'וועט ווערן מיט די שווער דעראָבערטע פּאַפּירן. דערווייל אָבער, ווי לאַנג מ'האָט נישט אויסגעהויכט די נשמה, מוז ער ראַטעווען די פּאַפּירן; פריער ער זיי... דערנאָך, אפשר זיי אים..

אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך ביי גליקס־מאַנען געפּלאָנטערט אין קאָפּ פון 18 יאָר צוריק, בעת ער איז געזעסן אויף דער קויטיקער פּאָדלאָגע אין דער אָנגעפּראָפּ־טער, שמוציקער, פאַרוואָנצטער קאַמער. דער געדיכטער גערוך פון שווייס, השתנה און בלוט האָט געזעצט אין נאָז. מיטאַמאָל האָט אים אָנגעהויבן צו איבלען, דער מאָגן האָט אים אַ שפּרונג געטאָן צום האַלדז. ער האָט געעפּנט דאָס מויל, גע־טאָן אַ מיאוסן שלוקערץ און זיך אָנגע־כאַפּט ביים בויך. די צוזאַמענגעדרענגטע מאַסע האָט מיט ווידערגעפיל אָפּגעקערט די אויגן. דער שכן פון רעכטס האָט אים געראָטן זיך לייגן אויף דער זייט און טיף אָטעמען מיט דער נאָז. „כ'בין אַ דאָק־טער," האָט ער געזאָגט, און צוגעדריקט זיך צום וואַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט זי פאַנאַנדעררוקן און מאַכן מער אָרט פאַרן קראַנקן זיך אויסצוציען. דער קראַנקער האָט, איינציענדיק די פיס, איינקורטשענ־דיק זיך אַוועקגעלייגט מיטן פּנים צום עלטערן שכן. ער האָט איצט אויף רעכט אַ קוק געטאָן אויף אים, אַ געדאַנק האָט אַ פּיק געטאָן אין קאָפּ: לעבן אַזאַ שכן קאָן מען דורכפירן די אָפּעראַציע. ער האָט אַראָפּגעצויגן די שיך, ווי זיך באַקוועמער צו מאַכן, גענומען זיי צו זיך, ווי זיי אויס־צובאַהאַלטן. די שפּיל האָט זיך איינגע־געבן.

דאָס איבעריקע איז שוין גאָר געווען אַ ריינער צופאַל. ביי דער בעסטער אָר־דענונג קאָן זיך אויך אַמאָל אַריינכאַפּן אַ שטיקל אומאָרדענונג, אַ פאַרזען. גע־שען איז דאָס מסתמא צוליב דעם גרויסן צופלוס פון געכאַפּטע. דער געשולטער פּערסאָנעל האָט פולע הענט אַרבעט, נישט געקאָנט גענוי אַלץ קאָנטראָלירן. גליקס־מאַן איז אַרויסגעפירט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע. דער טראַנספּאָרט איז אויסגעלאָדן געוואָרן אונטער די אַקאָמ־פּאַנימענטן פון ווילדע געשרייען, זידלע־רייען און קלעפּ. ער האָט זיי נישט גע־פילט די קלעפּ, די געשרייען האָבן אים נישט געאַרט; פאַרקערט, זאָלן זיי שלאָגן, זאָלן זיי ריטשען וואָס מער; זאָל די יוכע זיי פאַרגיסן די אויגן, זיי זאָלן אים נישט דערזען.

צו אַנטלויפן איז ער געווען פון לאַנג צוגעגרייט. זיינען 29-יעריקע פיס קענען נאָך לויפן, האָבן זיך געאיבט פון קינד־ווייז אָן, אין וועט־לויף אַמאָל אין „מכבי" איז ער דער ערשטער געווען. די סטראַ־טעגיע פון שפּרינגען פון אַ צוג האָט ער פון לאַנג איינגעשטודירט, אין פאַל אויב מ'וועט אַרויס אַרויספירן, וועט ער זיך נישט לאָזן פירן ביזן סוף, ס'זאָל נאָר זיין אַן אונטערשטע קלאַפּע, אַ פענצטערל, עפּעס אַן עפענונג.

נישט נאָר אַן עפענונג האָט זיך גע־פונען, נאָר ער האָט דערקענט די געגנט. ס'האָט אַביסל געדויערט, ביז ער האָט, צוקלעפּנדיק זיך צום פענצטערל, אָריענ־טירט זיך אין וועלכער ריכטונג דער אָנ־געפּראָפּטער בהמות־צוג גייט. אַן אויס־טערליש גליק: אין דער געגנט ערגעץ איז די זומער־ווילע פון זיינעם אַ פּראָפע־סאָר, ס'וואוינט דאָרט נאָר זיין אַלטע מו־טער, זי וועט ניט אָפּזאָגן, ער איז דאָרט אַמאָל געווען פאַרבעטן. מ'דאַרף אָבער צוואוואַרטן די נאַכט זאָל צופאַלן, אויפּ־פּאַסן, נישט אָפּצופאָרן צו ווייט.

דער טאָג האָט זיך געצויגן אַן אייביקייט. דער אָוונט איז געקומען נישט ווי אַ שנעלער רעטער, נאָר מיט פאַמעלעכע, צולהכעיסדיקע טריט. דער זומערדיקער בין־השמשות — אַ לאַנגער. דערנאָך האָט דער אָוונט אָנגעקליידט זיך אין העל־גרוי. דער פאַרבלאָמבירטער צוג שלעפט זיך אַזוי, אַז מען ווייסט נישט צי ער גייט צי ער שטייט. דאָס טעמפע, ריטמישע קלאַפן פון די רעדער מישט זיך אויס מיטן גערודער, קללות און קרעכצן. פון מאָל צו מאָל גיט דער צוג אַ ריס און די איינגעקאָרטשעטע גופים צעטרייסלען זיך, קלאַפן זיך אָן איינע אין די אַנדערע.

די פינצטערניש איז אָנגעקומען ראַפטאָם. אַ שוואַרצע, אַ געדיכטע. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער צוג איז הענגען געבליבן אין פינצטערן, ליידיקן חלל. אָט אָט רייסט ער זיך אָפ, שיט זיך אַראָפ אין אַן אָפגרונט און צעשמעטערט זיי אַלע אויף פיץ־פיצלעך. מ'דאַרף שפרינגען איידער ס'געשעט. מ'דאַרף זיך איילן איידער ס'ווערט צו שפעט. עטלעכע בעלנים האָבן זיך מישב געווען. די שרעק פאַראַליזירט. צוויי זיינען זיי געבליבן, ער און דער שכן פון רעכטס. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, נישט צו פאַרלירן זיך אין דער פינצטערניש צווישן די צוזאַמענגעדרענגטע, לעבעדיקע קלומיקעס.

דער ערשטער איז געשפרונגען גליקסמאַן. ער איז מיט 14 יאָר יינגער. דער צווייטער האָט זיך אַ טרייסל געגעבן און אומגעפאַלן; עמיצער האָט געזידלט. דאָס זידלען האָט אים גיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער צוג גייט איצט לאַנגזאַמער; די רעדער קלאַפן ריטמישער. „שפרינגען!" האָט ער זיך באַפוילן.

דער צווייטער האָט זיך געלאָזט צוריק דורך דער פינצטערניש, לאַנג געזוכט און רעזיגנירט. פלוצלונג האָט ער פאַרטשעפעט די פיס אין אָנגעוואַלגערטן אייזנוואַרג און געפאַלן אויף אַ ווייכע, צעקראָכענע מאַסע. ס'איז געווען גליקסמאַן. דער פאַרחלשטער האָט זיך אויפגעכאַפט און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ.

— בלויז די פיס...

אַזוי האָט אים שטיל אַריינגעשושקעט אין אויער דער צווייטער, נאָכדעם ווי ער האָט אים שטילערהייט באַטאַפט דעם קאָפ, דאָס פנים, דעם קערפער.

— בלויז די פיס... דאָס איבעריקע אין אָרדענונג, אומבאַשעדיקט, אַ בריהשאַפט צו בלייבן לעבן נאָך אַזוינס, באַשערט דיר צו לעבן . . .

ער האָט געוואָלט לעבן, אפילו אָן פיס. ער האָט פאַרביסן די ליפן און געלאָזט זיך אַרויפטראָגן אויף דער סטעזשקע, דערנאָך געבעטן ער זאָל אים שלעפן פאַר די הענט „זאָלן די פיס..., די פיס..."

דער צווייטער האָט געפרואווט זיך אַרויסהעלפן מיט די הויזן־שלעקעס, דערנאָך פאַרוואָרפן אים איבערן אָרעם. דער פאַרוואונדעטער האָט נישט אויסגעהאַלטן, אָנגעהויבן צו העשן פון יסורים און פאָרט געבעטן צו שלעפן זיך. ווי לאַנג האָט אַזוי געדויערט? אַ שעה? אַן אייביקייט?

ער איז אַוועק, דער צווייטער, מיטן איינגעחזרטן אַדרעס, צו דער דאָרפישער ווילע. ער האָט צוגעזאָגט צוריקצוקומען איידער ס'הויבט אָן צו טאָגן. צי האָט ער געגלויבט אין דעם וואָס ער האָט צוגעזאָגט? אַ סברה, זיי האָבן ביידע נישט געגלויבט, האָבן זיך אָבער איינגערעדט, אַז זיי גלויבן אי זיך, אי דעם אַנדערן.

ער איז צוריקגעקומען ווען ס'איז שוין טאָג געווען. מיט אַ האַנטוועגעלע צו פירן מיסט. גליקסמאַן האָט אים איינגעשפאָרט אַ שטיק וועג. ער האָט זיך געשלעפט איבער דער סטעזשקע, קריכנדיק ווי אַ גרויסער שרץ, אונטערשטופנדיק זיך מיט

די הענט, מיטן געזונטן טייל גוף, לאָזנדיק הינטער זיך רויטע צייכנס. אויפן מיסט־וועגעלע האָבן זיך די יסורים ווידער צע־גאָסן, צעכוואַליעט. ער האָט ווידער גע־העשעט פון ווייטאָג. ביי יעדער אומדריי פון וועגעלע—אַריינגעשטעקט די האַנט אין מויל נישט צו שרייען. ער דאַרף אָנקומען, ער מוז אָנקומען, ער האָט דאָך פּאַפּירן.

ער איז אָנגעקומען מיט זיינע גוטע פּאַפּירן און מיט צעריסענע, צעבראָכענע פיס. ערשט נאָך צוויי טעג האָט מען גע־בראַכט אין שטאָטישן שפּיטאָל אַ געוויסן פּאַוולאָווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ שווערן אויטאָ־פּאַרפּאַל. די גאַנגרענע האָט שוין געהאַט געשטיגן איבער די קני. דערנאָך זיינען געקומען אַנדערע צרות: היץ. ער האָט געפּלאַפּלט, גערופן: „מאַמע, מאַמע, מיינע פיס!" געווען אַ געפאַר ער זאָל פאַראַטן אי זיך, אי אַנדערע. מ'האָט געמוזט אים איזאָלירן אונטערן פּרעטעקסט פון אַן אָנשטעקנדיקער געלזוכט, וואָס זאָל זיך האָבן צוגעטשעפּעט.

דערנאָך איז וויקטאָר פּאַוולאָווסקי לאַנג אַרומגעקראָכן ווי אַ זשאַבע, אויפן הינטן, אַרויסהעלפנדיק זיך מיט די הענט. פּראָ־טעזעס פאַר אים זיינען געקומען גאָר שפּעט און געבראַכט האָבן זיי אים נייע צרות: די אויבערשטע, אַרומגעשניטענע פיס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט זיך צוגעוואוינען צו די פרעמדע, הילצערנע הענט־טיילן; ס'האָט זיי געשטאָכן, גע־ברענט, געריסן, ווי די פרעמדע געלענקען וואָלטן מיט פייערדיקע צוואַנגען געריסן שטיקער פון די פאַרהוילענע וואונדן. גליקסמאַן איז געווען פאַרעקשנט, נישט געוואָלט וואַרטן אויף בעסערע צייטן און בעסערע פּראָטעזעס. ער האָט פאַרביסן די ליפּן פון ווייטאג און געלערנט זיך גיין „ווי אַ מענטש"; גענוג אַרומגעקראָכן ווי אַ שרץ. ס'האָט זיך אים שוין געהאַט גע־חלומט אַז ער איז אַ זשאַבע; אַ צווייטן מאָל, אַזאַ קראַב. ער האָט געוואָלט אויס־זען ווי אַ מענטש, וואָס ס'זאָל אים נישט געשען, זאָל דאָס אים טרעפן אַ גלייכן, אויף פיס, און נישט קיין קריכנדיקן.

צוויי יאָר נאָך דער מלחמה האָט וויק־טאָר באַקומען לייטישע פּראָטעזעס. דאָס קאַליעטשעטע לייב האָט זיך אָבער שוין געהאַט צוגעוואוינט צו די אַלטע; ס'האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם שווערן, אומ־געלומפּערטן אָנשפּאַר און נישט געוואָלט אויפסניי אָנהייבן זיך צופּאַסן צו אַ לייטישן אָנלענק. וויקטאָר האָט אָבער יאָ געוואָלט אויסזען לייטישער, געוואָלט זיך פילן מיט מענטשן גלייך. ער האָט ווידער פאַרביסן די ליפּן און אויסגעהאַלטן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט מען אים צוגעפּאַסט נייע פיס, דאָס מאָל מאָ־דערנע, בויגעוודיקע; די געלענקען ווי געהעריק אויסגעבעטעט. ער האָט שוין נישט געדאַרפט פאַרבייסן די ליפּן אויסצו־האַלטן, נאָר דאָס האַרץ האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אָפּזאָגן אויסצוהאַלטן, ס'האָט אָנגעהויבן אים שעפּטשען אויפן אויער: „ווי לאַנג איז דער שיער אַזוי?" ער האָט זיך אונטערגעגעבן. און אַז מען גיט זיך אונטער, ווערט דער מלאך המות חוצפּה־דיק. ביינאַכט האָט ער זיך געשטעלט ביי זיין צוקאָפּנס. ער איז געקומען אויף אַזעלכע הילצערנע, שטייפע פיס, ווי זיי־נע, די ערשטע. בייטאָג האָט ער אים גע־יאָגט פון זיך, געטריבן די געדאַנקען; ביינאַכט זיינען זיי צוריקגעקומען, גע־קרייזט אַרום אים, ווי רויבערישע, שוואַר־צע קראָען.

באַקומען אָבער אַזעלכע פּראָטעזעס, איז ער געוואָרן אַן אַנדער מענטש, ווי זאָל ער נישט וועלן לעבן? אַרומגיין אויף דער ערד, אַז ער גייט איצט, ווי אויף אייגענע פיס?

* * *

יענעם טאָג איז ער מיט די „אייגענע פּיס" אַרויס שפּאַצירן. דאָס וועטער האָט צוגעשפּילט, דער סוף־זומערדיקער הימל האָט זיך אויסגעצירט אין בלוי־ווייס, די זון האָט מילד געצערטלט, און זיי, די נייע בויגעוודיקע פּיס האָבן אים אַזוי לייכט געטראָגן, אַז ער האָט פאַרגעסן אין דאָקטערס עצות נישט איבערצוטרייבן די מאָס.

„איבערגעכאַפּט די מאָס" צוליב זיי, די „אייגענע פּיס". אויף אייגענע פּיס קאָן מען זיך אויך פאַרמאַטערן. ער האָט דאָס געפילט און זיך צוגעלייגט. ביים אַראָפּ־נעמען די מאָדערנע פּראָטעזעס האָבן זיינע אויגן אויף אַ רגע זיך אָנגעהאָנגען אויף די אויבערשטע, אַרומגעשניטענע פּיס, איבערגעטראָגן זיך אויף זיין פאַרקירצטן גוף, באַטראַכט זיך ווי ער וואָלט זיך אַלכן צום ערשטן מאָל געזען. אין האַלדז האָט מיטאַמאָל אַ שטיק געטאָן. באַלד דערנאָך האָט אַ געדאַנק דורכגע־שפּיצט דעם מוח. ער האָט גענומען דאָס נאָטיץ־ביכל מיטן בלייפעדער, וואָס שטענדיק אויפן נאַכט־טישל, און אָנגע־הויבן שרייבן. די האַנט איז געוואָרן שלאַ־בערדיק, דאָס נאָטיץ־ביכל איז אַרויס־געפאַלן און אַראָפּגעקייקלט זיך אויף דער ערד. לויט זיין געוווינהייט האָט ער פאַרביסן די ליפּן, אַזוי ווי דעמאָלט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן די שטייפע, אומגעלומפּערטע, פּרעמדע פּיס. די האַנט האָט זיך נאָך אויסגעשטרעקט צום טעלעפאָן־טרייבל און צוגעטראָגן צום מויל. באַלד אָבער האָט זיך איבער אים דער סופיט געשפּאָלטן, די זון איז אויסגעלאָשן געוואָרן, די שטערן פון פינצטערן הימל זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף אים. דאָס טרייבל איז אַרויסגעפאַלן פון האַנט און צוגעפאַלן מיט אַ טראַסק צום נאָטיץ־ביכל.

* * *

צי האָט דער אַלטער דאָקטער, זיצנדיק אַנטקעגן בעט פאַר דעם אָנפּיסיקן בר־מינן נישט באַמערקט דאָס אַראָפּגעפאַ־לענע נאָטיץ־ביכל ? יאָ, באַמערקט. נאָר ס׳איז אים נישט איינגעפאַלן אַריינצוקוקן. זיין באַגער האָט דער פאַרשטאָרבענער אים שוין געהאַט עטלעכע מאָל געזאָגט. ערשט ווען די שוועסטער האָט פלוצלונג, אויסגלאָצנדיק די אויגן אויף אים, דער־לאַנגט דאָס בלעטל און געוויזן אויף דער צווייטער זייט, האָט ער עס צוגעטראָגן צו זיינע, קורצזיכטיקע, באַברילטע אויגן און איבערגעלייענט:

„כ׳וויל זיין באַערדיקט אָנגעטאָן אין די פּיס, נישט אַזוי ווי אַ..."

יהושע ריווין

# בּיטחון

געווידמעט דעם ליבן קאָלעגע **פינטשע בערמאַן**

„ביטחון"! ווי גרויסאַרטיק דאָס וואָרט איז,  
ווי וואונדערלעך דערהויבן!  
אַ לויכטנדיקער שטערן  
אין דיינע וויינענדיקע שויבן.

„ביטחון"! וויפיל ליבשאַפט און גענעזונג  
ס׳וואָרט פאַרמאָגט אין זיינע קלאַנגען!  
אַ שיינענדיקער פרימאָרגן,  
הינטער פינצטערע פאָרהאַנגען...

**פינטשע בערמאַן**

## ווען עס קלאָגט דער אומעט

אָ, ווי גוט עס איז צו וויסן,
אַז פאַראַן איז ערגעץ־וואו
אַ צעטליעט האַרץ, וואָס חלומט
און וואָס בענקט אַזוי ווי דו.

אָ, ווי גוט עס איז צו טראַכטן,
ווען ס'קלאָגט דער אומעט
אין דיין שויס,
אַז פאַראַן איז אַ נשמה
ערגעץ, וועמען דו פעלסט אויס...

אָ, ווי גוט עס איז צו טרוימען
ביי אַ שווער־פאַרהאַקטער טיר,
פון מיט זון־צעשטראַלטע אויגן,
וואָס קוקן ערגעץ אויס אויף דיר...

זאָל געבענטשט זיין יענע רגע,
ווען ס'עכאָט עלנטס שטיל געוויין,
און ס'צעבליצט זיך אין דיין זעל
אַ געזאַנג: ביסט ניט אַליין...

## איך ווייס...

איך ווייס, עס וועט קומען אַ הילף און אַ היילונג
פאַר האַרץ, וואָס עס טרינקט זיך אין יאוש ביז גאָר;
איך ווייס, אויף די וועגן פון מיין אויסדערוויילונג,
מיין חלום וועט ווערן פאַרוואַנדלט אין וואָר.

איך ווייס, עס וועט קומען אַ ליכטיקער שטערן
און זינגען אין גרויער פאַרוואָלקנטער נאַכט;
איך ווייס, עס וועט קומען אַ טוי און אַ רעגן
אויף פעלד און אויף גאָרטן, וואָס ליגן פאַרשמאַכט.

איך ווייס, עס וועט קומען אַ זון אין די הימלען,
און לייכטן דעם וואָגלער וואָס בלאָנדזשעט דעם וועג;
איך ווייס, אויף די כוואַליעס וואָס טרוימען און דרימלען,
וועט קומען די דערוואַרטעטע שיף צו דעם ברעג.

איך ווייס, אין איר אומרו, מיין צעפלאַטערט נשמה,
צו געטלעכע הויכן וועט טאָן זיך אַ הייב ...
איך ווייס — און איך טרינק זי, מיט דורשט, די מתנה.
איך ווייס — ווייל איך גלויב, ווייל איך גלויב...

קריסטלעכע לענדער, איז זיי געווען גוט אין פוילן. פוילן איז אָפט געווען אַ מקום מקלט פאַר יידן וואָס האָבן געמוזט אַנט־לויפן פון רדיפות אין אַנדערע לענדער. אין קיין אַנדער לאַנד האָבן יידן געהאַט אַזאַ ברייטע יידישע אויטאָנאָמיע ווי גאַנצע צוויי הונדערט יאָר אין פוילן. פוילן איז געווען אַ צענטער פאַר תורה און קבלה. אין פוילן האָט זיך געשאַפן דער חסידיזם."

וואו איך בין געגאַנגען אין פוילן אין די טריט פונעם חורבן, האָב איך געפילט אַז דאָ איז געווען אַ גרויס יידיש לעבן. די יידישע ליטעראַטור האָט מיך נישט פאַרפירט. און אַנדערע האָבן עס געפילט פאַר מיר. אין איין באַנד פון די לעאָ בעק יאָרביכער איז דאָ אַן אַרבעט פון ד"ר מאַקס מאיר, וואו ער דערציילט, אַז ווען ער, דער דייטשער ייד, איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין פוילן, האָט ער אַנטדעקט דאָס מזרח־אייראָפּע־אישע יידיש לעבן, די מזרח־אייראָפּעאי־שע סביבה, און די יידישע ליטעראַטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אָט־דער סביבה. „מיין גרעסטע אַנטדעקונג", האָט ער געשריבן, „איז געווען מענדעלע. איך האָב אָנגעהויבן לעבן דאָס לעבן פון דעם יידישן שטעטל. איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ וואַכעדיקן חלום."

אין אַזאַ מין וואַכעדיקן חלום בין איך אַרומגעגאַנגען אין פוילן. צו וואָס זוכן נייע ווערטער דערפאַר, ווען איך קען ציטירן דעם אָנהויב פון מיין ערשטן אַר־טיקל אין „דזשואיש קראָניקל", גלייך נאָך מיין ערשטן באַזוך אין פוילן?—

„איך בין שוין עטלעכע וואָכן צוריק פון פוילן, און איך וויל ניט זיין סענטי־מענטאַל וועגן דעם. אָבער איך קען זיך ניט באַפרייען פון דעם געפיל וואָס איך האָב געהאַט די גאַנצע צייט אין פוילן, אַז איך געפין זיך אויף הייליקע ערד — ניט נאָר צוליב די קדושים — איך בין געווען אין אָסוויענטשים און אַנדערע טויט־לאַגערן; ניט נאָר צוליב די געטאָ־קעמ־פערס — איך בין געווען אין וואַרשעווער געטאָ; ניט נאָר צוליב די נסים דורך וועלכע די וואָס זיינען געבליבן לעבן האָבן זיך געראַטעוועט — אין לאָדזשער בית־עולם בין איך געשטאַנען ביי די צען אָפענע גרובן וואָס יידן האָבן גע־גראָבן, און אַהין געפירט האָט מיך איינער פון די וואָס האָבן געגראָבן, וויסנדיק אַז דערנאָך וועלן זיי די דייטשן שיסן און אַריינוואַרפן אין די גרובן אַריין. האָט גאָט געטאָן אַ נס און ס'איז געקומען די רויטע אַרמיי, און די דייטשן זיינען אַנט־לאָפן. איך האָב זיך געפילט אויף היילי־קע ערד אין פוילן, ווייל איך האָב גע־וואוסט אַז, כאָטש איך בין קיינמאָל ניט געווען פריער אין פוילן, איז דאָס מיין היימלאַנד."

ווען איך בין געפאָרן דאָס ערשטע מאָל קיין פוילן, איז עס געווען ווי אַ דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן „פּען" קאָנפערענץ, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין וואַרשע. ווען איך האָב געהאַלטן מיין רעפעראַט (וואָס איז שפּעטער געדרוקט געוואָרן אינגאַנצן אין ענגליש און אין דער פּוילישער איבערזעצונג, אין אַ בוך וועגן דער קאָנפערענץ) האָב איך געזאָגט, אַז צי מיינע אָבות זיינען געקומען פון ארץ ישראל ווייס איך ניט, אָבער אַז זיי האָבן געלעבט יאָרהונדערטער אין פוילן, ווייס איך גענוי, ווייל איך האָב יחוס־בריוו. איך בין אַרומגעפאָרן אין די שטעטלעך ביי לאָדזש, וואו מיינע עלטערן זיינען געבוירן געוואָרן. די מעשיות וואָס זיי פלעגן מיר דערציילן וועגן די שטעט־לעך און די מענטשן דאָרט, זיינען מיט אַמאָל געוואָרן לעבעדיק פאַר מיר— מיינע אָבות האָבן זיך געפונען אין די ערטער פאַר יאָרהונדערטער.

מיר האָבן אַ וואָך געוווינט אין דעם אָפּרו־היים פון פאַראיין פון די פּוילישע שרייבערס. יעדעס מאָל ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אין שטעטל און כ'האָב געזען ווי דער וועגווייזער צייגט אַז עט־לעכע מייל פון דאָרט איז גער— אונדזער גער, האָב איך געוואָלט גלייך אַהינפאָרן. צום סוף האָט אונדז אַהינגעפירט דער פּוילישער שרייבער וואַנקאָוויטש, אַ גוי, וואָס האָט אָבער געוואוסט אַ סך וועגן דעם „צדיק". ער האָט אונדז אַהינגעפירט אין זיין אויטאָ, מיין פרוי און מיך, און דעם באַרימטן יידישן אַקטיאָר אַבֿרהם מאַרעווסקי ע"ה.

קיין יידן האָבן מיר אין גער ניט גע־
פונען. אין רבינס הויז איז איצט אַ ליצעי
פאַר מיידלעך. אין הויף ליגן אָנגעלייגט
אַגריקולטור מאַשינען און הויפנס קוילן.
דאָרט איז דער אַגריקולטור קאָאָפּעראַ־
טיוו. דער יידישער בית־עולם איז צע־
קלאַפּט און ליידיק. נאָר די גויים אין גער
האָבן נאָך געדענקט דעם גערער רבין
און די גערער חסידים, וואָס פלעגן קומען
צום רבין קיין גער. און דעם גאַנצן וועג
פאָרנדיק צוריק אין דעם שרייבערס הויז
האָב איך געהאַלטן אין איין זען די וועגן
פול מיט גערער חסידים, וואָס האָבן זיך
געצויגן פון אַלע זייטן קיין גער צום רבין...

מיר זיינען געקומען צוריק קיין וואַר־
שע. האָב איך דערציילט בער מאַרק ע"ה
וועגן אונדזער באַזוך אין גער. האָט ער
אָנגעהויבן ביטער צו וויינען. „איך נאַר!
איך שוטה!" האָט ער זיך צעוויינט. ווען
ער איז געווען אַ יונגער קאָמוניסט, מיט
יאָרן צוריק, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ
כאַליאַסטרע יונגע קאָמוניסטן, וואָס זיי־
נען געפאָרן קיין גער צו כל נדרי, און
האָבן צעעפנט אַ גרויסע רויטע פאָן ביים
רבינס הויף. „מיינע יידן! מיינע טייערע
יידן!"—האָט ער זיך צעוויינט פאַר אונדז.
„איך קען זיך ניט מוחל זיין" (איך האָב
די מעשה אַמאָל דערציילט גלאַנץ־לעיע־
לעסן, און ס'איז אים געבליבן אין זכרון.
ווען בער מאַרק איז געשטאָרבן האָט
לעיעלעס געשריבן אַן אַרטיקל אין „טאָג־
מאָרגן־זשורנאַל" וועגן אים, און ער האָט
איבערדערציילט די מעשה — „דאָס האָט
מיר יוסף לעפּטוויטש דערציילט וועגן
מאַרק"— האָט לעיעלעס געשריבן, און
צוגעגעבן: „דאָס שטימט מיט בער מאַרקס
גאַנצן כאַראַקטער. עס איז אויך אין
הסכם מיט זיין באַציאונג צו יידישע
ענינים בכלל").

ס'זיינען אויך געווען אַנדערע יידן אין
פוילן, ניט נאָר חסידים, ניט נאָר פרומע.
ס'זיינען אויך געווען אַנטי־רעליגיעזע
סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן. און די יידן
פון יענע יידן האָבן זיך געאַמפּערט און
געשלאָגן איינער מיטן צווייטן. איך האָב
געטראַכט וועגן יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס
האָט אין זיין „ליד פון אויסגעהרגעטן
יידישן פאָלק" געקלאָגט: „כ'האָב צוגע־
קוקט זיך צו די קריגערייען און געוויי־
טיקט... נאָר וואָלט איר ווייטער זיך אַרומ־
געריסן, אַבי איר וואָלט געלעבט!"

שלום אַש האָט געשריבן אַ זאַך וועגן
דער באַפרייאונג פון פוילן. „די מלחמה
איז פאַראיבער. פוילן איז באַפרייט. און
די טויטע יידן, די העלדן פון וואַרשעווער
געטאָ, די גרויסע פוילישע רבנים, דאָס
פשוטע פאָלק, חסידים און בונדיסטן, און
קאָמוניסטן, ציוניסטן און פועלי־ציוניסטן,
די ענדלעדער פון די נאַלעווקעס, די יידן
וואָס דאַווענען אין דער טלאָמאַצקער
שול, די יידן פון מאַזאָאַוויעשן גלויבן, די
אַסימילאַנטן, אַלע מינים יידן — היטלער
האָט זיי אַלע געוואָרפן אין די זעלבע גאַז־
אויוונס, אַלע זיינען פאַרברענט געוואָרן
צוזאַמען — האָבן מאַרשירט, אַלע יידישע
טויטע, דורך די וואַרשעווער גאַסן, דורך
יערוזאַלימסקאַ, דורך מאַרשאַלקאָווסקאַ,
דורך נאָווי שוויאַט, דורכן זאַקסישן
גאָרטן." איך בין געגאַנגען דורך די דאָ־
זיקע גאַסן אין וואַרשע און איך האָב זיי
געזען מאַרשירנדיק, אַ ש'ס טויטע
יידן, אַלע מינים יידן, און איך האָב מאַר־
שירט מיט זיי צוזאַמען, און מאַרשירנדיק
האָב איך געפילט אַז פוילן איז פאַר מיר
הייליקע ערד.

יצחק קאַצענעלסאָן דערציילט אין זיין
„ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק",
ווי ער האָט געזען ווי יידן זיינען געגאַנ־
גען צום טויט: — „הלל צייטלין. מען
האָט אין טלית אים צום אומשלאַק פאַר־
שלעפּט, און אויפן אומשלאַק אים דער־
שאָסן." מיט טלית און תפילין זיינען זיי
געגאַנגען צום טויט.

אַ טאָג נאָך שבועות בין איך געווען
אין זדונסקאַ וואָלאַ, אין לאָדזשער געגנט.
די שטאָט וואו מיין מוטער איז געבוירן
געוואָרן. האָט מען מיר דערציילט ווי
שבועות זיינען אַלע 20־30 יידן וואָס זיי־
נען איצט געבליבן אין זדונסקאַ וואָלאַ
געווען אין שול ביים דאַווענען, ווייל
שבועות איז דער יאָרצייט פון די צען
זדונסקאַ וואָלער ערובים, וואָס די דייטשן
האָבן זיי געהאָנגען אין מאַרק ערב
שבועות. ווען איך בין צוריק געקומען
קיין וואַרשע און גערעדט וועגן דעם מיט
בער מאַרק ע"ה, וועלכער איז געווען דער

דירעקטאָר פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, האָט ער מיר געגעבן אַ מאַשין־שריפט פון יצחק קאַצענעלסאָנ'ס ליד „שלמה זשעליכאָווסקי", איינער פון די צען געהאָנגענע.

און אַזוי האָט געזונגען שלמה זשעליכאָווסקי, ווען דער תליון האָט פאַרוואָרפן די שטריק אויף די העלדזער פון די צען ייִדן פון זדונסקאַ וואָליאַ:

„ס'איז ערב שבועות, ייִדן!
מאָרגן ווערט זי אונז אויפסניי געגעבן,
די אַלטע אונזערע, אין פרייד,
די הייליקע, די תורה,
מיר אויך! מיר מער ווי אַלע,
הגם מיר וועלן ס'ניט דערלעבן.

לאָמיר פריילעך זיין!
אַזוי צו שטאַרבן, ייִדן, איז אַ זכיה!
וואויל אונז! מיר קומען פאַרן כלל אום,
אויף קידוש־השם, מיר!
לאָמיר זינגען, ייִדן,
לאָמיר זיך צעזינגען אין אַ זמר

אָט וועלן מיר פאַרן טויט איצט זיך לאָזן
אין אַ כשרן טאַנץ דאָ!
עס איז אונז גוט און וואויל אונז,
דאָ אין מאַרק, אין מיטן,
מקריב זיין זיך פאַרן כלל ישראל
גאַנץ אין גאַנצן,
לאָמיר טאַנצן, ייִדן, טאַנצן!

כ'האָב זיך באַקענט מיט דעם פּאָעט דוד ספּאַרד. ער איז אַ קאָמוניסט, אָבער ער איז אויך אַ רב'ס אַ זון. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ הויז פון תורה. און אַז ער זינגט אויס זיין טרויער איבער די אויסגעקוילעטע זעקס מיליאָן ייִדן, זיינען ביי אים אַלע זיינע טעג יאָרצייט ליכט. און ער זיצט די גאַנצע צייט שבעה נאָך זיי. איך האָב גערעדט מיט אַ סך ייִדישע קאָמוניסטן אין פּוילן, אַנטוישטע און נאָך שטאַרק גלויביקע. כמעט אַלע קענען לערנען, זיינען דורכגעזאַפּט מיט ייִדישער טראַדיציע. זיי זיינען קינדער פון דורות ייִדישער פרומקייט. עס פליסט פון זיי ווי פון אַ פולער שטראָם. און די וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין דעם רוסישן אָפּגאָט, האָבן לייכט געפונען דעם וועג צו די אַלט־ייִדישע דרכים.

איך האָב קיינמאָל ניט געקענט דעם אַלטן מזרח־אייראָפּעאישן ייִדיש מאַסנשטייגער־לעבן. אָבער איך האָב זיך אָנגעהערט און אָנגעליי‌ענט גאָר אַ סך וועגן דעם. אָט איז, למשל, מיין פריינט, שלמה בירנבוים, נתן בירנבוימ'ס זון, וואָס האָט יאָ געקענט דאָס ייִדישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ ייִדישע שטאָט אין מזרח־אייראָפּע פאַרן קריג — לאָמיר זאָגן, קראָקע. די מענטשן גייען אָנגעטאָן ווי די אַרומיקע באַפעלקערונג. דער אויסדרוק אויף זייערע פּנימער איז ווייט ניט דער פון די אַנדערע מענטשן. אין אונדזערע אויערן פאַלט אַ שפּראַך וואָס איז ניט די שפּראַך וואָס מיר האָבן געהערט אַרום אונדז. פון די פענצטער און די טירן קומען זעלטענע קלאַנגען. דאָס שטייען ייִדן ביים דאַווענען — ייִדישע מנינים וואָס דאַווענען אָן אויפהער, וויבאַלד עס הויבט אָן טאָגן, ביז די מיטאָג שעה, און דאַן נאָכמיטאָג, אָוונט און נאַכט."

ווען איך בין געווען אין קראָקע איז שוין דאָס ניט געווען. קראָקע איז ניט ווייט פון אָשווענטשים, וואו דער דאָזיקער מאַסן ייִדיש שטייגער לעבן איז פאַרטיליקט געוואָרן. אָבער ייִדן דאַווענען נאָך איצט אויך. שבת אין דער גרויסער שול אין קראָקע, וואו ראַבינער ד"ר טאָן פלעגט פּריידיקן צו אַן איבערפילטן עולם, זיינען ביים דאַווענען ניט געווען קיין גאַנצע פיר מנינים, ניט קיין פערציק מענטשן. אין טאָנ'ס צייט איז דאָס געווען אַ רעפאָרמירטע שול. איצט איז דאָס דאַווענען געווען אויפן אָרטאָדאָקסישן נוסח. צווישן עולם זיינען געווען עטלעכע חסידים, וואָס דערנאָך ביים קידוש האָבן זיי געזונגען חסידישע ניגונים. צוויי זיינען נישט לאַנג געקומען פון רוסלאַנד, רעפּאַטריאַנטן. און ניט קוקנדיק אויף דעם סאָוועטישן אַנטי־רעליגיע קלימאַט דאָרט, האָבן זיי ניט נאָר זיך אַליין געהאַלטן ביי זייער פרומען שטייגער לעבן, נאָר זיי האָבן אויך אַזוי אויפגעצויגן זיי־

ערע קינדער און אייניקלעך. איינער האָט מיט זיך געהאַט אַ קליין אייניקל, מיט פאות, וואָס האָט געדאַוונט ווי אַ דערוואַקסענער. איך האָב דעם חסיד געפרעגט: וואו האָט ער גענומען ספרים צו לערנען די קינדער? „איך האָב די ספרים אין קאָפ“—האָט ער געענטפערט.

ס'איז לעצטנס געווען אַ באַריכט אין דער פרעסע, גענומען פון וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע“, וועגן דער יידישער באַפעלקערונג פון ווראָצלאַוו (דאָס אַמאָליקע ברעסלוי), אַז זיי האָבן אַ שטאַרקע קולטורעלע, יידיש־וועלטלעכע טעטיקייט, אָבער אין די שולן איז שווער צו קריגן אַ מנין שבת צום דאַווענען. אמת, די שולן זיינען ניט פיל, נאָר נאָכדעם וואָס דאָס יידישע פוילן איז איבערגעקומען, נאָך דער שחיטה פון מיליאָנען פרומע יידן, איז עס אַ נס אַז ס'זיינען בכלל נאָך פאַראַן יידן אין פוילן וואָס האַלטן יידישקייט און גייען שבת אין שול דאַווענען. יום־כיפור האָב איך געדאַוונט אין דער איינציק געבליבענער שול אין וואַרשע, די נאָזשעק שול אויף טוואַרדאַ. די שול איז געווען פול. אין הונדערטער יידן זיינען געשטאַנען אין קאָרידאָר, אין אַריינגאַנג, אויף די טרעפ, אין הויף. די וואָס זיינען געשטאַנען זיינען געקומען פון דער אַרבעט אין דער מיטאָג־שעה. די וואָס זיינען געזעסן דעם גאַנצן טאָג אין שול זיינען געווען מיינסטנס עלטערע לייט, וואָס גייען ניט צו דער אַרבעט און האָבן פרייע צייט. אָבער ס'זיינען אויך געווען יונגערע מענטשן, צווישן זיי אויך מאַראַנען, יידן וואָס זיינען געווען אין געטאָ און אין די לאַגערן, אָדער וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער אַרישער זייט, מיט אַן אָנשטעל אַז זיי זיינען קריסטן, האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע ווייבער, און זיינען נאָך איצט געהיימע יידן.

אַ סך יידן, אַ סך רעפאַטריאַנטן פון רוסלאַנד, אַ סך סטודענטן, עסן אין די כשר קיכן פון די קהילות אין וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, ווראָצלאַוו, קאַטאָוויץ, טשענסטאָכאָוו און אַנדערע שטעט, ניט אַלע ווייל זיי ווילן עסן בלויז כשר, נאָר ווייל זיי ווילן זיין צווישן יידן.

אין זקנים־הויז אין וואַרשע איז פאַראַן אַ כשרע קיך און אַ שול, און עטלעכע אַלטע לייט זיצן און לערנען. אמת זיי זיינען אַלט, און אַז זיי טוען אָן זייערע טליתים טראַכטן זיי טאַקע וועגן דעם אַז זיי האָבן אַ טלית אין וועלכן מ'וועט זיי מקבר זיין. ס'איז ניט לייכט אין היינטיקן פוילן צו באַקומען טליתים. מ'מוז זיי שיקן פון אויסלאַנד. אין פוילן וואו עס זיינען אַמאָל געווען אַזוי פיל טליתים פאַבריקן, מאַכט מען ניט מער קיין טליתים. אויך חלפים צו שחיטה מוז מען שיקן פון אויסלאַנד. און אין פוילן איז ניטאָ מער קיין רב.

ס'איז באמת אַ נס, אַז אַ היפשע צאָל יידן אין היינטיקן פוילן האַלטן זיך נאָך פעסט ביים אַלטן יידישן דרך, אַז אַ צאָל יידן גייען נאָך אין שול. ס'זיינען דאָ אַנדערע וועגן ווי דורך צוואַנג, אַז יידן זאָלן אויפהערן צו היטן יידישקייט. אין דעם זעלבן פוילן, וואו ניט קוקנדיק דערויף וואָס דער רעזשים איז אַ קאָמוניסטיש אַנטי־רעליגיעזער, איז די באַפעלקערונג כמעט אינגאַנצן פרום קאַטויליש, איז אָבער דער קלימאַט פון יידישן אַלגעמיינעם לעבן ניט אַזוי אַנטי־רעליגיעז ווי וועלטלעך ניט־רעליגיעז. און דאָך, ווען איך בין אַריבערגעקומען אין יידישן קלוב אין וואַרשע אין נאָכמיטאָג פון ערשטן טאָג שבועות און כ'האָב דערמאָנט אַז ס'איז שבועות, האָבן זיך די יידן געערגערט: זיי האָבן עס ניט געוואוסט, ווייל אין דער „פאָלקס־שטימע“ האָט מען עס ניט געמאָלדן. „ווען ס'איז וויינאַכט, זאָגן זיי אונדז — פאַרוואָס זאָלן מיר ניט וויסן ווען ס'איז אַ יידישער יום־טוב?“

איינער פון די פירער פון דער קהילה אין קראָקע איז געוואָרן אַ בן־ששים בעת איך בין דאָרטן געווען. האָט ער פאַרבעטן פריינט צו קומען אין שול צו אַ קידוש. איך בין געווען דערביי ווען זיינער אַן אַלטער חבר, אַ קאָמוניסט, האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט קומען. ער איז ניט געקומען. ער האָט זיך מסתמא איבערגעלייגט, אַז ס'וועט זיין געזינטער פאַר אים אין דער פאַרטיי אַז ער וועט ניט גיין אין שול. אָבער אַ סך זיינען יאָ געקומען. און אַ סך דאַווענען מיט כוונה.

אין קראָקע, אין לאָדזש, אין וואַרשע, אין ווראצלאָוו און אין פיל אַנדערע שטעט איז דאָ אַ „קהילה קדושה". ס'איז דאָ אין פוילן אַ „ועד הקהילות הקדושות בפוילין." אין זדונסקאָ־וואָליאַ, וווּ איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין דערפאַרונג אין יידישן קלוב אין וואַרשע, וואו מ'האָט ניט געוואוסט אַז ס'איז שבועות, האָבן זיי מיר שטאָלץ געענטפערט: „ביי אונדז אין זדונסקאָ־וואָליאַ איז שבועות יעדער ייד געווען אין שול." קען זיין אַז צוליב דעם יאָרצייט וואָס פאַלט אויס שבועות פון שלמה זשעליכאָווסקי און די אַנדערע ערבים, וואָס די דייטשן האָבן זיי געהאַנגען שבועות אין זדונסקאָ־וואָליאַ. אָבער אין שול זיינען זיי אַלע געווען.

מיר האָבן קרעפּטיקע עקשנותדיקע וואָרצלען — מ'האַקט אויס דעם בוים, מ'רייסט אַרויס די וואָרצלען, אָבער קליינע, ניט באַמערקטע וואָרצלען בלייבן און זיי גראָבן פאַר זיך אויס אַ וועג אונטער דער ערד, און ס'וואַקסט ווידער.

מענטשן ווערן נאָסטאַלגיש. עס בענקט זיך זיי נאָך דעם אַלטן. איך האָב גערעדט מיט אַ רעפּאַטריאַנט פון רוסלאַנד, געווען אַ דירעקטאָר אין אַ סאָוועטישן זאַוואָד. ער קריגט אַ פּענסיע פון רוסלאַנד, וואָס מ'צאָלט אים אויס אין פוילן. ער וואָלט אין רוסלאַנד געקענט לעבן בעסער, זאָגט ער. איז פאַרוואָס זענט איר געקומען קיין פוילן? פרעג איך אים. — ווייל אַ מענטש דאַרף האָבן ניט נאָר ברויט — האָט ער געענטפערט. ווי באַשרענקט דאָס יידישע לעבן אין פוילן היינט זאָל ניט זיין, איז דאָך דאָ מער יידיש לעבן, מער מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן יידישלעך.

איך האָב געטראָפן יידן אין פוילן, וואָס האָבן זיך גענומען אינטערעסירן מיט יידישער קולטור און מיט יידישע רעליגיעזע ווערטן, ערשט איצט ווען דאָס אַלץ שטייט אין געפאַר. ניט ווייל זיי זיינען געוואָרן פלוצים גלויביקע, נאָר ווייל פוילן איז אַ קאָמוניסטיש לאַנד. ניט קוקנדיק אויף דער קאָמוניסטישער ממשלה איז אין פוילן ניטאָ קיין ניט־רעליגיעז לעבן. די גאַס שמעקט קאַטויליש. זאָגן די עלטערן, וועלן אונדזערע קינדער ניט זיין יידיש־געלערנט, וועלן זיי איינגעשלאָסן ווערן אין דעם אַרומיקן קאַטוילישן לעבן. וואָס די מענטשן זאָלן ניט זיין, זיינען זיי אָבער איבערגעגעבענע יידן, וואָס האָבן ליב יידן און יידישע קולטור און יידיש פאָלקס־לעבן. זייערע קינדער וועלן אפשר ווערן גאַנצע יידן. די איבעריקע וועלן פולשטענדיק פאַרשווינדן אין דער גרויסער פוילישער קריסטלעך־קאַטוילישער מאַסע.

פאַראַן עלטערן וואָס ווילן דאָס. זיי ווילן ניט אַז זייערע קינדער זאָלן ליידן ווי זיי האָבן געליטן אין דער היטלער צייט. זיינען דאָ מאַמעס וואָס לאָזן ניט זייערע קינדער מל זיין, טאָמער...

אָבער יידן קומען אויך צוריק. מיר זיינען געווען אין וואַרשע אויף אַ חתונה, אַ מיידל וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ באַנען־הויז. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגן ייד, אַ דאָקטאָר, אין שול, אונטער דער חופה.

די מוטער איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ. וועלנדיק ראַטעווען איר קינד האָט זי עס אַריבערגעגעבן איבערן מויער צו קריסטלעכע שכנים. שפעטער איז די מוטער אויך אַריבער אויף דער אַרישער זייט. נאָך דער באַפרייאונג איז זי געפאָרן קיין אַמעריקע, וואו זי האָט ווידער חתונה געהאַט. (איר ערשטער מאַן איז געפאַלן אין וואַרשעווער געטאָ). זי איז פיר מאָל געקומען קיין פוילן צו געפינען איר קינד. און סוף כל סוף האָט זי איר קינד געפונען אין אַ מאָנאַסטיר. צוערשט האָט דאָס מיידל ניט געוואָלט אפילו זען די יידישקע וואָס זאָגט אַז זי איז איר מאַמע. אָבער די מוטער האָט ניט אָפּגעלאָזט. די גאַנצע מעשה איז ווי אַ לעגענדע — ווי אַזוי די מוטער איז דערגאַנגען צו איר קינד, מיט נסים, ווי די נאָנעס האָבן געגעבן צו וויסן אַז ס'איז טאַקע איר קינד; ווי די מוטער האָט ביסלעכווייז געוואונען איר טאָכטערס ליבע. נאָר אַ מאַמעס עקשנות קען אַזעלכעס פועלן.

אין קראָקע, וואו איך בין געגאַנגען אויפן אַלטן בית־עולם, וואו ס'ליגט דער רמ"א, האָב איך געזען מיט וואָס פאַר אַ יראת הכבוד אפילו די קאָמוניסטישע יידן

ריידן וועגן רמ"א. פּראָפעסאָר סאַלאָ באַראָן איז אויסגעוואַקסן ביי זיי מיט אַ קאָפּ העכער ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז ער שטאַמט פון רמ"א. די פּוילישע רעגירונג האָט רעסטאַווּרירט די אַלטע קראָקעווער שול, וואָס איז געבויט געוואָרן אין 16טן יאָרהונדערט, און געמאַכט פון איר אַ מלוכהשן מוזיי. האָט דער יידישער קאָמוניסט, הערש סמאָליאַר געשריבן וועגן דעם: „ס'גייט אונדז אויך אָן, מיר דאַרפן היטן אָפּ אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דער טויזנט־יאָריקער יידישער געשיכטע אין פּוילן."

איך וויל ניט איבערטרייבן די וויכטי־קייט פון די פיר־קאַנטיקע אותיות פון העברעאישן אַלף־בית, וואָס מיר געברויכן אויך אין אונדזער יידיש לשון. מיט אפשר 35 יאָר צוריק, אין דער הקדמה צו מיין ענגלישער אַנטאַלאָגיע „ישראל", האָב איך וועגן דעם געשריבן: „גויאיש געדאַנק פאַרקליידט אין יידיש לשון, יידיש אָדער העברעאיש, בלייבט גויאיש, ווערט נישט דערפון יידיש." און דאָך, דרינגט עפּעס דורך, אין אַ שפּראַך אַריין וואָס איז אויס־געוואַקסן פון יידיש געדאַנק און יידיש אייגנהיטקייט, און עס מערקט זיך אפילו אין דעם קוק פון די פירקאַנטיקע אותיות.

ווען דער קאָמוניסט דוד ספּאַרד קלאָגט איבער אונדזערע קדושים, זאָגט ער: „אַלע מיינע טעג זיינען יאָרצייט־ליכט." דווקא יידישע יאָרצייט־ליכט. און ער דינגט אַ ליבעס־ליד צו אונדזער יידיש־לשון, גנבעט זיך אין זיינע שורות אַריין פּרץ'ס גרויס וואָרט — „מיר גרויסע, גרויסע יידן, שבת־יום־טוב־יידן!" און אַז ער ווערט באַזאָרגט וועגן המשך פון אונ־דזער יידיש לשון, קומט ער אָן צו פּרץ'ס סימבאָל, „די גאָלדענע קייט": „ווער", פרעגט ער, „וועט נאָך מיר פירן די גאָל־דענע קייט פון אונדזערע גרויסע שבת־יום־טובדיקע יידן?"

ס'איז אַריין אין אונדזער אידיאָם. ס'איז נאַטירלעך פאַר אַ שפּראַך וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין בית המדרש, מיט תורה און אָרון־קודש, מיט סידור און מחזור, מיט דאַוונען און זאָגן קדיש, און אין דער יידישער שטוב מיט קידוש און הבדלה, מיט כשרות און ליכט־בענטשן. מ'קען ניט אַרויסנעמען פון יידיש־לשון דאָס רעליגיעזע, און ס'זאָל בלייבן אַ יידיש לשון.

איז עס ניט געווען קיין וואונדער, וואָס אין וואַרשע זיצט אַ ייד, אַ ריכטער אין פּוילישן העכסטן געריכט, וואָס האָט ליב יידישע טראַדיציע, און ער האָט אַ קליי־נעם מוזיי ביי זיך אין שטוב, פון יידיש־ריטועלע זאַכן, וואָס געפינען זיך נאָכן חורבן: ספרים, לייכטער, מנורות, קידוש־בעכערס, בשמים־ביקסלעך. ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל געווען ביי אים, האָט ער גראָד געקויפט אַ העברעאישן ספר וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין 1840 אין קראָטאָשין, ביי דעם דרוקער דוב־בער מאָנאַש, גרעצ'ס שוואָגער און דער זיידע פון דעם אויסטראַלישן גענעראַל, סיר דזשאָן מאָנאַש.

אין פּוילן זיינען נאָך היינט צו געפינען אוצרות פון יידישע ווערטן, וואָס זיינען פאַרבאַהאַלטן געוואָרן בעתן חורבן. עס קומען כסדר צוגיין פּויערים וואָס האָבן געפונען באַהאַלטן אָדער באַגראָבן פאַר־שידענע יידישע חפצים. און וואו איז נאָך פאַראַן אַזאַ מאַסע מאַטעריאַל איבערן חורבן, אַזאַ דאָקומענטאַציע ווי אין פּוילן, ווי אין יידיש־היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע?

פאַרן חורבן זיינען געווען דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידן אין פּוילן. מער ווי 300,000 בלויז אין וואַרשע. היינט זיינען דאָ אין גאַנץ פּוילן אַרום 30,000 יידן, און אפשר אַ העלפט פון זיי זיינען רעפּאַט־ריאַנטן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד.

אַ סך מער זיינען געקומען קיין פּוילן, אָבער די גרעסטע טייל איז זיך צעפאָרן מיינסטנס קיין ישראל, אָבער אויך אין אַנדערע לענדער: אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום אַמעריקע, אויסטראַליע. אין ישראל האָט מען ניט לאַנג צוריק אָנגעגעבן אָפּי־ציעל אַ צאָל פון 35,000 יידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד, זינט די פּוילישע רעגירונג האָט דאַן געגעבן דערלוי־בעניש פאַר אַזאַ מאַסן־אויסוואַנדערונג. דאָס איז אַ גרעסערע צאָל ווי די גאַנצע איצטיקע יידישע באַפעלקערונג אין היינ־טיקן פּוילן.

ס׳איז ניט קיין לייכטע זאַך אויסצוּוואַנדערן היינט־צו־טאָג פון פוילן. עלטערע לייט קענען זיך ניט איינאָרדענען אין אַ נײַ לאַנד, און אפילו יונגערע מענטשן ווילן בעסער בלייבן אויף אָן אָרט. איינער, אַ מאַן פון אַ יאָר 30, האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז זיין גאַנץ לעבן געוועזן בע־ונד, געוואַנדערט מיט די עלטערן, אַ קינד, איבער סיביר, אין אוזבעקיסטאַן און קאַווקאַז, און ער וויל שוין ניט מער. ער וויל שוין בלייבן אויף אָן אָרט. אַ 30,000־20,000 יידן וועלן מסתמא בלייבן אין פוילן, סיידן ס׳זאָל ווידער אויסברעכן אַ פּאָגראָם, אַזוי ווי אין קיעלץ אין 1964. ווען ניט דער קיעלצער פּאָגראָם וואָלטן היינט אפשר געווען אַ פופציק טויזנט יידן אין פוילן.

און די צאָל וואָס מ׳גיט היינט אָן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, איז די צאָל פון די וואָס האָבן זיך געמאָלדן ווי יידן, וואָס זיינען רעגיסטרירט ווי מיטגלידער ביי דער יידישער קולטור און סאָציאַלער געזעלשאַפט, אָדער ביי דער קהילה. ס׳זיינען דאָ זיכער טויזנטער יידן וואָס גיבן זיך ניט אָן ווי יידן; וואָס זייערע אייגענע קינדער ווייסן ניט אַז זיי זיינען יידן. איך האָב אַזעלכע געטראָפן — צווישן זיי אַזעלכע וואָס זיינען פאַרן חורבן געווען איבערגעגעבענע יידן, באַטייליקט אין יידישן לעבן. איך האָב עטלעכע געטראָפן אין שול יום־כיפור, וואָס האָבן מיר געזאָגט, אַז אין דער היים האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן ערגעץ אַוועקפאָרן פאַרן טאָג וועגן זייער געשעפט אָדער זייער אַרבעט. אַ נייער דור מאַראַנען.

יידן זיינען ניט די איינציקע עמיגראַנטן פון פוילן. ניט נאָר יידן ווילן אַוועק פון לאַנד. איך האָב געטראָפן פיל פוילישע גויים חלומען אַז זייער משפחה אין אַמעריקע זאָל זיי אַריבערנעמען אַהין. צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער פון פוילישן אָפּשטאַם קומען שוין קיין פוילן אויף באַזוך יעדעס יאָר, זינט דער באַפרייאונג, און זיי באַווייזן זיך מיט זייער אַמעריקאַנער עשירות. אַן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר, וואָס איך האָב געטראָפן אין וואַרשע, איז געפאָרן צו זיין פעטער און קוזינס אין קראָקע. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער וועט דאָרט בלייבן עטלעכע טעג. צומאָרגנס האָב איך אים געזען ווידער אין וואַרשע. ער האָט ניט געקענט דאָרט בלייבן, האָט ער מיר געזאָגט, ניט געווען קיין איבעריקע געלעגער דאָרט, און די אָרעמקייט האָט אים אַרויסגעטריבן. ער וועט בעסער פּרואוון איינעם פון די קוזינס אַריבערנעמען קיין אַמעריקע.

די יידישע קאָמוניסטן אין פוילן פירן אַ קאַמף קעגן עמיגראַציע. זיי וואָלטן געבליבן אָן אַרבעט ווען ס׳איז ניטאָ קיין יידן אין פוילן. זיי פאַררופן מיטינגען, וואו פוילישע פאַרטיי און רעגירונגס מענטשן זאָגן צו אַז די רעגירונג וועט אָפּשאַפן דעם אַנטיסעמיטיזם, און אַז יידן וועלן באַקומען אַלע מעגלעכקייטן. דוד ספאַרד האָט דערקלערט אַז עמיגראַציע איז אַ נעגאַטיווע לייזונג — אַז יידן מוזן בלייבן אין פוילן און קעמפן פאַר זייער רעכט.

און דאָ קום איך צו דעם פּראָבלעם — יידן אין די ראַמען פון פוילישן אַלגעמיינעם לעבן. מ׳מוז זיך רעכענען מיט דעם אַנטיסעמיטיזם וואָס רינגלט אַרום די יידן אין פוילן. דער פאַקט אז די יידישע קאָמוניסטן פירן אַ קאַמף אָפּצושאַפן דעם איינדרוק פון דעם אנטיסעמיטיזם, וואָס רינגלט אַרום די יידן אין פוילן; דער פאַקט אַז די יידישע קאָמוניסטן פירן אַ קאַמף אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון דעם אַנטיסעמיטיזם, און די פאַרזיכערונגען פון די פוילישע רעגירונגס מענטשן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט פאַרשווינדן, זיינען אַ באַוויין אַז דער אַנטיסעמיטיזם עקזיסטירט. איך האָב געהערט פון אַ סך פאַלן ווי יידן האָבן געליטן פון אַנטיסעמיטיזם. ווען ישראל האָט געשפּילט פוטבאָל אין ווראצלאָוו קעגן פוילן, האָט מיר אַ יידישער קאָמוניסטישער פירער געזאָגט, ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס פונם סטאַדיום נאָך דער מאַטש, אַז גאָט צו דאַנק זיינען ניט געווען קיין אַנטיסעמיטישע אויסגעשרייען. דאָס הייסט ניט אַז מ׳דאַרף פאַרגעסן אַז ווראָצלאַוו איז די אַמאָליקע דייטשע שטאָט ברעסלוי און אַז אין דעם זעלבן סטאַדיום האָט אַמאָל היטלער גערעדט און געסטראַשעט

אַרויסצוקוילען יעדן ייד, און דאָ ביי דעם ישראל־פוילן פוטבאָל מאַטש איז געהאָנגען די ישראל פאָן ביי דער זייט פון דער פוילישער, און אַז ווען די ביידע „טימס" זיינען געקומען אויפן פעלד האָט מען געשפּילט התקוה נאָכן פוילישן הימן, און דער ישראל אַמבאַסאַדאָר איז געזעסן דערבנאָן. וויפיל יידן זיינען געווען ביים מאַטש? עטלעכע טויזנט. אָבער דער סטאַדיום האַלט 70,000 מענטשן, און ער איז געווען פול. עס זיינען טאַקע ניט געווען קיין אַנטיסעמיטישע אויסרופן.

מ'פלעגט זאָגן אַז אַנטיסעמיטיזם שאַפט זיך ווען ס'זיינען דאָ „צופיל" יידן. דערפאַר האָט זשאַבאָטינסקי אַגיטירט אַז מ'זאָל עמיגרירן אַ מיליאָן יידן פון פוילן. הלוואַי וואָלט דאָס דעמאָלט געשען — וואָלטן געבליבן לעבן נאָך אַ מיליאָן יידן. ד״ר דזשיימס פּאַרקס, אַ באַרימטער יידן־פריינט, האָט דערמאָנט אין זיין בוך — "The Jew and His Neighbour" (דער ייד און זיין שכן), וואָס איז אַרויס אין 1930, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן „איז (דעמאָלט) די גרעסטע אין גאַנץ אייראָפּע, און עמיגרירן דריי מיליאָן יידן איז ניט לייכט." היינט שרייבט אַ באַקאַנטער פויליש־יידישער שרייבער, וואָס וואוינט איצט אין ישראל: „די יידן זיינען ניטאָ מער, אָבער דער האַס קעגן יידן ברענט נאָך אַלץ."

דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן שטאַמט דערפון, וואָס ניט קוקנדיק אויף דער קאָמוניסטישער ממשלה, איז דאָס לאַנד דורכאויס קאַטויליש. און דער זעלבער דזשיימס פּאַרקס, וואָס ער איז אַן אַנגליקאַנישער גלח, שרייבט אין זיין בוך: „ביז צום היינטיקן טאָג איז די רוימיש־קאַטוילישע קירך גרייט צו זיין פריינט מיט די יידן אויף איין באַדינג — אַז זיי זאָלן אַריבערגיין אין דער קירך אַריין." און צו דעם קומט אויך צו דער פאַקט, וואָס די ערשטע יאָרן פונם קאָמוניזם אין פוילן זיינען עטלעכע יידן געשטאַנען אויבן־אָן, און די פּאָליאַקן ווילן עס ניט פאַרגעסן. אַפילו איצט, ווען די דאָזיקע יידן זיינען אַראָפּ פון דער מאַכט. און דאָך, כאָטש ס'איז מסתמא אמת אַז מער יידן זיינען אומגעקומען אין פוילן דערפאַר וואָס זייערע פוילישע שכנים האָבן זיי פאַרראַטן צו די דייטשן, ווי די דייטשן האָבן אַליין געכאַפּט דירעקט, איז עס אָבער אויך אמת, ווי ס'גיט איבער מיכאל זילבערבערג, וועלכער איז אַליין געווען צווערשט אין וואַרשעווער געטאָ און דאַן אויף דער אַרישער זייט, אַז „יעדער ייד וואָס איז געבליבן לעבן, האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבן ערגעץ אַ פּוילישן קריסט, וואָס האָט איינגעשטעלט דאָס אייגענע לעבן, און האָט אונדז אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן."

איך האָב גערעדט מיט עטלעכע קריסטן וואָס האָבן געראַטעוועט יידן. צוויי געפינען זיך אין וואַרשעווער יידישן מושב זקנים; מ'צאָלט זיי אָפּ דעם חוב פאַרן ראַטעווען יידישע לעבנס. איך הויז פון דר. ליבאַ, אין לאָדזש, וועלכער איז געווען דער פּרעזעס פון ועד הקהילות פון פוילן, — איצט לעבט ער אין תל־אביב — האָב איך געטראָפן אַ קריסטלעכע פרוי, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן אים מיט זיין פרוי און קינדער. ווען דר. ליבאַ האָט עמיגרירט קיין ישראל, האָט ער געפועלט אַז זי זאָל באַקומען אַ טייל פון זיין דירה, וואָס אין היינטיקן פוילן, וואו ס'פעלן הייזער, איז עס אַ גרויסע זאַך.

איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ צאָל פוילישע קריסטן, אויך ביי זיי אין שטוב, און איך האָב ניט פאַרשטאַנען ווי אַזעלכע מענטשן קענען זיין אַנטיסעמיטן. אַ סך יידן אין פוילן האָבן מיר געזאָגט, אַז ביי זיי איז קיין ספק ניט אַז די טויזנט־יאָריקע געשיכטע פון די יידן אין פוילן האַלט ביים סוף, אַז איצט שרייבט זיך דאָס לעצטע קאַפּיטל. פּראָפעסאָר סאַלאָ באַראָן איז געווען מיט מיר ביי אַזאַ מין דיסקוסיע און ער, ווי אַ היסטאָריקער, האָט אונדז דערמאָנט, אַז לויט דער געשיכטע קען מען קיינמאָל ניט וויסן ווי ס'וועט זיך אויסשפּילן. למשל, נאָך דער מגפה פון „שוואַרצן טויט" אין 14טן יאָרהונדערט, האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס איז דער סוף פון יידישן לעבן אין דייטשלאַנד. און מיר ווייסן וואָס פאַר אַ גרויס יידיש לעבן איז אויסגעוואַקסן נאָך דעם אין דייטשלאַנד, ביז ס'איז געקומען היטלער און האָט עס חרוב געמאַכט.

האָב איך גענומען לייענען דובנאָוו. דערציילט ער אונדז, אַז נאָך די קאַזאַקישע הריגות אין 17טן יאָרהונדערט, איז דאָס יידישע לעבן אין פּוילן געווען כמעט געענדיקט. אין אַלע שריפטן פון יענער צייט „איז דאָ אַ ביטערע איבערצייגונג, אַז דאָס פּוילישע יידנטום וועט קיינמאָל מער נישט קומען צו זיך, און אַז דאָס פרידלעכע נעסט וואָס דאָס פאַרפּאָלגטע פאָלק האָט געפונען פאַר זיך איז אויף אייביק צעשטערט. „צום גליק“, זאָגט ווייטער דובנאָוו, „זיינען די אַלע שרעק געווען איבערטריבן. אין אַ קורצע צייט האָבן זיך די פּוילישע יידן ווידער געשטעלט אויף די פיס.“

ווען מיר האָבן זיך צוערשט דערוואוסט ווי גרויס ס'איז געווען דער יידישער חורבן, וויפיל מיליאָנען יידן זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן, האָב איך געהאַט אַ געפיל אַז ס'איז גאָרנישט ניט געבליבן. דער דיכטער פּאַפּיערניקאָוו, אַליין אַ פּוילישער ייד, וואָס וואוינט יאָרן־לאַנג אין ישראל, האָט איבערגעשריבן ביאַליק'ס ליד וועגן די משהלעך און שלמהלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אונטער די גרינינקע ביימעלעך. אונטער די פּוילישע גרינינקע ביימעלעך, האָט פּאַפּיערניקאָוו געשריבן, „שפּילן זיך מער ניט קיין משהלעך און שלמהלעך.“ אָבער איך האָב אין פּוילן געזען הונדערטער קליינע משהלעך און שלמהלעך, וואָס שפּילן זיך היינט אונטער די פּוילישע גרינינקע ביימעלעך. איך האָב זיי געהערט זינגען יידישע לידעלעך; שיינע, ליבע, יידישע קינדערלעך, וואָס ציען אין פּוילן ווייטער די גאָלדענע קייט פון יידישן המשך.

נאָר מער פון אַלעם איז מיין קאָפּ אין פּוילן געווען פאַרנומען מיט געדאַנקען וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. איך בין דורכגעפאָרן און דורכגעגאַנגען די שטעט און די דערפער און איך האָב געזען ווי די מעשיות וואָס מיינע עלטערן האָבן מיר דערציילט ווען איך בין געווען אַ קינד, און די מעשיות וואָס איך האָב געלייענט ביי מענדעלען, פּרץ און שלום עליכם און שלום אַש, און די אַנדערע יידישע שרייבערס, האָבן אָנגעצויגן פלייש און הויט און האָבן אָנגעהויבן לעבן.

איך האָב דערזען אַז איך האָב אַ סך ניט פאַרשטאַנען. מיר האָט זיך געהאַט אויסגעדוכט אַז די יידישע שטעטלעך אין פּוילן זיינען געווען אַלץ קליינע העק, איינס אָנגעוואָרפן אויפן צווייטן. אין אמתן זיינען זיי געווען שיינע, ליבע שטעטלעך, און ס'איז געווען אַ מהלך וועגס פון איינעם צום צווייטן. איך האָב געמיינט אַז פון איין שטעטל און צווייטן איז געווען ווי גיין פון איין גאַס אין צווייטער — אָבער דאָס זיינען געווען גרויסע שטרעקעס, דורך פעלדער און וועלדער. איך האָב געקראָגן מער דרך־ארץ פאַר יענע אַלטע פּוילישע יידן, די יידן וואָס האָבן געלעבט אין די דאָזיקע שטעטלעך, איינגעוואָרצלט אין דער פּוילישער ערד, אין די פעלדער און וועלדער.

איך האָב אָנגעהויבן לייענען שלום אַשן מיט נייע אויגן. איך האָב געזען דעם וועג מיט וועלכן איך בין איצט געפאָרן, אַזוי ווי שלום אַש האָט אים באַשריבן ווען זיין רב שלמה נגיד איז מיט דעם וועג געפאָרן אַהיים אויף שבת, און די ביימער אין וואַלד און די זאַנגען אין פעלד האָבן זיך געשראָקן פאַר אים. זיי האָבן אים געקענט, דעם רב שלמה נגיד.

איך בין געווען אין קוטנאָ, אין דעם הויז — ס'הייסט נאָך היינט „דאָם אַש“ — וואו אַש האָט געוואוינט, אויף שענקעוויטש גאַס. איך האָב גערעדט מיט מענטשן וואָס האָבן אים געדענקט פון זיין וואוינען אין קוטנאָ, וואָס האָבן געדענקט זיין מוטער, וואָס איז געשטאָרבן אין דעם „דאָם אַש“ ניט לאַנג פאַר דער היטלער מגפה. אַש פלעגט מיר זאָגן, אַז ער דאַנקט גאָט וואָס זיין מוטער האָט ניט דערלעבט צו ליידן אין דעם חורבן. די גויים אין קוטנאָ זיינען געווען שוואַרץ מיט מענטשן צו איר לוויה. אין גאַנץ קוטנאָ האָב איך איצט געפונען בלויז דריי יידן — צוויי דאָקטוירים און אַ רויזן־גערטנער, אַ ייד וואָס הייסט אייזיק, און מען קען אים איבער גאַנץ פּוילן ווי דער „קעניג פון די רויזן.“ ס'איז געווען דעם טאָג אַ מאַרק אין קוטנאָ; געווען פול מיט פערד און וועגענער און פויערים, נאָר קיין יידן זיינען ניט געווען.

דאָס זעלבע איבעראַל, אין די אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך. מיר זיינען געפאָרן קיין טוראָק, וואו דער סקולפּטאָר גליצנשטיין איז געבוירן געוואָרן. די גויים געדענקען אים, געדענקען זיין טאַטן, דעם בעבה־קריצער. איצט איז ניטאָ קיין איין ייד אין טוראָק. די שול וואו גליצנשטיין האָט אַלס ייִנגל אויסגעקנאָטן פון וואַקס וואָס האָט אַראָפּגעטריפט פון די יום־כיפּור ליכט, דעם פאָרם פון זיין משיח, איז איצט אַ שפּייכלער פאַר תבואה. אפילו אין קאַליש האָב איך געפונען נאָר עטלעכע געציילטע יידן.

די יידן וואָס זיינען געבוירן אין פּוילן, טרעפן זיך צוזאַמען אין די גרויסע צענטערן: וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, ווראָצלאַוו. זיי קומען אין יידישן קלוב, שמועסן, דיסקוטירן, הערן אַ רעפעראַט, געבן אַהיים אַ בוך פון דער ביבליאָטעק, לייענען אַ צייטונג, שפּילן אַ שאַך; און די יונגוואַרג קומט טאַנצן אַ דזשאַז אָדער „ראָק און ראָל". מ'האָט מיך געפרעגט צי אין לאָנדאָן האָבן מיר אויך אַזעלכע יידישע קלובן. זיי האָבן געמיינט די יידישע קולטור־אַרבעט איז אין די קלובן.

איך בין געווען אין פּוילן אין דעם יאָר פון שלום עליכמ'ס הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג. אין אַלע יידישע קלובן, אין די יידישע שולן, אין אַלע יידישע אינסטיטוציעס זיינען אויף די ווענט געהאָנגען בילדער פון שלום עליכם און שילדן מיט אויסצוגן פון זיינע ווערק. זיינע ביכער זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף פּאָליצעס. אין יידישן מלוכה־טעאַטער האָט מען געשפּילט שלום עליכמ'ס פּיעסן. די קינדער אין די שולן האָבן דעקלאַמירט ניט נאָר שלום עליכם, אויך פּרץ, אַבר. רייזען, מאַנגער, בינעם העלער, לייב אָליצקי. אין וואַרשעווער זשורנאַל „יידישע שריפטן" איז געווען אַן אַרטיקל איבער די יידישע קולטור אַרבעט אין פּוילן — ניט געקוקט דערויף וואָס אונדזער באַזע איז קליין און מאַטעריאַל איז שטאַרק פאַרקלענערט, גייען מיר ווייטער מיט אונדזער יידישער קולטור אַרבעט." אין אַרטיקל האָט זיך נאַטירלעך גערעדט וועגן דעם אָנטייל פון יידן אין דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם אין פּוילן, אָבער ס'האָט אויך באַטאָנט אַז „מיר האָבן פאַרבונדן אונדזער היינטיקע יידישע קולטור מיט די טראַדיציעס פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, וואָס שעפּן זיך פון אונדזער יידישער מאַסן־פאָלק־קולטור. מיר האָבן דערוועקט ליבע און דרך־ארץ פאַר די גרויסע קלאַסיקער פון דער יידישער קולטור, און מיר האָבן פאַרשפּרייט אַ געפיל פון געטרייער איבערגעבנקייט צום יידישן פאָלק, ווי איינער פון די פעלקער אין אונדזער פיל־פעלקערישער געזעלשאַפט."

אַ סך יידן וואָס מיר האָבן געטראָפן אין די יידישע קלובן האָבן זיך געפרעגט ביי אונדז וועגן קרובים און פריינט אין לאָנדאָן — אפשר קענען מיר זיך מיט זיי טיילמאָל יאָ. דאָס זיינען דאָך די זעלבע פּוילישע יידן ווי מיר. מיר האָבן בלויז אויסגעוואַנדערט מיט יאָרן פריער קיין ענגלאַנד (אָדער אַמעריקע). מיר האָט זיך אָפט געדוכט אין די קלובן, אָדער ביי אַ רעפעראַט, אָדער אַ טעאַטער פאָרשטעלונג, אַז איך זע באַקאַנטע פּנימער, יידן וואָס איך קען פון לאָנדאָן. ביי בער מאַרקס אַ רעפעראַט איבער דובנאָוו, צו זיין הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג, וואָלט איך געקענט שווערן אַז איך זיץ ביי אַ רעפעראַט אין לאָנדאָנער קלוב פון אַרבעטער רינג. די זעלבע מענטשן.

האָב איך דערפאַר געדאַנקט גאָט וואָס מיינע עלטערן זיינען אויסגעוואַנדערט פון פּוילן איידער איך בין געבוירן געוואָרן. אַניט וואָלט איך דאָך אויך געפאַלן אַ קרבן פון היטלער. איך וואָלט אומגעקומען אין טרעבלינקע, אָדער איך וואָלט געבליבן לעבן, און געמוזט איצט פּרוואוון אויפבויען אַ ניי לעבן אין דעם היינטיקן פאַראָרימטן פּוילן, אָדער אויסוואַנדערן ווי אַן אימיגראַנט קיין אַמעריקע, אָדער ישראל, און אָנהויבן פון דאָס ניי.

לייוויק האָט גערעדט פאַר אַ סך, אַ חוץ זיך אַליין, ווען ער האָט זיך געקלאָגט ווייל „אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען." אין אשווענטשים האָב איך געזען ווי אייִנער האָט זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן אַביסל ערד, און אין האַנט האָט ער געהאַלטן ברעקלעך מענטשלעכע ביינער.

האָב איך זיך, אַזוי ווי לייוויק, פאַרשעמט וואָס איך לעב. ווייל די וואָס זיינען אומ־געקומען אין די פּוילישע לאַגערן זיינען געווען מיינע אייגענע, מיינע פּוילישע יידן, שטאָם פון מיין שטאָם. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך גיי איבער אַ גרויסן בית־עולם, אַז איך גיי אויף הייליקער ערד, געהייליקט דורך אונדזער־רע מיליאָנען קדושים, און איך האָב כסדר געהאַט אין זין שלום אַש׳ס בילד ווי די פּראָצעסיע פון טויטע, דערמאָר־דעטע יידן מאַרשירט דורך די גאַסן פון וואַרשע. איך האָב מאַרשירט מיט זיי. אָבער איך האָב אויך געהאַט דאָס גע־פיל אַז איך גיי דאָ אויף הייליקע ערד, ווייל איצט, נאָכן חורבן, נאָך דער גרוי־סער שחיטה פון אונדזערע מיליאָנען יידן, זיינען פאַראַן טויזנטער יידן אין פּוילן, וואָס לעבן און אַרבעטן, און פיל יידישע קינדער, משהלעך און שלמהלעך, שפּילן זיך אויף יידיש, אויף מאַמע־לשון, אונ־טער די פּוילישע גרינינקע ביימעלעך. די פּוילישע ערד איז פאַר אונדז הייליק אויך דערפאַר ווייל, ווי קליין די צאָל זאָל ניט זיין, און ווי שווער די מי, גייט ווייטער אָן אין פּוילן אַ יידיש לעבן. ווער קען וויסן וואו ס׳געפינען זיך די זאָמען פון דעם נייעם יידישן המשך?

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# איך בין מיין עלטער־זיידן מקנא

מיין עלטער־זיידע, ר׳ משה דער מקובל,
האָט זיין וועלט פאַרריגלט אויף אַ ריגל,
פאַרשלייערט מיט אַ שווערער מראָקע,
געוואָלט בלויז מיט כולו זכאי
אויסלייזן דעם גלות.

איינגעהילט אין טלית
און אין שטילן טרויער,
פלעגט ער שטיקער זוהר
פון אויסווייניק זאָגן.

די נעכט געשלעפּט — אַ שווערן וואָגן;
די טעג מיט אָפּגעהיטנקייט געטראָגן.

דער עלטער־זיידע, דער מקובל,
האָט אַ סיגופימדיקן עיגול
פאַרצאַמט אין די חצותן,
אַלע קינות מיט טרערן באַגאָסן.
געזיכערט — אַז משיח וועט קומען.
צו אַכציק, האָבן די עלטערן אים איינגעזאַמלט.
אין דער לעצטער רגע נאָך — אויסגעשטאַמלט:
„אַף על פּי שיתמהמה,
בכל זאת אני מאמין.״

זיין אוראייניקל האָט געבראָכן אַלע צאַמען
און פון אני מאמין די פלאַמען ניט צעהעלט.

בונין

# כבוד

אמת,
ער האָט אַ צאָל דערציילונגען געשריבן,
ביכער עטלעכע געדרוקט,
און ווען די קריטיק האָט עס ניט פאַרקוקט
און זיך אויף דעם געהעריק אָפּגערופן—
האָט עס אים דעם קאָפּ פאַרדרייט,
און איז געוואָרן ווי בגילופין.
אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרריסן נאָז,
און זיך געלאָזט נאָך כבוד יאָגן,
ווי אַ יעגער יאָגט זיך נאָך אַ האָז.
נאָר געוואָלט דער ערשטער זיין אין קאָן...

נאָר געשטופּט זיך „אויבן-אָן",
אומעטום איז ער דער בעסטער,
פון קאָלעגן שרייבער—
ער דער גרעסטער.
נאָר דער כבוד איז געגליכן
צו די רעדער פון אַ וואָגן:
מעג ער יאָגן, טראָגן,
פליען „פייל פון בויגן"—
וועלן זיי איינס דעם צווייטן
קיינמאָל ניט דעריאָגן!
איז ער אַ פאַרברוגזטער אַרומגעגאַנגען
און אויף דער וועלט פאַרדראָס געטראָגן.

*
**

קיינער קאָן דאָך אָבער ניט
אַנטלויפן פונעם לעבנס-שטייגער,
און סוף-כל-סוף מוז דאָך אַמאָל
זיך אָפּשטעלן דער זייגער...
האָט געפּלאַצט זיין לעבנס-פאָדעם.
און אויפן עולם האמת,
נאָך אַלע רעדעס און הספדים,
ווען מען איז זיך צעגאַנגען

יעטווידער צו זיין געצעלט,
און ער— געבליבן איז
אויפן טויטן-פעלד,
צווישן שורות קברים אויסגעשפּרייטע,
האָט ער ניט געקאָנט דאָ זיין—
ניט בעסער,
ניט גרעסער,
ניט מ ע ר ע ר טויט
פון אַלע טויטע!...

יחזקאל בראָנשטיין

# דער חלום וואָס איז מקוים געוואָרן

(וועגן דעם בוך „אין שאָטן פון מיין בוים," פון ה. רויזענבלאַט, צו דעם 65 יאָריקן יובל פון זיין פּאָעטישער התגלות*)

עס וואָלט געווען אַ יושר אַז דער פּרינציפּ פון **געדענק און נישט פאַרגעס**, וואָס מיר ווענדן אָן אויף אונדזער כלל, זאָלן מיר זיך אויך אויסלערנען אָנצואווענדן אויף דעם פּרט. באַזונדערס — אויף אונדזערע קינסטלער, וואָס האָבן אונדז באַדינט ביים לעבן, באַרייכערט אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע און הינטער זיך איבערגע־לאָזט ווערטפולע און דורערהאַפטע ווערק, ווי זייער יחידישן צושטייער צו אונדזער אַלגעמיינעם קולטור־אוצר, די ליטעראַטור און אַלע אירע פאָרמען אַריינגערעכנט.

צוליב דעם וואָס היינטיקס יאָר, אין חודש יאַנואַר, איז געוואָרן 65 יאָר, אַ גורל־דיקע דאַטע אין דעם לעבן פון אַ דיכטער — זינט מיין בן־עיר — דער פאַרשטאָרבענער דיכטער ה. רויזענבלאַט האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע צוויי לידער אין „פאָר־ווערטס", דעם 2טן יאַנואַר 1900, אונטער דער רעדאַקציע פון משה קאַץ, ווילט זיך מיר דאָ אַ טראַכט טאָן אין דער הויך וועגן אים און זיינע פאַרדינסטן פאַר אונדזער דיכטונג.

פון דער היבשער צאָל לידער־ביכער וואָס רויזענבלאַט האָט אונדז איבערגעלאָזט, איז מיין האַנט געפאַלן אויף זיין בוך **אין שאָטן פון מיין בוים**. וועל איך אָט־דעם בוך זיינעם פּרואוון אַרומריידן, אין דעטאַלן.

די אָריגינעלע שליחות פון רויזענבלאַטס ליד האָט אונדז געדינט ווי אַן איבער־גאַנג פון פּרימיטיוו־נאַאיוון און טענדעציעזן ליד, צו דעם דורכאויס קינסטלערישן ליד, וואָס ער אַליין האָט זיך באַמיט אָנצוזאָגן און ביי אַ גאָר טיפן עלטער, עס טאַקע דערגרייכט.

דער אַריינפיר פון ה. רויזענבלאַט צו זיין בוך **אין שאָטן פון מיין בוים**, א.נ. **וואונדערלעך וואָרט**, אַ מין אני מאמין, ווי ער רופט אָן זיין פּאַרטיפטן עסיי — דינט אונדז דאָ ווי אַ שליסל צו זיינע אָנגשויאונגען, אין שייכות מיט זיינע שעפערישע עבודות.

ווי אַ דענקנדיקער פּאָעט און מענטש, האָט ער געזוכט... די סטעזשקע צום סודות־דיקן, וויסנדיק, אַז דאָס וואָס איך זוך, וועל איך קיינמאָל נישט געפינען...

רויזענבלאַט וויזט דאָ אָן, אַז די חבלי־לידה פון אַ דיכטער זיינען „זיין סוד." דער אָבער וואָס באַדאַרף געניסן פון דעם דיכטערס ווערק... איז ניט מחויב אויסצו־שטיין דעם דיכטערס געבורטס־ווייען... און אַז דער וואָס שאַפט... איז מחויב, ווי דער בוים צושטעלן די פּירות זיינע, רייף און צייטיק... און אַז ... אין דער פולער הנאה פון פאַרשטאַנען ווערן, ליגט דער שכר פונעם וואָרט־קינסטלער...

צוליב אָט־דעם אני מאמין זיינעם, באַטאָנט ער — ... האָב איך געשטעלט דעם טראָפּ אויפן פּשוטן וואָרט, אויף דער קלאָרער שורה, אויף דער גאַנצקייט פון ליד... וואָס ער האָט ערלעך אויסגעפירט און מקוים געווען.

---

*) פראַגמענט פון מיין בוך: פרייד פון יצירה, וואָס דערשיינט אין גיכן אין פאַרלאַג „המנורה", אין תל־אביב, ישראל.

דאָס האָט ער דערגרייכט.

רויזענבלאַט גראָבט דאָ ווייטער און טיפער.

אין זיין אויסטענהן זיך מיט דער קריטיק, דערשלאָגט ער זיך צו דעם געדאַנק, אַז —

...ניט אָפּשפּיגלען... איז דער קינסטלער מחויב די וועלט, נאָר זי אַרויסשפּיגלען פון זיך מיט אַן אייגענער אַרויסשטראַלונג, מיט אַן אייגענער אויסטייטשונג... און אַז... דער וואָרער פּאָעט זעט מיט אַן אינערלעך פאַרבאָרגן אויג די וועלט, ווי זי באַדאַרף זיין...

און דאָס האָט רויזענבלאַט אויך, אין די שעפערישע יאָרן פון זיין שאַפן — דערגרייכט.

שוין אין דעם ערשטן ליד זיינעם דאָ, **דאָס ליד פון קליינעם אות**, שלאָגט רויזענבלאַט אָן דעם טאָן פון אַ זעלטענעם בעל חלומות — אַ פּאָעט וואָס האָט שוין דאָך אָפּגעפּאָקט און אָפּגעמאָזלט — און ווייסט באַשטימט וואָס ער וויל.

זיין פאָדערונג און מאָנונג פון זיך איז:

בענק אויס פאַר זיך אַ שיינע וועלט —
און לויב, און גלויב אין איר.

דאָס זיינען אין יעדן ספק בכלל אַ מוז, פאַר יעדן בעל חלומות אָן אויסנאַם, און דינען אים ווי אַ סטימול צו אַ ווייטערדיקער און העכערער אַנטוויקלונג און דערגרייכונג פון זיין ליד.

דער שפּיל פון קאָנטראַסטן איז דאָ רייצנדיק שיין, שכלדיק, שפּילעוודיק און דער עיקרשט — תוכיק:

דער עושר זאַמלט געלט און גאָלד,
דער קמצן קאַרגט און שפּאָרט.
און איך געפין מיין שענצטע פרייד
גאָר אָפט... אין קלענצטן וואָרט.

אָט־דער חלום פון יעדן פּאָעט וואָס איז עכט אין זיין דיכטונג, איז געווען און איך פאַרבליבן דער חלום פון ה. רויזענבלאַט, וואָס ער האָט אוממיטלבאַר דערפירט ביז ברען און התלהבות אין זיינע ווייטערדיקע, נאָכקומענדיקע דיכטערישע עבודות.

צוליב אָט־דעם חלום זיינעם איז נאַטירלעך, וואָס —

אין רייכן פּאַלאַץ, טייער הארץ,
וועל איך ניט קענען שלאָפן.
כ'וועל האָבן אַלצדינג, וואָס איך וויל,
נאָר ניט די פרייד פון האָפן . . .

און אין דער פרייד פון האָפן, גלויבן און אפילו ספקות, זיינען פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון יצירה, פאַר יעדן שעפערישן מענטשן. צוליב דעם —

בין איך קיינמאָל ניט געווען אין וואַלד,
קיין אוצר ניט געפונען.
געחלומט פון אַן אוצר און..
אַ ליד זיך אויסגעשפונען.

דערביי גיט ער אָבער שטיפעריש צו, אַז —

אַן אוצר האָב איך פאַרט! —
אין וואַלד ביי זיך אין האַרצן.

וואָס איז דער נאַטירלעכסטער אורשפּרונג פון די זעאונגען זיינע, וואָס שטילן זיין דורשט און זיינען אין אים גורם, ווי אויבן־דערמאָנט — דאָס "אַרויסשפּיגלען פון זיך דאָס שיינקייט פון דער וועלט... מיט אַן אייגענער אַרויסשטראַלונג, מיט אַן אייגענער אויסטייטשונג...

רויזענבלאַטס גאַנג און וועג אין אונדזער דיכטונג, איז ניט געווען קיין גרינגער. צוליב דעם אפשר אַליין, האָט ער שפּעטער אַ סך דערגרייכט. און דווקא דערפאַר, וואָס ער האָט זיך באַוויזן אין אונדזער דיכטונג אין אַן איבערגאַנגס־צייט, ווען די טענדענץ און פאָרם פון אונדזער דיכטונג האָט זיך אינטענסיוו גענומען בייטן, און כמעט ווי געצוואונגען אונדזער קריטיק צו רעווידירן אירע אייגענע אנשויאונגען און נאָכצופאָלגן די אינאָוואַציעס פון אונדזער פּאָעזיע, איז רויזענבלאַט געווען אַ קרבן פון יענער אַכזריותדיקער קריטיק, וואָס האָט אים דאַן געשטעמפּלט ווי אַ פּאָעט וואָס „פּראָוועט פּאָעזיע," לויט ש. ניגערס היפּאָטעזע, וואָס האָט אים, רויזענבלאַטן, בלויז צייטווייליק אַביסל צעטומלט. גליקלעכערווייז אָבער, האָט עס אויף אים געהאַט אַ פּאָרקערטע ווירקונג — צום בעסערן.

רויזענבלאַט האָט דאַן מיט זעלטענעם געדולד און פּלייס, נאָכגעפאָלגט די נייסטע שטרעמונגען אין אונדזער דיכטונג, פון איר גאָר אַ סך געלערנט און ער האָט גלייכצייטיק צוגעפּאַסט זיין אייגן ליד צו די זיך אַלץ מער באַנייענדיקע פאָרמען פון אויסדרוק. ער האָט טיילווייז אפילו מקריב געווען זיין נייגונג צום גראַם. זיין ליד באַנייט און אויפגעפרישט מיט דעם אָנווענד פון דעם פרייערן פערז, וואָס האָט אים בהדרגהדיק אַ שטויס געטאָן צו דורכאויס נייע דערגרייכונגען און אים אומבאַמערקט אַריינגערינגלט אין דעם שטראָם פון די ווייטסטע און נייסטע דערגרייכונגען פון אונדזער דיכטונג אין פאָרם, אויפהיטנדיק אין זיך גלייכצייטיק די פּשטות פון זיין לשון, וואָס איז געווען און איז פאַרבליבן אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין ז י י ן גאַנג באַרג־אַרויף ביז צו דעם סוף פון זיינע טעג.

מיט דעם זעקסטן חוש פון אַ דיכטער—אַ זעער, איז ער וואַכזאַם צו אַלץ וואָס איז אַ רום אים, איבער אים און אין אים. צוליב דעם זיין ליריש געזאַנג, ווען —

> ביינאַכט, עס וויינט אַ קינד
> ביים שכן דאָ דערנעבן.
> איך ליג און הער זיך איין:
> דאָס וויינט אין מיר מיין לעבן.

רויזענבלאַטס ליד, וואָס איז געווינלעך אַדורכגעזעלט פון קאָנקרעטע בילדער אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון, פיבערט אָפטמאָל אויך אויף מיט סימבאָלן, וואָס גיבן זיי צו דעם רייץ פון אַ סודותדיקער באַהעפטונג מיט דעם אין־סוף.

אין זיין נאַראַטיווער פּאָעמע **מיינע זיבן גוטע אורחים**, זינגט ער למשל אַזוי:

> כ׳צינד אָן לכבוד אים די לייכטער,
> שטעל וויין, לייג חלה, פליש און פיש.
> מיר מאַכן קידוש, זינגען זמירות,
> און גאָט זיצט צווישן אונדז ביים טיש.

אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם בצימצום, איז דאָ אָנגעוואָרפן אַ שטייגעריש בילד פון יידיש לעבן, מיט אַ גאָר גרויסן עודף: גאָט, וואָס זיצט צווישן אונדז ביים טיש.

צוליב דעם אויפזינג פון אַ דיכטעריש, סימבאָליש־געזעענעם אמת:

אוּן דאָס, וואָס דו ווּעסט זען — פֿאַרנעם אוּן גלויב,
ווייל יעדע זעאוּנג, אָנוּנג, חלום, רמז —
איז דאָס, וואָס האָט געזאָלט געשען אוּן ניט געשען —
אַליין דער חלום בלויז... דער חלום נאָר איז אמת.

אין דעם זעלבן גייסט איז געשריבן זיין „ליד פֿון אַלע לידער,“ וואָס אָטעמט מיט דער מיסטעריע און אידעלער אויפֿפֿאַסונג פֿון וואָרער דיכטונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער עכטקייט פֿון ליד ביי יעדן עכטן פּאָעט, וואָס פּראַוועט נישט קיין מאַגיע, נאָר שאַפֿט איר, מיט דעם כח פֿון אַ זעקסטן חוש.

ווען רויזענבלאַט זינגט וועגן דעם, אַז „ביי מיר אין גאָרטן וואַקסן לידער,“ אַלטערלעך אין אַ סימבאָלישן זין — זאָל מען אים גלויבן.

זיינע זעלטן־געראָטענע לידער און פּאָעמעס, וואָס ער האָט געשריבן אין אַ שפּעטן עלטער, באַשטעטיקן עס דעמאָנסטראַטיוו.

זיינע נאַראַטיווע פּאָעמעס און באַלאַדן זיינען געשריבן אין אַ זעלטן קלאָרן סטיל. די רייצן דיין פֿאַנטאַזיע און זיי האַלטן דיך געשפּאַנט, לאַנג נאָך דעם ווי דו האָסט זיך באַשעפֿטיקט מיט זיי.

היימיש ברויט, אַ מעשה וועגן אַ שוסטער, ספר חלומות, ספרים, זיינען ניט נאָר קלוג פֿאַרטראַכט און קינסטלעריש שיין אויפֿגעפֿירט, נאָר, זיי אָטעמען בכלל מיט דער רייפֿקייט פֿון אַ פּאָעט, וואָס האָט גאָר אַ סך געבלאָנדזשעט און אַ סך אַבער געוואונען, אַ היבש ביסל שפּעטער, אין אַזאַ עלטער, מיט וועלכער ס'איז בכלל שווער געווען צו קאָנקורירן און איז אין אַלגעמיין געווען איבעראַשנדיק, מיט דער פֿרישקייט פֿון באַנייאונג, וואָס ווערט אַלעמאָל דערמאָנט אין אַ דיכטער אין אַ דויער־האַפֿטן טאָגן.

די פּאָעמע **אין טאָל פֿון די בלינדע** אונטערשטרייכט צום וויפֿילטן מאָל זיין קלאָר זיין און זעלטענע פֿעאיקייט צו פֿאַרוואַנדלען זיינע חלומות אין דער וואָרסטער דיכטונג. אַדרבה, הערט אויף טשיקאַוועס, ווי אַ גאָט־געבענטשטער דיכטער ספּראַוועט ערך, ווי ה. רויזענבלאַט וואָלט זיך אַליין אויסגעדריקט אין שייכות מיט אַזאַ אַקט פֿון יצירה — מיט אַזאַ טעמע:

דער חלום מאַכט דעם מענטש צום נאַר,
קרימט איבער גאָטס יצירה.
נאָר איך, דער נאַר פֿון ליד, איך זע
אין חלום ניט קיין סתירה.

איך חלום טאָג אַזוי ווי נאַכט,
ווייל וואַכן וואַך איך זעלטן.
אין חלום בין איך גאָט צוגלייך:
איך בוי... מאַך חרוב וועלטן.

זאָל זוכן ווער ס'וויל דעם תוך און דעם תמצית.
פֿאַר מיר — די והותר די בלינדע חלומות.

און טאָקע דערפֿאַר, וואָס ער זעט ניט אין חלום קיין סתירה, גיט זיך אים בכלל אין דער לירישער אויפֿזינג פֿון זיין טעמאַטיק, וואָס גיט זיך אונטער זיין געבענטשטער

פעדער, און אויך אַ דאַנק דער אינטענסיוויטעט פון זיין באַמיאונג, לאַנג־יאָריקער דערפאַרונג פון שאַפן וואָרע דיכטונג, האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער גדולה פון פּראָ־מינענץ אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג אויף יידיש לשון.

זיין פאַרליבט און פאַרגלייבט זיין אין זיין ליד, באַהערשט אויף אַזוי פיל זיין מענטאַליטעט, אַז אין אַלץ זעט ער דעם געבורט און דעם אויפלויכט פון אַ ליד. אפילו אין זיין געזאַנג וועגן אַ גריל, דערזינגט ער זיך צו דער השערה, אַז —

איך ווייס: פאַרטאָג וועל איך געפינען
אין ליכט פון קאַרשנבוים אַ ליד...

אַזוי פאַרענדיקט זיך אויך זיין סימבאָליש ליד א.ב. **דאָס פאַרשעמטע בגד**, מיט דעם אויפזינג:

און איך, וואָס שלאָף ניט אָפּט ביינאַכט,
באַזינג דאָס אין אַ ליד.

רויזענבלאַט פילאָזאָפירט צומאָל אויך אין זיינע לידער איבער דער מיסטעריע פון דעם לעבן, דעם זין דערפון און אויך פון זיין באַשעפער. אַלעמאָל איז ער באַוואוסט־זיניק וועגן דעם. ער לאָזט זיך אַפילו נישט נאַרן פון טרייסטנדיקע אילוזיעס. צוליב דעם זיין געזאַנג פון באַשערטקייט:

איך האָב דיך אומעטום געזוכט.
ביסט אומעטום געווען.
נאָר איך האָב קיינמאָל, קיינמאָל נאָך
דיין פנים ניט געזען.
צו שאַרף דיין ליכט... דאָס פייער האָט
מיין ראיה מיר פאַרצערט.
כ'בין בלינד... נעם גאָט מיין האַנט און פיר,
וואוהין ס'איז מיר באַשערט.

דאָס איז דאָס געזאַנג פון הכנעה אין דעם פנים פון דיין באַשעפער.

רירנדיק ביז גאָר און ווייט פון זיין באַנאַל דורך דעם אַנווענד פון דער קללה, ווי עס האָט זיך באַשטעטיקט ביי גאָר אַ סך פון אונדזערע פּאָעטן — זיינען דאָ רויזענבלאַטס לידער, א.ב. **מים המאררים**.

דאָ קומען צום אויסדרוק גרויס־יידישע מאָטיוון, אויסגעוויייטיקטע אויף דער פאָן פון לירישע איבערלעבונגען.

טראַגיש ביז גאָר איז דער תוכן פון דער פּאָעמע **משה אויף דעם באַרג נבו**, אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק די ליכטיק־טראַגישע פיגור אין אונדזער געשיכטע, דער נביא הנביאים — מ ש ה.

אין **על הנסים** ווערט געשילדערט אויף גאָר אַ צימצומדיקן אופן דער נס פון אַלע נסים... וואָס גיט זיך דיר איבער אין רויזענבלאַטס וואונדערלעכן סטיל און ריטעם פון פשטות, מיט דער פרייד פון האָפענונג און בענטשונג.

איצט נידער איך אַרונטער צו דעם אַלטן שמיד,
וואָס דרימלט לעבן פייער, מחמת דעם וואָס ער איז מיד,
און זאָג צו אים: שטיי אויף! שמיד איבער מיר מיין ליד
אין אַ זינגענדיקן אַקער.

דאָס איז די זעאונג פון נביא ישעיה, פאַרטפילהט אין רויזענבלאַטס ליד, אויף דער שוועל פון גאולה.

און ווייטער:

און זאָגן וועל איך צו דעם אַלטן שמיד: — די שווערד
באַהעפטן וועט זיך דאָך צוריק מיט אונדזער ערד!
וואָס זיי איז ביי דעם לעבן ניט געווען באַשערט,
וועט איצט מקוים ווערן!

און אַז האַמער וועט אַ פאַל טאָן צו דעם שטאָל,
וועט אויפגיין אַ געזאַנג פון ביינער טרוקענע פון טאָל...
איך האָב אַ נס אַזאַ געזען שוין לאַנג צוריק, אַמאָל... אַמאָל...
ע צ מ ו ת ה י ב ש ו ת!

דאָס איז די נבואה פון אַ צווייטן גרויסן נביא אונדזערן — יחזקאל, אין דעם באמת וואונדערלעכן ליד פון ה רויזענבלאַט.

אַ באַזונדער גבורה ווייזט רויזענבלאַט אַרויס אין זיינע לידער פון חורבן, וואָס לייגן זיך ביי אים אויס אונטער דעם זעלבן סימבאָלישן נאָמען: **מים המאָררים**; אָט, הערט ווי ער זינגט:

ווי גרויס ס'איז געווען די געפאַר
ביי גבעון, אָ, גאָט, ניט פאַרגעס
אַז היינט איז זי גרויס — אין לשער!
און דאַרף היינט זיין דיין נס!
אַ טרייסל טאָן זאָל זיך די ערד
און אויסלעשן זאָל זיך דיין זון!
צום לעצטן מאָל: — הויב אויף דיין שווערד
און פיר אונדז, יהושע בן־נון.

בלויז אַ דיכטער מיט גרויס טאַלאַנט האָט אויף אַזאַ צימצומדיקן אופן געקענט דערגרייכן אַזאַ השתפכות הנפש, אין אַ ליד פון זעקס סטאַנזעס, ווי רויזענבלאַט האָט באַוויזן צו טאָן אין זיין מוסטערהאַפטן ליד.

אַזוי אויך די נאָכפאָלגנדיקע לידער א.ג. **אַ גאַסט וואָס קומט אין מיטן נאַכט** זאָך. **דער טאָל פון טויט.** דער דיכטער זינגט טיילווייז אַזוי:

פון זיבן טויזנט אויסגעשאָכטענע בין איך געבליבן איינער, איינער.
בין ערשט פון שחיטה־שטאָל אַנטרונען מיט מיין אייגן זעקל ביינער.

בילדער אויף בילדער פון שוידערלעכן אומקום, כאָטש רויזענבלאַט, זאָל געדענקט ווערן! — איז דאַנקען גאָט אין טרעבלינקע ניט געווען.

און — ווי אַלעמאָל, מיט דעם כח פון אַ זעקסטן חוש אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון, קומען דאָ צום אויסדרוק בילדער פון אונדזער גרעסטן חורבן, וואָס פאַרגליווערן אין דיר דיין בלוט. הערט און שטוינט:

אַ טויזנט מתים ליגן מיטן פנים צו דער ערד, בלויז איינער אויפן רוקן.
אַ גרויל צו זען ווי פאַרצעלייענע צוויי אויגן קוקן, קוקן, קוקן
אַרויף צו דער לבנה... הערסט, געליימט פון שרעק דעם ווינט דעם רויען
דורכן מויל, פון גסיסה־אַנגסט געלאָזן אָפן, וואָיען, וואָיען, וואָיען...

עפעס ענלעכעס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פּאָעמע **דער טאָל פון טויט**, וואָס דער דיכטער פאַרענדיקט אַזוי:

איך שטיי פּאַר׳אָבל׳ט, שטום, דער קאָפּ אין צער געבויגן
און אויסגעטריקנט איז אין מיר דער קוואַל פון טרערן.
מדבריות וויסטע צווייִ — מײַנע אויסגעוויינטע אויגן, —
צוויי הימלען פול מיט נאַכט, אַ וויסטע נאַכט אָן שטערן.

געהאָפט — איך ברענג דיר רו, בטחון און נחמה,
גאָטס וואָרט וועט אויף מײַן ליפּ צעפלאַמען זיך נביאיש.
פאַרלאָשן איז מײַן אויג און פינצטער — מײַן נשמה,
מײַן האַרץ איז אָנגעפילט מיט פּחד און מיט יאוש.

וואָס דינט דאָ ווי דער אויסדרוק פון דער העכסטער פאַרצווייפלונג.

אַ דאַנק דער פּאַרליבטקייט פון רויזענבלאַטן אין זײַן ליד, האָט ער נאַטירלעך אויך געטראַכט וועגן דעם גורל פון זײַן ליד, ווי וועגן אַ טייל פון דעם גאַרן מהות פון וועלט און מענטש, זייער גורל און דויערהאַפטיקייט. צוליב דעם זײַן ליד א.ב. **עפּיטאַף**, ביים ליכט פון בין השמשות אין זײַן פרוכטבאַר און שעפעריש לעבן, אין וועלכן ער שליסט אויך איין און ער געזעגנט זיך כמעט מיט זײַן ליד — דער שאָטן פון זײַן לעבן:

און דו, מײַן ליד, אַרום מײַן פענצטער פלאַטערסט,
דו שלאָגסט אומזיסט אַרויס זיך פון די כוחות,
אַזוי אָט צאַפּלט זיך דער שם פון אַ געשענדסטער ספר תורה,
פאַרפּלאָנטערט אין די פאַלדן פון צעריסענעם פּרוכת.
אָ, ליד, מײַן ליד, נעם אָן פאַר ליב דײַן בלינדן גורל,
און ווי געוועזן — בלייב פּרוס, עניוותדיק און גלויביק.
ניט נאָר די זון, די שטערן, די לבנה און די בענקשאַפט,
נאָר אויך דער שטויב פון שוכן עפר איז אייביק, אייביק.

אַזוי פאַרבינדט רויזענבלאַט די אינטימסטע איבערלעבונג זײַנע — זײַן ליד, מיט די ריינסטע הייליקייטן אונדזערע, ווי אַ טיפּישער ייד און מענטש — אַ דיכטער ביי יידן.

דער אויספיר פון זײַן עפּיטאַף איז אוודאי פּאָעטיש־שיין, כאָטש ליידער, ווייט פון זײַן רעאַל. דערפאַר אָבער — זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער בעל־חלומות וואָס רויזענבלאַט איז געווען און פאַרבליבן אין זײַן דיכטונג, ווי ער איז עס אויך געווען אין לעבן: אַ חלום וואָס איז מקוים געוואָרן אין דעם כינוס פון אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש קודש, לדור דורות.

ווערט אַ מיטגליד פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

לוי גאָלדבערג / ניו־יאָרק

## געגנאָד און רו

(צום אנדענק פון יצחק פרידלאַנד ע״ה)

אין מיין צער קום איך צום ליד
און זאָג: — העלף מיר, קרוב,
אַז דיר בין איך אַ יורד, אַ ייד
וואָס איז חרוב.

בעט מיך דאָס ליד זיך זעצן ביים טיש
געגרייט אויף דעם פון כל טוב: —
וואָרט, פאַר מיין פאַרצווייפלעניש,
און ניגון, פאַר מיין נשמה און גוף.

איז איידער איך באַנעץ מיין טרוקענע ליפ
מאַך איך אַ ברכה אויף דעם:
און וואונדער געשעט — ווי פון אייגענעם ריפ
אַ געשטאַלט גייט אויף פאַר מיין ברעם.

ליד גיט מיר טרינקען דעם טרויבנוויין
פון מיין אייגענעם גאָרטן געבראַכט.—
איך האָב די טרויבן פאַרזייט אין פיין
ווען ס׳ווערן די לידער געדאַכט.

און לויטער איז דאָס געשטאַלט־באַשאַף
מיט וואָרט און ניגון אויסגעקנעט,
איך שטוין דערביי פאַרכישופט, און גאַף,
ווי אויפגעוועקט פון הינערפלעט.

צוריק אַהיים גיי איך פייגל־גרינג,
אַ ליד־געשטאַלט מיין טראָט באַגלייט.
און ווידער, ווידער אין מיר זינגט
געגנאָד און רו, פון לעבן און טויט.

## יידישע לידער

יידישע לידער זיינען אויסגעריסענע געלבע בלעטער
פון טאַטעס הייליקע ספרים, און מאַמעס צאינה וראינהם;
אויסגעפלעקט דורך דעם זאַלץ אין זייערע טרערן.
זיי קומען צום פאָעט אין חלום פון דעם עולם האמת —

שלמה סיימאָן / ניו־יאָרק

# אַ חלום אָן אַ פּתרון

(דערציילונג)

אַ חלום אין אַ חלום און ער איז געווען אי וואַך אי פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געזען ווי ער מאַטערט זיך און ליידט אַנגסטן. שווער איז איבערצוגעבן דאָס געפיל, אַז דאָס איז ער און דאָך אַן אַנדערער — אַ פריערדיקער און אַן איצטיקער. אָט ווי ער וואָלט געבליבן ער און איבערגעלעבט אַ גילגול ביים לעבן:

ער איז אין אַ הייל, ער ליגט אינגאַנצן אַ נאַקעטער. ער איז האַלב מענטש, האַלב חיה. ער איז באַוואַקסן פון די פיס ביזן קאָפ. דאָס פנים איז שוין אָבער ווי ביי אַ מענטשן. עס איז מיטן נאַכט. עס ליגן אַרום אים פרויען און קינדער. ניטאָ קיין דערוואַקסענער מאַן אַ חוץ אים. ער כאַפט זיך אויף פון שלאָף אַן אומרואיקער. אַ גרויס אומעט, אַ מאָדנער אומעט פון עלנטקייט און איינזאַמקייט איז אים באַפאַלן. אַ פאַרלאָרנקייט. ער רוקט זיך צו פאַמעלעך צו דער שוואַרץ־האָריקער און נעמט זי אַרום. ער פילט די גלאַטקייט פון אירע היפטן און די ווייבערשע ווייכקייט פון אירע אברים און אים ווערט גרינגער. ער הייבט זי אָן צאַרט צו גלעטן און נורעט איין זיין פנים אין איר. אָבער זי טוט אַ ברום, און ער ווייסט איר מיין: „לאָז מיך צורו, איך בין שלעפעריק." אַ שווערער קנויל טוט אים אַ דריק אונטערן האַרצן. אַ שווערער אומעט באַפאַלט אים, געמישט מיט רחמנות צו זיין איינזאַמקייט. עס ווערט אין אים אויפגעוועקט אַ ברויזנדיקער כעס. ער טוט זי אַ כאַפ פאַר די האָר און טוט זי אַ שלעפ מיטן גאַנצן כוח, אַזוי אַז ער הייבט זי אויף פון דעם געלעגער און ער טוט איר אַ זעץ מיט זיין פויסט אין זייט, מיט גאָר זיין כוח. זי שרייט אויס פון ווייטיק. ער טוט זי אַ שליידער צוריק און זי שרייט אויס נאָך העכער, און אַלע כאַפן זיך אויף.

די הייל ווערט פול מיט געשריי און טומל. ער טוט אַ ברום מיט אַ ווילדן אויפברויז, טוט אַ בריק מיטן פוס דער ווייַנענדיקער ווייב אין אַ ווייכן אָרט. זי שרייט אויס מיט נאָך אַ גרעסערן יאָמער. די קולות פון די אַנדערע ווייבער ווערן שטאַרקער און די קינדער צעוויינען זיך מיט אַ געפילדער טויב צו ווערן. ער לויפט אַרויס פון הייל.

ער דאָ, פילט דעם איבערבייט פון דער

---

בשתיקה, פון גאָטס אַ קוש,
אין אַ נייעם לבוש.
ער ברענגט די בלעטער צוריק — אין לידער,
צו לעבן אויף דער וועלט,
וואו זיי לויכטן, און לעשן זיך,
לויכטן און לעשן זיך,
ווי צינד־פליגן ביינאַכט אויף אַ זומערדיקן פעלד.

אָ, מיינע אָרימע יידישע לידער,
אויך אייערע קערנער
פאַרזייַ איך צווישן בלומען און דערנער.

פֿאַרשטיקטער לופֿט פֿון דער הייל אויף דער ריינער לופֿט פֿון דרויסן. עס איז אַ זומערדיקע נאַכט, אַ סוף־חודשדיקע נאַכט. עס איז שטאָק־סינצטער און דער הימל איז שוואַרץ־בלוי, אָנגעפּינטלט מיט גרויסע ליכטיקע שטערן, וואָס קוקן אַראָפּ אויף דער האַלב חיה־מענטש, וואָס פֿילט זיך אַזוי פֿאַרלאָרן און קליין. ער פֿילט זיך באַליידיקט פֿון איר אָפּשטויס פֿון זיך. ער לייגט אַריין דעם קאָפּ צווישן די קני און פֿאַרגייט זיך אין אַ שלוכצן, וואָס טרייסלט אויף זיין גאַנצן גוף. ער, וואָס חלומט, קוקט אויף אים און ער דערזעט ווי מיטאַמאָל הייבט ער אויף דעם קאָפּ צום הימל. ער, וואָס חלומט, ממש זעט ווי זיין אָפּגעשפּיגלטער ווילדער איך, דערפֿילט ווי איםעצער קוקט אַראָפּ פֿון הימל אויף אים; ער זעט אויך ווי יענער דערפֿילט, אַז אַ האַנט גלעט אים איבערן קאָפּ און ער הערט קלאַנגען (קיין לשון איז נאָך ניט געווען) און די קלאַנגען שטעלן זיך איין אין ווערטער: „שטילער, שטילער מיין זון, וויין ניט. איך האָב געזען דיין פּיין און דיין עלנט. אָבער ...ן זאָלסטו וויסן, מיין זון, אַז ניט אַלע מאָל נידערט אַראָפּ דער רעגן אויף דער בלום ווען זי גאַרט נאָך אים. און ניט אַלע מאָל, ווען די בלום גאַרט נאָך רעגן, קומט ער אָן. איך ווייס דיין אומרו, אָבער זע, דו שטייסט אויף דיינע הינטערשטע פֿיס און דו קאָנסט אַרויפֿקוקן צו מיר און זען מיין גאַנצע אַרבעט. דו האָסט אַ טייל פֿון מיר אין זיך. אָט זע, דו האָסט אַליין זיך אויסגעלערנט צובינדן אַ שטיין צו אַ שטיק האָלץ און דו קאָנסט מיט דעם באַ־דעקן דעם לייב. דו וועסט באַזיגן די וועלט. ... קוקט אויף דיר דו אַליין, וואָס שלאָפֿסט אויף קישנס מיט ריינע ציכלעך באַדעקט.״

ער חלומט ניט, ער איז ער און אויך יענער אין הייל איז ער. ניט אָפּגעטיילט און ניט אָפּגעשיידט. איינס. ער זעט ווי ער קריכט אַריין צוריק אין הייל.

ניין, ער פֿילט ניט דעם געשטאַנק, ווייל ער איז דאָך יענער. אָבער ער פֿילט די וואַרעמע לופֿט. ער זעט ווי די שוואַרץ־האָריקע שאַרט זיך צו פּאַמעלעך צו אים און אָט פֿילט ער איר לייב ווי זי טוליעט זיך צו אים צו. ער ווייסט ניט צי עס איז פֿון ליבשאַפֿט, הכנעה אָדער שרעק. זי הייבט אים אָן צו גלעטן און ער איז דאַנקפֿול איר פֿאַר דער התקרבות, ווייל אַי די גלוסטעניש אַי זיין עלנטקייט האָבן אים איבערוועלטיקט און עס טרייסט אים איר נאָענטקייט. ער גייט אַריין אין איר מיט אימפּעט און ליבשאַפֿט און גרויס גלוסטעניש. ער בלייבט ליגן לעבן איר נאָך זיין זעטיקן זיך און נעמט זי שטאַרק אַרום און גראָבט איין זיין קאָפּ אין איר ברוסט. ער וויינט אין זיך פֿון פֿאַרדראָס וואָס ער ווערט אַזוי גיך אין כּעס; ער וויינט פֿון ליבשאַפֿט צו איר, וואָס זי האָט אים געזעטיקט, און וויינט אָן אַ פֿאַרוואָס און אַ פֿאַרוואָן; ער וויינט ווייל עס איז אים גוט, וואָס ער האָט חרטה אויף זיין רשעות און זאָגט זיך אַליין צו, אַז ער וועט מער זי ניט שלאָגן.

מיטאַמאָל הייבט ער אַביסל דעם קאָפּ און שיצט אָן די אויערן. ער הערט ווידער אַ קול: „עס איז גוט וואָס דו וויינסט. עס איז אַ סימן אַז דו האָסט דערשפּירט אַז איך בין אין דיר און מיט דיר. אָט האָסטו חרטה וואָס דו האָסט זי געשלאָגן און האָסט געגעבן אַ צוזאָג אַז דו וועסט מער ניט שלאָגן. דו וועסט מסתמא דעם צוזאָג ניט האַלטן. אָבער, דער גוטער סימן איז, וואָס דו וועסט ווייטער וויינען און חרטה האָבן. דו וויינסט, ווייל דו ביסט ניט קיין חיה און דו קאָנסט אָנקוקן דעם הימל. זע, דו ליגסט לעבן איר, נאָכ־דעם ווי דו האָסט געזעטיקט דיין געלוסט, און דו האַלסט זי שטאַרק אַרומגענומען. דאָס איז שוין ניט קיין גוף באַהעפֿטונג

אָדער גלוסטעניש פון מין, נאָר ליבשאַפט און גאַרונג נאָך פריינטשאַפט. עס איז שוין ניט מער נאָר חיהשע זעטיקונג, נאָר ליבשאַפט, פריינטשאַפט, געמישט מיט ווייב, מיט מין, וואָס אי עס זעטיקט דאָס געלוסט אי עס טרייבט אַוועק די עלנטקייט, אויך וועט שאַפן עפּעס וואָס דו האָסט איצט ניט קיין שום אָנונג דערפון — אַ משפחה.״

ער, וואָס חלומט, הערט וויטער די רייד, וואָס דער הייל־מענטש הערט: „פּרוכפּער זיך און מער זיך און דו וועסט געוועלטיקן איבער דער וועלט. דו וועסט פאַרטרייבן די חיות פון דער וועלט. דו וועסט באַצווינגען אַלץ וואָס לעבט אויף דער ערד און אין ים און די פויגלען אין הימל. עס וועט קומען אַ צייט ווען קעלט וועט ניט האָבן קיין שליטה איבער דיר און היץ וועט דיך ניט שטערן. זע, אַט שלאָפסטו אין אַ צימער, וואָס איז באַשיצט פון קעלט אום ווינטער און פון היץ אום זומער. צוויי אייזערנע קעסטעלעך טוען עס.״

ער, דער דאַאיקער, כאַפּט זיך אויף. דער לופט־רעגולאַטאָר זשומעט ריטמיש. איבער דעם זשומען הערט ער די רייד צו זיין האַלב־מענטש, האַלב־חיה: „דו וועסט שלאָפן אין אַ צימער, וואָס די לופט וועט זיין רעגולירט זומער און ווינטער, און דו און דיין ווייב וועלן זיין ריין און ציכטיק, ווייל עס וועט זיין געגנוג פליסיק וואַסער צו וואַשן און צו רייניקן זיך.״

ער רייבט די אויגן, זיך אַליין אויפצורוועקן און ווערן וואַכיקער. ער רעדט צו זיך: „אַוודאי איז עס אַ חלום. אָבער אַזוי רעאַל און קלאָר.״ ער ווייסט נאָך איצט ניט צי ער אין לופט־רעגולירטן צימער איז די אויסדוכטעניש, צי יענער אין הייל. ער באַרירט דאָס ווייב אין בעט, וואָס איז לעבן זיינער. ער בייגט זיך איין און אָטעמט אַריין דעם דופט פון אירע האָר. דאָס טייל אָפּגעדעקט לייב איז ריין און קלאָר. אַ שטיק ראָזעווע נאַכט־העמד שימערט צו אים. ער ווייסט איצט, אַז יענער איז די אויסדוכטעניש. ער קוקט זיך אַרום: יאָ, עס איז זיין וואוינונג. דער שלאָף איז אינגאַנצן אַוועק פון אים. ער טוט אָן זיין זומערדיקן באָד־צימער כאַלאַט און גייט אַראָפּ אונטן, אין זיין אַרבעט־צימער. ער וויל פאַרשרייבן דעם חלום איידער עס וועפט זיך אויס. אָבער מאָדנע, ווי ער זעצט זיך אַריין אין שטול באַפאַלט אים אַ שלאָף. עס חלומט זיך אים ווידער און ער ווייסט ניט ווער עס חלומט, חלומט דער וואָס זיצט ביים שרייבטיש צי יענער וואָס איז אין אַ געצעלט אין מדבר!

ער און זיין משפחה זיינען אין מדבר, וואוינען אין אַ געצעלט. ער איז פון די יוצאי־מצרים. ער זיצט אויפן דיל פון געצעלט. דאָס ווייב און קינדער אַרום אין אַ צירקל, און זיי יאָמערן. אַן אומגליק איז געשען. דעם ברודער האָט משה פאַרמשפּט צום טויט, פאַרשטיינט צו ווערן. דער ברודער איז אַלע מאָל געווען אַ ווידערשפּעניקער; אין מצרים און אַזוי איצט, קעגן משה און די זקנים. ער באַהאַלט קיינמאָל ניט קיין ווידערשפּעניגקייט. אַט וואָס ער האָט איצט אָפּגעטאָן. ער האָט באַשלאָפן אונדזער שוועסטער. עס איז ניט געווען קעגן איר ווילן. עס איז געווען ביידנס פאַרלאַנג. נאָך מער, אויף מאָרגן נאָך זיין באַשלאָפן איר, איז געווען שבת. ער אַרויס, מיין ברודער, וואָס האָט פיינט געהאַט דעם מן, און געפאַנגען אין דער מדבר אַ קראַליק. ער האָט געגעבן דעם קראַליק צו מיין שוועסטער אים צורעכטמאַכן און ער אַליין איז אַוועק צונויפקלייבן האָלץ אָפּצובראָטן דעם קראַליק.

ביים בית־דין האָט מען אים באַשולדיקט אין דריי פאַרברעכנס: באַשלאָפן

די שוועסטער; פֿאַנגען אום שבת אַ חיה בײַם עסן (און די חיה איז אַן אומרייַנע); און קלײַבן האָלץ אום שבת. מען האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים, פֿאַר וועלכער עבֿירה אים באַשטראָפֿן. מײַן ברודער האָט קיין זאַך ניט געלייקנט, ער האָט צוגעגעבן, אַז די עדות האָבן אים געוואָרנט ניט אָנצורירן דאָס האָלץ און ער האָט חוזק געמאַכט פֿון זיי און געזאָגט צו זיי: „שוטים, איר זייט אַרויס פֿון מצרים, פֿון פֿיזישער קנעכטשאַפֿט, (דער בעל החלומות ווייסט אַז „פֿיזישער" איז מײַן וואָרט. אָבער עס איז אַ פֿלאָנטער צווישן רעאַליטעט און חלום), יאָ, איר זייט אַרויס פֿון מצרים פֿון פֿיזישער קנעכטשאַפֿט און גענומען אויף זיך אַן אַנדערע קנעכטשאַפֿט, די קנעכטשאַפֿט פֿון פֿון דער תורה. מיר געדענקען מצרים, דאָס ניט געקוקט אויף אונדזער קנעכט־שאַפֿט זײַנען מיר געווען פֿרײַערע מענטשן ווי איצט. מיר האָבן געקאָנט באַשלאָפֿן לעבן מיר האָבן געוואָלט, ווער נאָר עס האָט זיך איבערגעגעבן פֿרײַוויליק צו תורה. קוקט אָן מײַן שוועסטער! זעט איר שיינקייט און ווײַבערשע פּראַכט! פֿאַרוואָס זאָל אַ פֿרעמדער געניסן פֿון איר ווײַבערשער עשירות און פֿאַרוואָס זאָל אַ פֿרעמדע פּרוי אָנגעזעטיקט ווערן מיט מײַן מאַנלעכקייט? פֿאַרוואָס איז דאָס געשמאַ־קע פֿלייש פֿון אַ קראָליק טריף? וואָס פֿאַר אַן אַרבעט איז עס אָנקלײַבן אַביסל האָלץ אָפּצובראָטן, פֿאַר אייגענעם נוץ, אַ גע־שמאַק שטיקל פֿלייש? איר זייט ניט קיין פֿאַרגינער. איך האָב זיך אַ גאַנצע נאַכט געפֿרייט מיט דער ווײַבלעכקייט פֿון מײַן שוועסטער און זי האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט מײַן מאַנלעכקייט. מיט זון־אויפֿגאַנג האָבן מיר זיך אויפֿגעשטעלט צופֿרידענע, פֿול פֿרייד געזעטיקטע. בין איך אַרויס פֿאַנגען אַ קראָליק, ווײַל עס איז שוין אַזוי מיאוס געוואָרן דאָס נישטיקע שפּייז וואָס מען רופֿט מן. עס איז ניט קיין שפּייז וואָס זעטיקט, נאָר וואָס עס טרײַבט אָוועק דעם חשק צו וועלן עסן. פֿרעג איך אײַך, וואָס איז דער פֿאַרברעכן צוערשט באַשלאָפֿן אַזאַ גלוסטיקע און זיסע שוועס־טער, און דערנאָך זוכן אַ מאָלצייט צו פֿאַרגרעסערן די יום־טובֿדיקייט און פֿרייד? ווייסט איר וואָס עס מיינט צו באַ־שלאָפֿן אַזאַ גלוסטיקע שוועסטער און דערנאָך זעצן זיך מיט איר און עסן שפּייז?"

דער בית־דין האָט אויסגעהערט די עדות און די רייד פֿון מײַן ברודער און אים פֿאַרמשפּט צו פֿאַרשטיינט ווערן פֿאַר חילול שבת. זיי האָבן געזאָגט, אַז אויף אַזאַ אופֿן צו פֿייערן שבת און אַזאַ וועג אַרויסקריגן פֿרייד איז אַ פֿאַרברעכן קעגן גאָט, עס דערוויַיטערט מענטשן פֿון גאָט. דער מענטש קערט זיך אום צו זײַן חיהש־קייט. עס איז די תורה, דאָס געזעץ וואָס מאַכט דעם מענטשן גאָט באַשעפֿעניש. מען האָט דעם ברודער פֿאַרשטיינט. די שוועסטער, וואָס האָט ניט מחלל שבת געווען, האָט מען געלאָזן לעבן.

אויף מאָרגן האָט מען אײַנגעזאַמלט די געמיינדע און איר אָנגעזאָגט די מצוה פֿון ציצית. משה האָט דאָך גערעדט צו אַלעמען, אָבער איך האָב געפֿילט, אַז ער רעדט נאָר צו מיר: „איר זאָלט זיך מאַכן ציציות, פֿרענדזן, צו די עקן פֿון אייערע קליידער. אין די פֿרענדזן זאָל זײַן איין פֿאָדים אַ בלאָער." דערנאָך איז געקומען דער אויסטײַטשער, אַ לוי: „איר וועט אַרײַנטאָן די ציציות אין אייערע קליידער וועט איר אַלע מאָל קוקן אויף זיי און שטענדיק געדענקען, אַז איר זייט פֿרײַע מענטשן. די בלאָע פֿאָדים דערמאָנט אײַך דעם הימל, דער הימל דערמאָנט גאָטס טראָן, וועט איר ווייסן, אַז נעמען אויף זיך זײַן יאָך ווערט איר באַפֿרייט פֿון אייער

חיהשקייט און איר האָט אין זיך דעם אָפּגלאַנץ פֿון אים.״

יאָ, משה און דער לוי האָבן גערעדט נאָר צו מיר. איך האָב זיך דערמאָנט אַז ווי איך בין געלעגן אין הייל אַרומגערינגלט מיט מײַנע ווײַבער און ווי איך האָב באַשלאָפֿן די שוואַרץ־האָריקע. ווער איז זי געווען, מײַן טאָכטער? מײַן שוועסטער? לויט איר רייפֿקייט האָט זי געקענט זײַן אויך מײַן מאַמע. איך האָב זיך דעמאָלט געוואַלגערט אין שמוץ, אין זיבד און אין הילפֿלאָזיקייט. דער טיגער, דער לייב און דער וואָלף האָבן באַהערשט די וועלט. איך וויל זיך ניט אומקערן צו יענער געזעצלאָזיקייט, הפקרות, וואָס איז צוגעבונדן צו חיהשקייט. ניין, איך וויל ניט זײַן ווי מײַן ברודער. ער האָט דערפֿילט דעם רצון פֿון זײַן גלוסטעניש, אָבער עס איז דאָ אַ גרעסערע פֿרייד ווי צו זעטיקן גלוסטעניש. עס איז די גלוסטעניש פֿון דעם רצון פֿון צווינגען זיך אָנצונעמען דעם יאָך און שרעק פֿון אים, וואָס וואוינט אין הימל און גיט אונדז פֿאַרשטאַנדיקייט צו ווערן טיילווייז ווי ער, דאָ אויף דער וועלט. עס איז אַ גרויסע פֿרייד זיך אָפּצוזאָגן פֿון פֿרייד, כּדי אַרײַנצוקריגן די פֿרייד און ווערן נאָענט צו אים.״

עס איז שווער צו באַשטימען ווער עס האָט גערעדט, צי דער אין חלום, וואָס איז געזעסן אין געצעלט אין מדבר, אָדער דער וואָס איז געזעסן אויפֿן שטול אין זײַן שרײַבצימער, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפֿן שרײַבטיש און געחלומט. אָבער דער וואָס האָט געחלומט האָט גערעדט צו זיך אין שלאָף: „אַן אײַנפֿאַל אַרײַנצולייגן אין מויל פֿון דעם קנעכט, וואָס איז אַרויס פֿון מצרים, די שפּעטערדיקע רייד פֿון ספֿרי.״ אָבער דער מענטש אין געצעלט האָט גערעדט און זיך אַליין דערקלערט: „אָבער יענער איז איך און איך בין יענער. אַט זעסטו דו, דער וואָס זיצט און חלומט, מײַנע סמנים אויפֿן לײַב פֿון נוגש׳ בייטש. טאַפּ אָן דײַן פּלייצע וועסטו פֿילן דעם ווייטיק.״ טאַפּט ער די אייגענע פּלייצע און יאָ, עס זײַנען דאָ אויך דאָרט יענעמס סמנים. גיט ער זיך אונטער די אומלאָגישקייט און חלומט ווײַטער:

„די קנעכט, וואָס זײַנען אַרויס פֿון מצרים באַקלאָגן זיך: 'זכרנו את הדגה', מיר געדענקען ווי מיר האָבן געקראָגן אומזיסט פֿיש אין מצרים. ווער האָט זיי געגעבן עסן פֿיש אומזיסט? מען האָט דאָך זיי אַפֿילו ניט געגעבן קיין שטרוי פֿאַר די ציגל. אויב מען האָט זיי ניט געגעבן קיין שטרוי אומזיסט, איז ווי קאָנען זיי זאָגן, אַז זיי האָבן געקראָגן פֿיש פֿרײַ? נאָר דער אמת איז, אַז זיי האָבן געמיינט, אַז דאָרט אין מצרים זײַנען זיי געווען פֿרײַ פֿון מצוות. דאָ אין דעם מדבר האָבן זיי זיך צעטיילט אין משפּחות און זיך באַקלאָגט, וואָס משה האָט זיי אָנגעזאָגט וועגן עריות. דאָרט, אין מצרים, האָט איינער, אויב ער האָט נאָר געוואָלט, חתונה געהאַט מיט זײַן שוועסטער, אָדער מיט דעם טאַטנס אָדער מאַמעס שוועסטער. דאָ האָט זיי משה עס פֿאַרבאָטן, האַלטן זיך ניט די משפּחות אײַנײַנעם.״

מאָדנע, ער ווייסט אַז עס איז אַ חלום און יענער אין מדבר איז ניט ער. דאָס אויסטײַטש פֿון די פּסוקים איז דאָך אַ שפּעטערדיקער, עס איז אויסגעטײַטשט לויטן ספֿרי. אָבער דער פּנים פֿון דעם וואָס זיצט אין געצעלט אינם מדבר איז דערזעלבער פּנים פֿון דעם הייל־מענטש און יענעמס פּנים איז דערזעלבער ווי זײַנער. ער וואַכט אויף, טוט אַ מורמל: „אַ נאַכט אַזאַ! דער חלום איז אַזוי קלאָר און דער איצט איז אַזוי נעפּלדיק.״ ער צעגענעצט זיך און צעעפֿנט די אויגן, קוקט זיך אַרום און טוט אַ צוק מיט די אַקסלען: „אַן אײַנפֿאַל, דאָ איינגע־

שלאָפן." ער גייט אַרויף אין שלאָפצימער, לייגט זיך אין בעט און שלאָפט מאָמענטאַל אײַן. און חלומט ווייטער:

ער איז איצט אין אַ הייל אין מדבר יהודה. אַרום אים זײַנען צעשפּרייט הרוּגים. נאָר ער און דער רבי זײַנערע זײַנען געבליבן לעבן. יאָ, עס איז אַלץ דער זעלבער מענטש; דער אור־מענטש אין ערשטער הייל, דער מענטש אין געצעלט אין מדבר, דער שלאָפעדיקער אין רײַנער, ציכטיקער בעט און איצט דער וואָס זיצט אין דער הייל אין מדבר יהודה מיט זײַן רבין.

ער רעדט טרויעריק: „איך זאָג אײַך, רבי, אַז איך באַנעם עס ניט. מיר זײַנען אַנטרונען פון דער רשעותדיקער מלכות אַהער אין הייל און זיך אויסבאַהאַלטן דאָ. מיר זײַנען געווען גוט באַוואָפנט. באַפאַלן די אונדז שבת און מיר שטעלן זיך ניט אַנטקעגן. זיי קוילענען אויס אַלעמען, אויך די קינדער און פרויען. מיר ביידע זײַנען אַנטרונען, ווײַל מיר זײַנען געווען פאַרשטעקט טיף אין דער הייל און דער שונא האָט אונדז ניט דערזען. קאָן מען דען זאָגן לית דין ולית דיין. מיר האָבן דאָך מקדש געווען זײַן נאָמען — פאַרוואָס האָט ער ניט אַראָפּגעשיקט קיין מחנה שׂרפים און אומגעבראַכט די שונאים מיט דער היץ פון אַ שׂרפס מויל?" דער רבי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן: „חלילה, מײַן קינד, ער זאָל עס טאָן! דאָס וואָלט דאָך אַרויסגענומען די קרוין פון אונדזער באַשאַף — די בחירה חפשית, דעם פרײַען ווילן בײַם מענטשן. עס וואָלט זיך דאָך [illegible] געלוינט דעם רשע צו זײַן אַ [illegible]. עס וואָלט געווען אַ גרויסע ירידה פאַר דעם מענטשן. דער בחיר היצורים, דער אויסדערוויילטער פון אַלע באַשעפענישן וואָלט געוואָרן אין דער בחינה פון אַ פערד, וואָס ווייסט נאָר צו פאָלגן די לייצעס און דאָס צײַמל אין מויל."

דער תלמיד האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך זיך צעשאָקלט און אָנגעהויבן מיט אַ ניגון פון גמרא: „ילמדנו רבנו! וויבאַלד אַז איר זאָגט אַז שכר איז גלײַך אויפן אָרט מיינט אַ דערנידערונג פאַרן מענטשן, איז וואָס איז וועגן עולם־הבא? מיר האַלטן דאָך אַז אויף יענער וועלט און לעתיד לבוא וועלן די צדיקים, די גערעכטע, באַלוינט ווערן מיט אַזאַ שכר פאַר זייערע ליידן און פאַר זייערע מצוות, אַז אַלע פאַרגעניגן פון דער וועלט זײַנען כקליפּת השום, ווי די שאָלעכץ פון אַ קנאָבל, קעגן זיי. דאָס איז דאָך אויך אַ קרעמערישער חשבון און אַ חליפין, אַן אויסבײַט, וואָס לוינט זיך פאַרן צדיק."

דער רבי האָט ניט געענטפערט תיכף. נאָך אַ היפּשער ווײַלע פון שווײַגן האָט ער אַ זיפץ געטאָן און גערעדט שטיל, ווי צו זיך אַליין: „איך וועל דיר מגלה זײַן זאַכן, וואָס איך ווייס ניט צי דו וועסט עס באַנעמען, אָדער מאַכן דעם ריכטיקן פּועל־יוצא פון זיי. אָבער וויבאַלד דו האָסט געזאָגט: 'מיר האַלטן דאָך אַז אויף יענער וועלט, לעתיד לבוא — מיט זאָגן 'מיר' האָסטו זיך ניט אַרויסגענומען פון כלל ישראל, ביסטו ראוי צו הערן וואָס איך וועל דיר זאָגן. דו זאָלסט וויסן, אַז יענע וועלט, דער לעתיד לבוא, דער גיהנום און דער גן עדן — זיי זײַנען ניטאָ אָן אמונה. דער וואָס האָט אמונה, ווערן פאַר אים צוגעגרייט עולם־הבא און דער לעתיד לבוא ערגעץ אין די עולמות. אָבער דערווײַל דאָ, ניט געקוקט וואָס בעצם איז עס אַ חילוף, אַ באַלוינונג, דערהויבט עס דעם מענטשן העכער פון דעם גוף, ער ווערט ביכולת צו איבערגעוועלטיקן פיזישע שרעק. עס איז ניט די האַמעטנע באַלוינונג אויפן אָרט, וואָס וואָלט געווען געמישט מיט רשעות פון נקמה און שפיכת דמים. דאָך מוז איך דיר זאָגן, אַז עולם הבא און גיהנום און גן־עדן זײַנען נאָר

פאַר קטני אמונה, אָדער פאַר די וואָס ליידן גרויסע יסורים און מוזן האָבן אַ באַלוינונג פאַר זייער כעס. דער אמתער מאמין היט אָפּ גאָטס וועגן, ווייל עס דער־נעענט אים צום כביכול. דער מענטש אין תוך דאַרף ניט האָבן קיין עולם הבא, די וועלט, מיט גאָטס זיין אין איר, איז די עולם הבא. דער מענטש פּרובירט ניט גיין אין גאָטס וועגן, ווייל ער זוכט באַ־לוינונג, נאָר ער גייט אין גאָטס וועגן, ווייל אַז ניט וואָלט ער ניט געווען קיין מענטש, נאָר איינער פון די מינים חיות.

„ניט נאָר דערהויבט אמונה דעם מענ־טשן און מאַכט אים שענער און בעסער און נעמט אַרויס פון דער חיהשער מדרגה, נאָר אמונה דערהויבט און פאַרטיפט די תורה. נעמט שיר־השירים. אַוודאי איז עס געזאַנגען פון געליבטן צו זיין געליב־טער און פון דער געליבטער צו איר גע־ליבטן. „אין מקרא יוצא בתוך פשוטו", וויפיל מיר טייטשן און אַריינטייטשן אין אַ פסוק טאָר די פשוטקייט דעם אמתן טייטש פון די ווערטער ניט איגנאָרירן. בלייבט שיר־השירים אַ געזאַנג פון די צוויי געליבטע, אַ געזאַנג פון זייער גלוס־טעניש. אָבער אמונה האָט דערזען אין דער ליבשאַפט פון מאַן צו דער פרוי און פון דער פרוי צום מאַן, מער ווי תאווה. עס איז אויך אַ געזאַנג צו גאָט, צו דער געטלעכקייט אין מענטשן, וואָס האָט פאַר־וואַנדלט די תאווה פון די מינים אין ליבשאַפט.

„קוקט זיך צו טיפער צו די מעשים פון די געצנדינער און די מעשים פון די דורות, וואָס פאַרלייקענען גאָט. זיי האָבן אויך נימוסים און איינשטעלונגען, וואָס פאַרנעמען דאָס אָרט פון מצוות געגעבן פון גאָט. עס מוז זיין אַזוי, ווייל אין דעם מענטשן איז דאָ די דורשט און רצון צו שאַפן אַן עדה, וואָס זאָל האָבן אין זיך דאָס געטלעכע און איבערשאַפן דעם מענ־טשן און דערהויבן אים איבער זיינע חיה־שע אינסטינקטן; דער מענטש גאַרט און דורשט צו קאָנען איבערגעוועלטיקן זיינע חושים. דער גאַנג פון דער מענטשהייט איז אַ פאַלן און אַן אויפהויבן זיך, אַ גע־ראַנגל, אַ בלאָנדזשעניש, וואָס זוכט אַ וועג צו אים, צו מתקרב זיין זיך צו אים. דאָס איז דער זין פון אַלע געבאָטן און פאַר־באָטן אין אַלע געזעלשאַפטן, סיי די מאמינים און סיי די וואָס פאַרלייקענען גאָט און גיבן אים אַן אַנדער נאָמען, מיי־נען דאָך אים. דאָס איז דער אמתער באַ־טייט פון דעם זאָג, אַז לעתיד לבוא וועלן אַלע מצוות בטל ווערן. מען וועט ניט דאַרפן האָבן קיין געבאָטן און פאַרבאָטן כדי מתקרב זיין זיך צו אים. די התקרבות וועט זיין אַן אַליין־פאַרשטאַנדיקע."

ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און רעדט צו זיך: „וואָס פאַר אַ קאָשמאַר־נאַכט. אַ פלאָנטערניש." ער איז שוין אינגאַנצן וואַך, זעט ער שוין מיט וואַכיקע אויגן זיין אור־געשטאַלט; ער טוט אַ גלעט דער שוואַרץ־האַריקער און גייט אַרויס פון הייל. ער שטעלט זיך אויפן שפּיץ פון דעם באַרג און פאַררייסט דעם קאָפּ צום הימל. עס בלייכט זיך אויף טאָג און ער שטייט פאַרגאַפט און קוקט אַן ווי דער הימל הייבט זיך אָן צו רויטלען. באַלד קומט זי אַרויס פון דער הייל און שטעלט זיך לעבן אים. זיי פאַרוואַרפן די הענט אויף איינער דעם אַנדערן און שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס און ביידע לאָזן אַרויס אַ בריל צו דעם הימל. אַ געבריל, אַ ברום, וואָס איז פרייד, אי בטחון אין זיך, אי באַוואונדערונג, אי אַליין־זיכער־קייט אין דער אייגענער יכולת. ווען זיי וואָלטן געקאָנט ריידן וואָלטן זיי געזאָגט: „די וועלט איז אונדזערע, ווייל מיר האָבן אויסגעפונען אַז עס איז דאָ אַ כביכול און ער איז מיט אונדז."

ער האָט אַ מורמל געטאָן, שטייענדיק

# וועגן און אומוועגן

אַריה פּאַזי

## יידקולט, שפּראַך און ליטעראַטור

זינט דור־דורות זיינען יידן געווען אַן עם הספר. קיין זאַך האָט ניט אַזוי באַ־ דירקט דעם געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן לעבן, ווי אונדזער ליבע צום וויסן, דער יראת הכבוד פאַר גייסטיקע ווערטן און אונדזער פאַרהערלעכונג פונעם תלמיד חכם — אַ פּשיטא שוין פאַר דעם דאָזיקן, וואָס פאַרמאָגט, אַ חוץ וויסן, אויך שעפּע־ רישן אייגנאַרט — פאַר דעם מחבר וואָס איז „מחדש חידושים", פאַר דעם אָריגי־ נעלן שרייבער, דענקער אָדער קינסטלער.

ווי גרויס עס איז דער יראת הכבוד מיט וואָס יידן באַציען זיך צום שעפּע־ רישן וואָרט ווערט סימבאָליש אויסגע־ דריקט אין זוהר אויף זיין כאַראַקטעריס־ טישן שטייגער. דאָרט ווערט אַזוי געזאָגט:

„מיר האָבן געלערנט: ווען אַ מענטש איז מחדש אַ וואָרט ביים לער־ נען, שטייגט אַרויף דאָס דאָזיקע וואָרט און שטעלט זיך אַוועק פאַר קדוש ברוך הוא. און קדוש ברוך הוא נעמט דאָס דאָזיקע חידוש־וואָרט און קושט עס און קרוינט עס מיט זיבעציק באַצירטע קרוינען, און דאָס קלוגע וואָרט, וואָס איז נתחדש געוואָרן, שטייגט אַרויף און זעצט זיך אויפן קאָפּ פונעם צדיק, וואָס לעבט אייביק. (לויט דער קבלה, אַן אַטריבוט פון געטלעכקייט).

„פון דאָרט פליט אַוועק דאָס וואָרט און שוועבט איבער זיבעציק טויזנט וועלטן און דערהייבט זיך צום עתיק יומין (דעם עלצטן פון צייט — אויך אַן אַטריבוט פון געטלעכקייט).

„און אַלץ, מיט וואָס עתיק יומין גיט זיך אָפּ, איז די חכמה פון די דער־ הייבענע פאַרהוילענע סודות. און דאָס וואָרט, וואָס איז נתחדש געוואָרן, ווען עס דערהייבט זיך, באַהעפט עס זיך מיט די חכמות פון עתיק יומין, און עס פאַרוויילט מיט זיי, און דרינגט אַריין אין די אַכצן פאַרהוילענע וועלטן, וואָס אַ חוץ גאָט האָט זיי קיינער ניט אָנגעבליקט.

„פון דאָרט קומען זיי אַרויס, און שוועבן און קומען־אָן, דערפילטע און דערגאַנצטע, און שטעלן זיך אויפסניי פאַרן עתיק יומין.

„דעמאָלט ווירעכט דאָס דאָזיקע וואָרט פאַרן עתיק יומין, און ער האָט פון דעם הנאה אויסערגעוויינלעך, און ער נעמט דאָס וואָרט און באַקרוינט עס מיט 370 טויזנט קרוינען, און דאָס וואָרט שוועבט אַוועק און פאַרוואַנדלט זיך — אַ מאָל אין אַ נייעם הימל און אַמאָל אין אַ נייער וועלט."

(הקדמת ספר הזוהר, א׳)

נון, דאָס איז גערעדט געוואָרן מכוח אַ „וואָרט" — באמת אַ געדאַנק — וואָס איז אַ חידוש. אָבער חידושים, וואָס שייך וואָרט, ווערן געשאַפן ניט אַזוי לייכט, ניט

---

איז ויינע, אויסגעפּרעסטע פּידזשאַ־ מעס: „איך און ער, ער און איך. אַ מאָד־ נער חלום און אַ מאָדנע וויזיע. איך בין נאָך שוין אַן אַלטער ייד און געדאַרפט זיין ניטערער!" ער האָט אַ קוועטש גע־ טאָן מיט די אַקסלען: „ווער ווייסט וואָס איז ניכטער און וואָס איז באַטרונקען? געבענטשט זאָל זיין ער, וואָס איך קאָן נאָך זיין באַטרונקען מיט וויזיעס אין אַזאַ שפּעטער עלטער."

אַזוי אָפּט, און ניט אַזוי אייגנאַרטיק און אייגנטימלעך. און וויבאַלד מיר האָבן דאָ אין זינען ניט אַנדערע געביטן פון שעפערישער קונסט, נאָר בלויז שפּראַך און ליטעראַטור, באַדאַרפן מיר אין זינען האָבן אַז שרייבערס צו שרייבערס זיינען ניט גלייך. די העכסטע שרייבערישע מדרגה איז די אָריגינעל־שאַפנדיקע, ד״ה, די קינסטלעריש־ אָדער דענקעריש־אויפטועדיקע. מחמת קינסטלערישע אָדער דענקערישע שעפערישקייט קען דערגרייכט ווערן בלויז אונטערן דרוק פון טיפן קאָנסומירנדיקן גלויבן און אומבאַשטרייטבאַרער איבערצייגונג אין אַן אמת, ד״ה, אַ גרויסער אידייע, וואָס פאַרכאַפּט זיין גאַנצן געמיט. און אויב און ווען דער דענקער, אָדער קינסטלער, דערגרייכט די דאָזיקע מדרגה פון גלויבן, פאַרמאָגט ער די גייסטיקע פּאָטענץ צו שאַפן ווערק וואָס גרייכן, ווי דער זוהר זאָגט, דעם כסא הכבוד; אלא ניט — איז ער, אין בעסטן פאַל, אַ פאַרצייכענער, וואָס שאַפט רעפּאָרטאַזש, אָדער אַ קאָמפּילאַטאָר, אַ בעל־דרשן, און ער קען זיך אפילו זיין א תלמיד־חכם פון אקומולירטן וויסן, אָבער בשום אופן ניט דער תלמיד־חכם פון שעפערישן געדאַנק.

ביז השכלה און עמאַנציפּאַציע האָט זיך דאָס רוב יידיש לעבן געפונען אין אַ מצב פון דערהייבענער שטימונג. האָט דורשטיק געזאַפּט גייסטיקע ווערטן און דורך דעם סטימולירט אָריגינעלע שאַפונגען, סיי יחידימשע און סיי קאָלעקטיווע — אַזש ביז דער פּאָעטיש־גייסטיק־פאַנטאַסטיש־דערהייבנקייט פון קבלה; ביז די הימל־גרייכנדיקע מדרגות פון ענטוזיאַסטישן חסידיזם וואָס האָט פאַראייניקט גשמיות מיט רוחניות אין איין געוועב פון קדושה; ביז דער פריידיקייט פון קידוש־השם („מיינע קינדער גייען אין פייער מיט געזאַנג און טענץ״— סליחות; „די תורה איז אַנדערש ניט געגעבן געוואָרן ווי דורך יסורים״— דער ווילנער גאון). אָבער זינט השכלה, ווען די גוטע, תמימותדיקע, אַלטע אמונה האָט זיך פון אונדז אָנגעהויבן אָפּטאָן, און קיין נייע אמונה האָט איר אָרט ניט פאַרנומען — האָט זיך פון אונדז, אַזוי צו זאָגן, אויך די שכינה אָפּגעטאָן, און מיר האָבן זיך, צוערשט, געפונען אין אַ מצב פון סטאַגנאַציע, און דערנאָך האָבן זיך אין אונדזער גייסטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן באַוויזן סימנים פון דעגענעראַציע — פאַנאַנדערפאַל, זעלבסטמאָרד, אַסימילאַציע.

דעם דאָזיקן מצב פון פאַנאַנדערפאַל האָט געוואָלט אָפּשטעלן י. ל. פּרץ דערמיט וואָס ער האָט געפּרואווט אַריבערגיסן דעם אַלטן חסידיזם אין אַ נייע כלי, און אים געבן אַ קינסטלערישן תיקון. האָט זיך צוערשט געדוכט, אַז דער דאָזיקער תיקון איז טאַקע אַ ממשותדיקייט און אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָר האָט דאָס יידישע ליטעראַרישע שאַפן איבערגעלעבט אַ פּעריאָד פון אויפשוואונג. שפּעטער אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „תיקון״ איז ניט בכוח פיל מתקן צו זיין, אַז אין דעם בשעתו געמערקטן „אויפשוואונג״ איז פאַרהוילן מער גלוסטונג און בענקשאַפט נאָך שלימות הנפש איידער עכטע אינערלעכע התלהבות, מער אילוזיע, זעלבסט־איינרעדעניש און געקינצלטקייט איידער דבקות, מער גוטער וואונטש איידער דער מקור אין זיין עצם. מיט אַנדערע ווערטער: מער וואונטש איידער תיקון; מער הנחה איידער עליה; מער קינסטלערישע אילומינאַציע איידער גייסטיקע דערהויבונג, עליה רוחנית).

וואָרעם וואָס איז דער עיקר און דער תמצית פון חסידיזם? דאָס איז דער בונד צווישן מענטש און גאָט און די אומגעהויערע איבערוועלטנדיקע גלוסטונג פון

מענטש אַריינצוזאַפּן אין זיין ברעקלקייט, זיין מיקראָקאָזם. דעם מיקראָקאָזם — די אומבאַגרענעצטע און אומגעהויערע גרויסקייט און מאַכטיקייט פון גאָט. פשוט גערעדט: דער חסידיזם האָט געגלייבט באמונה שלמה צו קענען דערקענען גאָט אין מענטש.

גאָט, האָט ישראל בעש״ט געפריידיקט צו זיינע חסידים, איז דער סאַמע עיקר פון יעדער זאַך, יעדן געביט, יעדן אומשטאַנד, אַ פשיטא שוין, מענטש. גאָט קאָן נאָר באַגריפן ווערן דורך דעם אינערלעכן דראַנג פון דער נשמה. אָן דעם דאָזיקן דראַנג האָט מענטש קיין תיקון ניט. בפועל ממש איז ניט פאַראַן קיין אויבערשטע אָדער אונטערשטע וועלט, וואָרעם באמת איז די אויבערשטע וועלט ניט אין דרויסן פון מענטש, נייערט אין זיין אינעווייניקייט. זי איז „די וועלט פון געדאַנק.“

בכן, און דערפון איז געדרונגען, אַז ווייבאַלד מענטש איז אַ זעיר אנפין פון דער אַלמעכטיקייט; וויבאַלד דער עצם פון מענטש איז אַ פונק פונעם כולל הכול, — באַדאַרף מענטש אין זיין יעדן קער און ווענד, אין זיין יעדער טעטיקייט און אפילו געדאַנק, אַריינטאָן זיך אין אַ מצב פון דביקות צום בורא עולם. יעדער פריימאָרגן, ווען מענטש ווערט וואַך פון שלאָף, איז אַ באַנייטער רוף צו עבודת הבורא. מענטש וועקט זיך נייגעריק פון שלאָף, וואָרעם דורך זיין ווערן וואַך ווערט ער באַהייליקט, ער ווערט געווידמעט צו דעם גרויסן סוד פון ז י י ן און א ו מ ז י י ן, אפילו פון מעשי בראשית; ער איז בזעיר אנפין אין דער בחינה פון דעם מקור פון שכינה, ער איז בכוח — אויב ניט בפועל — אין אַ מדרגה פון אַריינפאַסונג אין דעם עצם וואָס איז כולל הכול. אין אַנדערע ווערטער — ער איז אַ „צינור“, אַ רער, פון די ספירות, דורך וואָס עס אַנטפלעקט זיך דער גייסט פון גאָט — ער איז אַ פונק פון דעם דאָזיקן רוח אלהים.

אָבער ווי קען דער באַוואוסטזיין פון מענטש אַנטפלעקן דעם גייסט פון גאָט אין זיין אינגעווייד, אין דעם אינגעווייד פון זיין נשמה?

דער ענטפער איז: מענטש דערקענט גאָט דורך התלהבות און דביקות אין תפילה. ווען דער מענטש איז מתפלל אין דביקות, ווען ער ליידיקט זיך אויס אינגאַנצן פון זיין גשמיותדיקער חוויה און איז זיך אינגאַנצן מתכוון צום עיקר פון אַלע עיקרים, דעמאָלט רעדט גאָט זעלבסט אין דער טיפער אינערלעכקייט פון זיין האַרץ און נשמה.

און דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים — די דערקענונג פון גאָט! די דרויסנדיקע וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום, אפילו אונדזער אייגן לייב און לעבן, איז ניט מער ווי אַ מלבוש אין וואָס דער פונק פון גאָט, דער עצם, די נשמה, איז פאַרהוילן.

דער עיקר איז די דביקות: די דביקות פון מענטש און די תפילה וואָס טאָר קיינמאָל ניט אויפהערן. און די תפילה איז לאו דווקא אין ווערטער, איר עיקר איז אין כוונה, און מענטש קען זיך מתכוון זיין אין אַלץ מיט אַנאַנדער, אין באַוועגונג, אין הליכה, אין טאַנץ, אין התבודדות, אין נגינה — און וואָס ניט! אַבי די דביקות איז דערביי. וואָס מער דביקות, אַלץ טיפער איז די כוונה און אַלץ נענטער גרייכט מען דעם מקור.

בכן: כדי צו קענען געניסן דעם טיפן טעם פון חסידות, דאַרף מען אין דעם גלייבן באמונה שלמה און בלב ונפש און צו קענען ווידמענען זיך צו אַ לעבן וואָס איז אין פרייד, וואָס שטאַמט פון דעם עקסטאַז פון דביקות און קיינמאָל ניט אויפהערן מכוון צו זיין צו דער התגלות פון גאָט אין דער אייגענער אינעווייניק־

סטער אינערווייניקייט און ניט אויפהערן צו זיין אַנטציקט אין דעם באַוואוסטזיין פון דער אייגענער עלית נשמה צו דער קדושה שבקדושין.

נון, האָט דער אָריגינעלער חסידיזם געקענט און האָט טאַקע געטאָן שאַפן און אָנהאַלטן עכטע דערהייבנקייט אין יידישן לעבן, און דאָס האָט ער געטאָן כל זמן זיינע נאָכפאָלגערס האָבן אין אים גע־גלייבט בתמימות און באמת. אָבער מיט דעם אויפשטייג פון השכלה מיט איר כפירה און איר אומבייט פון אמונה אויף ראַציאָנאַליזם, האָט זיך די חסידישע הת־להבות אָפּגעטאָן פון דער דערקענונג פונעם משכיל. און ווען עס איז פאָרגע־בראַכט געוואָרן דער נעאָ־חסידיזם פון פרץ'עס שטייגער, איז עס שוין מער ניט געווען ווי אַן אילוזיע און אַ גוטער וואונטש, אַ בענקשאַפט און ניט אַ ממשות־דיקייט, אַ גייסטיקע אוטאָפּיע און ניט אַ לעבנס־שטייגערישקייט.

אפילו פרץ זעלבסט, וועלכער איז גע־ווען דער שעפער פון דעם נעאָ־חסידיזם און האָט אים געגעבן דעם קינסטלערישן תיקון, אפילו ער האָט געמוזט צוגעבן, אַז אין דעם געדאַנק איז מער אילוזיע איידער ווירקלעכקייט, מער — ווי פרץ האָט זיך אויסגעדריקט — „פאָרהאַנג פאַר די אויגן" איידער פּועל־ממשדיקייט. צוגעגעבן האָט עס פרץ — הגם אומדירעקט און אויף זיין אייגנאַרטיקן קינסטלערישן שטייגער — אין איינער פון זיינע חסידי־שע דערציילונגען, „צווישן צווי בערג." די „צווי בערג" זיינען: פון איין זייט, דער מתנגד און מופלג בתורה — דער בריסקער רב, און פון דער צווייטער זייט, זיין געוועזענער תלמיד, וואָס ער איז אויך אַ מופלג בתורה, אָבער ער איז אויף אַזוי־פיל אַ באַגייסטערטער חסיד, אַז ער איז „געקרוינט" געוואָרן ווי דער ביאַלער רבי.

שרייבט פרץ אַט וואָס מכוח דעם:

עס פרעגט דער בריסקער רב: „זאָג נאָר, נח, וואָס ביסטו עס אַנטלאָפן פון מיין ישיבה?" ענטפערט אים דער ביאַ־לער — און אין דעם, אָבער, ליגט דער גרונט־געדאַנק, די גרונט־אידייע פון פרץ'עס נעאָ־חסידיזם — אַז אים, דעם ביאַלער, האָט אין דער בריסקער רבס ישיבה אויסגעפעלט אָטעם. דעם בריס־קערס תורה איז בלויז דין, אָן רחמים, אָן אַ פונק חסד, אָן שמחה, אָן פרייען אָטעם. און דער ביאַלער רופט דעם בריסקער רב אין דרויסן. ס'איז שמחת תורה. זאָל דער בריסקער רב זען פרייד. שמחת תורה זאָל ער זען... אמתע ש מ ח ה מיט דער תורה...

די דאָזיקע געשיכטע ווערט דערציילט פון פּרצן אין נאָמען פון אַ ביאַלער חסיד און זי פאַרענדיקט זיך בזה הלשון:

„איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אַלע שמחת תורה, נאָר איך האָב אַ נ ד ע ר ש געזען... ווי אַ פאָרהאַנג איז מיר אַוועקגעפאַלן פאַר די אויגן.

אַ גרויסער, ברייטער הימל — ממש אין סוף, און בלוי, אַזוי העל־בלוי איז דער הימל געווען, אַז ער האָט מחיה געווען דאָס אויג. איבערן הימל זיינען געשוואומען ווייסע, ממש זילבערנע וואָלקנדלעך, און אַז מ'האָט זיך אין זיי איינגעקוקט, האָט מען געזען, ווי זיי ציטערן ממש פאַר פרייד, ווי זיי טאַנצן אונטער מיט שמחת תורה! אונטן וויי־טער האָט אַרומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל־גרינער, נאָר דאָס גרינע איז געווען לעבעדיק גרין, אַזוי לעבעדיק, גלייך עס וואָלט אַ 'חיות' אַרומגעפלויגן צווישן די גראָזן; וואָס אַמאָל האָט זיך געדאַכט, פלאַמט ערגעץ אַנדערש אויס אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבן; מ'האָט געזען בחוש, ווי די פלעמלעך שפּרינ־גען און טאַנצן צווישן די גרעזעלעך... גלייך זיי האַלדזן זיי און קושן זיי...

„און אויף די לאָנקעס מיט די פלעמלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט כיתות און כיתות פון חסידים... די

אַטלעסענע און אַפילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפּיגל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פלעמלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן צווישן די גרעזלעך—

(מערקט: פלעמלעך האָבן זיך אַרויסגעריסן צווישן די גרעזלעך... משמעות מיט דעם „פאַרהאַנג", וואָס ווערט „אַוועקגעפאַלן פאַר די אויגן" און מ'זעט אַנדערש"— האָבן זיך אויך „פלעמלעך" „אַרויסגעריסן צווישן די גרעזלעך" און זי — )

„האָבן זיך געכאַפּט און געציטערט אין די שפּיגלדיקע בגדי יום־טוב, און עס האָבן זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצן אַרום יעדן חסיד, מיט התלהבות, מיט ליבשאַפט...

„און יעדע כיתה האָט זיך געזונגען איר ניגון, נאָר אין דער לופט האָבן זיך די אַלע ניגונים אויסגעמישט און פון זיי איז געוואָרן איין זמר, איין ניגון... גלייך אַלע זינגען א י י ן זמר, און אַ ל ע זינגען — דער ה י מ ל זינגט, די ג ל ג ל י ם זינגען. (מערקט: אין דער באַגייסטערונג זעט ער אַפילו די מיסטישע און סודותדיקע גלגלים). און די ע ר ד פון אונטן זינגט, און די נשמה פון דער וועלט זינגט — אַ ל ץ זינגט!"

„רבונו של עולם", רופט אויס פרצ'עס דערציילער פון דער דאָזיקער געשיכטע, „דאָך האָב געמיינט איך צעגיי אין מתיקות..."

אָבער, גיט ער דערנאָך צו מיט טיפן זיפץ, „עס איז ניט באַשערט געווען..."

פאַרוואָס? און ער קלערט אויף:

„מען דאַרף מנחה דאַווענען!" האָט דער בריסקער רב אַרויסגעזאָגט שאַרף; און — אַלץ איז פאַרשוואונדן געוואָרן...

און מיט טיפן טרויער גיט צו פרצ'עס דערציילער, ד"ה, נאַטירלעך, פרץ זעלבסט:

„שטיל — דער פאַרהאַנג איז מיר צוריקגעפאַלן פאַר די אויגן—אַ פּשוט־ער הימל, אונטן פּשוטע פאַשע, פּשוטע חסידים אין צעריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע צעריסענע שטיקלעך ניגונים... אויסגעלאָשן די פלעמלעך... איך קוק אויפן רבין, זיין פּנים איז אויך חושך..."

* * *

מיטן טויט פון י. ל. פרץ און זיינע תּאָענטסטע נאָכפאָלגערס האָט זיך פון אונדזער ליטעראַטור אָפּגעטאָן די ראָ־מאַנטישע טענדענץ פון נעאָ־חסידיזם. אָבער ליידער, איז פון דעם מאָל אָן אונ־דזער ליטעראַריש וועזן מער ניט באַ־הויכט געוואָרן פון אַ וועלכן עס איז איינ־הייטלעכן גרויסן אידעאַל. אמת, ביי אונדז האָבן זיך באַוויזן ליטעראַרישע גאולה־מאָטיוון פון סאָציאַליזם פון איין זייט און מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, פון דער אַנדערער זייט, אָבער זיי האָבן בשום אופן ניט דערגרייכט די גייסטיק שעפערישע דערהייבנקייט פון, לאָמיר זאָגן, אַמאָליקן משיחיזם. און וואו דער בת־קול פון משיחיזם האָט זיך יאָ באַ־וויזן (למשל, אין די ווערק פון ה. לייוויק), איז עס אויך געבויט אויף אַלטער און ניט נייער שטייגערישקייט; עס באַווייזט זיך מער אין טעמאַטיק איידער אין גלויבן; מער אין בענקשאַפט און גוטן וואונטש איידער אין ווירקלעכקייט; מער אין קריטישער איראָניע איידער אין רע־אַליטעט לייוויק אַליין רופט אָן זיין טיף־ליריש און טראַגיש משיחיש ווערק ניט אַליטעט (לייוויק אַליין רופט אָן זיין טיף־משמעות, דאָס נייע לעבן — ניט אַפילו אונדזער גרויסער חורבן, ניט אַפילו דער ווידער־אויפבוי פון דער יידישער מדינה — האָט ניט געשאַפן קיין נייע באַפרוכ־פערנדיקע אידעאַלן, ניט געגעבן קיין שטויס צו שעפערישער עלית נשמה, און אַפילו פאַר ראָמאַנטישקייט און אידיליע

האָט מען געדאַרפט צוריקגיין צום אַלטן שטייגער־לעבן. למשל, שלום אַשס ראָמאַנטישקייט פון „תהלים־ייד" איז געבויט אויפן אַמאָל; און זיין „דריי שטעט", וואָס איז יאָ געבויט אויפן היינט, האָט ניט דעם עלעמענט פון ראָמאַנטישקייט און אידיליע. אַמאָל איז נאָך געווען אַ טענדינץ צו פאַראידעאַליזירן די פשטות, פרומקייט און גוטסקייט פונעם קליין־שטעטל, ווי אויך דעם פאָלקס־מענטשן פונעם קליינעם ישוב (שלום אַש, פּרץ הירשביין, ז. אַנוכי, דוד איינהאָרן א"א), אָבער איצט, ווען די דאָזיקע שטעטל איז אומגעקומען, איז מיט איר אינאיינעם פאַרשוואונדן איר פאָלקסמענטש און איר שטייגער לעבן. פילט זיך איצט, בדרך כלל, אַן אידייאישע פוסטקייט אין אונדזער ליטעראַרישן שאַפן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ניט קיין שייכות צו טאַלאַנט אָדער קינסטלערישער באַגאַבטקייט. טאַלענטירטע שרייבערס זיינען ביי אונדז היינט אויך פאַראַן. אָבער קינסטלערישע פאָטענץ אָן אידייאישער דערהויבנקייט איז אַזוי ווירקונגסלאָז ווי פּרעכטיקער זון־פאַרגאַנג איבער וויסטע טונדרעס.

פון יידישע שרייבערס דערוואַרט מען ניט נאָר יידישע טעמאַטיק, נאָר אויך — און דאָס איז דער עיקר — יידישן תוכן און יידישע טיפקייט. גיבן זיי דאָס ניט, קענען זיי דעם לייענערס נשמה ניט באַפרוכפּערן, און ער וועט זיך צו זיי ניט קערן. די איצטיקע צייט איז צו ערנסט און דער געמיט איז צו אומרואיק, דער מוח צו אָנגעשטרענגט און דאָס האַרץ צו צעווייטיקט, אַז מ'זאָל זיך איצט וועלן און קענען קערן צו סתם וועלט־פּראָגעס אָדער וועלט־פראַזעס — מעגן זיי זיך זיין זייער וואויל־קלינגעוודיק — סיידן זיי האָבן אַ ספּעציפישן יידישן אינהאַלט.

אין אונדזערע איצטיקע יסורים פון געראַנגל פאַרן קיום אין די תפוצות און אויסקריסטאַליזירונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן ווערט און כאַראַקטער אין ישראל, זוכן מיר ספּעציפישן גייסטיקן אָנהאַלט און אויסצייכענונג פון יידישלעכן לעבנס־זיין. עס זיינען נאָך פריש די קברים איבער אונדזער גרויסן בראָך אין אייראָפּע; עס האָט זיך נאָך ניט צעפרוכפּערט אונדזער אויפסניי געאַקערטער באָדן אין מדינת ישראל; עס האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעטאָן פון אונדז די ליידן פון און פאַר יידישקייט. באַדאַרפן מיר, דעריבער, אין אונדזערע גייסטיקע שאַפונגען אַריינגעבן דעם באַשייד צי אונדזער קיום באַרעכטיקט זיינע ליידן. דאָס מוזן מיר וויסן, ווייל אָן דעם קענען מיר ניט אויפהאַלטן אונדזער כוח פון אויסדויער און ווידערשטאַנד. יידישע שרייבער האָבן אַ שליחות, און זייער איצטיקע שליחות באַשטייט דער עיקר אין דער אויפקלערונג און פאַרטיפונג פון דעם זין פון אונדזער ספּעציפישן יידישלעכן לעבן, זיין באַזונדערן איינשטעל פון גייסטיקן אייגנאַרט. טוען זיי דאָס ניט, קענען זיי זיך זיין גרויע מענטשן, גרויסע שרייבער, גרויסע קינסטלער, אָבער צו אונדזער קולטור־וועזן און קולטור־אַנטוויקלונג האָבן זיי בלויז אַ זייטיקע שייכות. ס'העלפט אפילו ניט דאָס וואָס זיי ריידן און שרייבן אויף לשון יידיש, אָדער לשון עברית. אין דעם פּרט האָבן חז"ל נאָך פון לאַנגאָן אַרויסגעגעבן זייער גערעכטן פּסק, אַז דער ווערט באַשטייט ניט אינעם „קנקן" (קרוג), נייערט אין דעם „מה שיש בו" (וואָס אין אים געפינט זיך). ווייל, האָבן זיי דעם ענין אויפגעקלערט: „יש קנקן חדש מלא ישן, וישן, שאפילו חדש אין בו" (עס קען געבן אַן אַלטער קרוג, וואָס אפילו קיין נייער וויין איז אין אים אויך ניט פאַראַן)...

# שרייבער און ביכער

צבי שטאָק / ניו־יאָרק

## ווי קורץ איז אונדזער לעבנס־שפּאַן?!

(אַן אַריינבליק און איבערבליק איבער ז. בונינ׳ס בוך „פון פרילינג ביז האַרבסט״*)

דער ערשטער איינדרוק בעת מ׳לייענט ז. בונינ׳ס בוך „פון פרילינג ביז האַרבסט״ איז, אַז דער מחבר האָט געמאַכט אַ מין „בינוס״, ס׳הייסט, ער האָט פּשוט צונויפּ־גענומען, אַזוי־צו־זאָגן, „די גאַרבן אין שייער״.. די מערסטע זאַכן זיינען אין פּראָזע און אין ליד, וואָס זיינען מן הסתם געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע צייטשריפטן, האָט ער צונויפגענומען און אויסגעסדרט אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג, אַזוי אַז ס׳איז אַרויסגעקומען אַ חשיבותדיקע און ווערט־פולע זאַמלונג פון טייל פון זיינע שריפטן אין דער פאָרם פון אַ גוטן און געשמאַק־פולן בוך.

דאָס בוך האַלט 300 זייטן, לויטן ווייטערדיקן אינהאַלט: „קיין אַמעריקע״ (ערסטנס ביאָגראַפיע, אָדער אויטאָביאָ־גראַפיע): ישראל־לידער.״ אַרום און אַרום 8 לידער; „געהייליקט ליבעלעס אָנדענק״ — 5 לידער; „בענקשאַפט״ — 4 לידער; לידער און פּאָעמעס״ — 23 לידער, און אַהרן אחרון חביב, אַ ב י ל ד און „די דערמאָנונג פונעם בוך״ צו זיין באַליבטסטן לערער און קינדהייט־חבר אין לעבן — מאיר ב אַ ר אַ ן — וועמען ער ווידמעט דאָס בוך מיט גרויס ליבשאַפט און בענקשאַפט.

דער צווייטער איינדרוק איז, אַזוי ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו״ (ברכות נ״ה:), מ׳ווייזט נישט דעם מענטשן נ אָ ר דאָס וואָס ער טראַכט אין זיין האַרצן. עס איז אַ האַרציק בוך, אַ מין אָפּדרוק, אָדער פאָטאָסטאַטישע שילדערונג פון איין שטיק נאָסטאַלגיע, אייך ריזיקע רחמימדיקע בענקשאַפט נאָכן אַמאָל, נאָכן עבֿרדיקן, און איין גרויס און שיין בלאַט, וואָס באַווייזט נאָך אַמאָל און אָבער אַמאָל ווי גרויס דער ווייטיק איז אויפן יידישן חורבן, ווי זיס און באַטעמט ס׳איז דער פאַרווירקלעכטער גביאישער חלום פון יידישער אויפריכטונג אין מדינת ישראל און ווי טראַגיש ס׳איז דער טרויער און דער צער פון די אַוועקגעגאַנגענע. בקיצור: עס איז אַ לירישער אויסגוס, אַ השתפכות הנפש׳דיקער דיאַלאָג מיט זיך אַליין איבער דער קורצקייט און צעדרויבלדיקייט פון לעבן פון אַ פיין־פילנדיקער פּאָעטישער נשמה, וואָס ווען מ׳האָט גוט מעיין געווען אין דער גאַנצקייט פון בוך, מוז מען אַ טראַכט טאָן: אוי, געוואַלד, ווי קורץ איז אונדזער לעבנס־שפּאַן ?!

דער מחבר, ז. בונין, הייבט טאַקע אָן זיין בוך מיטן שורש פון זיין געבורט, און

*) ז. בונין: „פון פרילינג ביז האַרבסט,, „המנורה״ פאַרלאַג, תל־אביב, תשכ״ה־1965.

געבוירן־אָרט אין שטעטעלע מ ע נ אַ, און אין דערבייאיקן שטעטעלע ס אָ ס־נ י צ ע, אין טשערניגאָווער גובערניע, אַרום די 1890ער יאָרן, מיט זיין פּראָבּ־טיקער שילדערונג, פון איין זייט, פון דער מאַטעריעלער אָרעמקייט פון די יידישע פּרנסות, אָבער אין איין אָטעם ווערן פון אים געשילדערט די ליכטיקייטן פון יידי־שן היימיש־אַמאָליקן געמיט, די באָבע אסתר, וואָס פלעגט קומען צו זיי צוגאַסט אויף די ימים־טובים, איר „ליכט־בענטשן" און איר צידקות, איר נאַאיוויטעט און אירע תפילות... דערנאָך וואַקסט פאַר אונדז אויס ווי אַ קלימאַקס פון דעם שטיקעלע בלעטל קינדהייט אַ „טרויע־ריק" ליד איבער „אַרעסטאַנטן", וואָס זיין פאָטער האָט אויסגעציקלט ווי אַ סאָרט דראַמע מיט זיין אייגענער האַנט; אַ „פסח־בריוו": „לבני הנחמד כמר יקותיאל זוס־מאַן"... אין אַן אַלט־אַלטן, קוידערוועל־שישן, מענדלסאָנישן יידיש... וואָס באַ־וויזט, אַז אין זיין פאָטער איז געלעגן אַ מין פּראָטאָטיפּ פון די אַמאָליקע „טרוי־באַדורן", אָדער „בראָדער זינגער", און אַ ליד — „דער דלות" פונעם זעלבן מין, וואָס כ'גלויב, אַז מיט דעם אַליין האָט דאָס בוך שוין זיך קונה געווען עולם־הבא... וואָרים אָט־די דריי אויסצוגן, גע־נוי פאַרצייכנט, ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן פון בונינ'ס פאָטער, זיינען אַ אַ שטיק ביבליאָפיליש־יידישער אַנטיק פון אַ וועלט וואָס איז פאַרשוואונדן לדאבוננו אויף אייביק און נאָך וועלכער אונדזער האַרץ ציט מיט בענקשאַפט עד כלות הנפש...

זיין טאַטע, דער מלמד, מיטן ניצוץ פון אַ יידישן פּאָעט... זיין מאַמע — ווי אַלע טויזנטער און טויזנטער געטרייע מאַמעס אין די קליינע שטעטלעך און אין די אָרי־מע הייזער, וואָס האָבן זיך גע'בריה'ט צו „פאַרשטעקן דעם דלות"... זיין שוועסטער עלקע־ברכה און די דרייצן קינדער וואָס זיינען געווען ביי זייערע טאַטע־מאַמע... אָט־די שילדערונגען זיינען פשוט און פּראָסט געשריבן מיט אַ סך חן, מיט אַ סך געפיל און סענטימענטאַלע עגאָ־צענטרי־שער נאָסטאַלגיע.

נישט איין מאָל, ביים לייענען בונינען, דוכט זיך אייך ממש אויס, אַז ער נעמט אייך אַריין אין זיין אַמאָליקער שטוב, נעמט אייך אַרום און ציט אייך אַריין פאַר אַן אמתן „שותף" נישט נאָר אין זיין קינדהייט און יוגנט, נאָר אויף דער רייזע קיין אַמעריקע, אויף זיינע גלגולים און טלטולים אין קאַליפאָרניער שטעט און שטעטלעך, וואו ס'שפּיגלט זיך אָפּ ז. בונינ'ס רעאינקאַרנאַציע, דער „גלגול פון זיין לעבנס־ניגון", וואָס האַלט זיך אין איין איבערחזרן, און ס'הויבט אייך, דעם לייענער אָן נאָגן און ציען אַ געוואַלדיק־וואַרימע בענקשאַפט צום אַמאָל, אַ ליבע היימלעכקייט צום יידישן, עכט־יידיש באַ־טעמטן לעבן אין אַלע צייטן — דאָס איז דער שכר פאַרן שרייבער־און־לייענער אינאיינעם... איר גייט מיט אים דורך אויף אַלע זיינע שטרויכלונגען, מכשולים, וואָס שטעלן זיך אין וועג פון לעבן אַלע פיין־פילנדיקע יידישע מענטשן... הקיצור, איר טוכט זיך אָפּ אין פרישע וואַסערן פון עכטע עגאָ־צענטרישער בענקשאַפט, נאָסטאַלגישער ליריק און טראַגיש־פּערל־דיקע טרערן פון חדוהדיקע מאָמענטן צוזאַמען מיט צער־און־צאָרנדיקע איבער־לעבונגען פון יחיד.

נאָך אַזאַ דורכשפּרייז, קומט איר אַרויס אַ געלייטערטער... און אַז עס ווילט זיך אייך נאָך — נעמט איר בלעטערן איבער־אַנייעס און איר טרעפט זיך אָן אויף אַזעלכע שטעלן אין בוך, ווי:

## דורך וועלכן זכות?

עס איז געווען מיין זיידנ'ס
גרעסטער וואונטש און שענסטער חלום,
ווען אויסלעשן וועט זיך דאָס ליכט
פון זיינע אויגן,
מען זאָל אים,
אין זיין לעצטער היים
אַ זעקל ארץ־ישראל־ערד
צוקאָפּנס לייגן.

און מיין טאַטע —
אויף אַ פאַרוואָרפן ווינקל
אין זיין אוקראַינישער כאַטע.
האָט דורך די נעכט
ביים אָפריכטן חצות,
און דעם „על נהרות בבל" זאָגן,
אונדזער צוויי־טויזנט־יאָריקן חורבן
נים אויפגעהערט באַקלאָגן.

### א ו ן  א י ך

דורך וועלכן זכות בין איך עס זוכה
אויף פליגלען פון אַלומינום און שטאָל
אין רוים צו פליען,
צו ירושלים, ירושלים!
צו דורות־לאַנג געבענקטן ציון,
צו אונדזער אַלטן גלאָררייכן אַמאָל!
(ז"ז 123)

**אָדער אַ קלענערן פערז פון דעם „גע־הייליקט ליבעלעס אָנדענק", וואו איר מיינט ממש מיט בונינען אויף זיין ייִדישן, אייגענעם, פּערזענלעכן אומגליק און בראָך:**

### אַכטער יאָרצייט

ליבעלע,
ס'האָט זיך מיר געדאַכט,
מעפיסטאָ האָט געלאַכט,
ווען איך האָב פאַרנומען דאָס געוויין
פון דיין פאַרשניטענעם נאָמען
געקריצט אויף שטיין.

ניין!
ניט דער שטיין —
מיין האַרץ האָט געוויינט.
און איך, דער נאַר, האָב געמיינט,
דער שטיין האָט געוויינט!

**פראַקטיק אָנגעשריבן איז זיין ליד „ירושה", אַן אויטאָביאָגראַפיע אין פערזן, וואָס איז אַן אמתער בריליאַנט אין זיינע שאַפונגען און גיט־איבער אויפסניי נאָך זיינע פראָזישע שילדערונגען פון וואַנען ס'נעמט זיך צו אים דער „הייליקער ניצוץ" פון זיין אַ יידישער פאָעט און אַ שרייבער.**

**פאַראַן אין בונינס בוך וואונדערלעכע לידער מיט אַ ריין ־עקזיסטענציע־ פילאָ־זאָפישן באַנעם, ווי דאָס ליד „האַרבסט", וואו עס ווערט פאַרהערלעכט און פאַר־הייליקט דאָס לעבן און דאָס עקזיסטירן בלויז פון „זיין" פון דער נאַטור און פון מענטש, איבער וועלכן ס'וואָלט זיך גע־וואָלט ברייטער אָפּשטעלן, אָבער ס'איז שווער דאָס צו טאָן אין אַן איבערבליק־אַרטיקל, אפשר ביי אַנאַנדער געלעגנהייט, נאָר ס'ווילט זיך ביים סוף צוגעבן, אַז „פון פרילינג ביז האַרבסט" איז אַן אמת לירישער נשמה־אויסגוס פון אַ פאָעט, וואָס איז ווערט נישט נאָר געלייענט צו ווערן, נאָר וואָס איז אַן אמתער צושטייער צו אונדזער בעלעטריסטישן ניי־יידישן און היימיש האַרציקן ליטעראַטור־אוצר.**

אַבאָנימענט פאַרן „חשבון" — $5:00 אַ יאָר

יצחק ניומאַן

# חומש דערציילונגען — מיטאָלאָגיע אָדער געשיכטע?

ד״ר חיים גרושקין: „די וועלט פון אַברהם“ (אַרכעאָלאָגיע, געשיכטע, לעגענדע)
ניו־יאָרק, תשכ״ו, 1966. 230 זייטן

ד״ר חיים גרושקין — אויף וויפיל ס'איז מיר באַקאַנט — איז אַ פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור, און „חדשות“, קען מען זאָגן, איז אויך זיין בוך, הן פון סטיליסטישן זעפּונקט, הן לויט זיין אינהאַלט. ווי דער מחבר גיט אָן אויפן שערבלאַט, איז דער אינהאַלט פונעם בוך אַ געמיש פון „אַרכעאָלאָגיע, געשיכטע, לעגענדע,“ אָבער באמת איז דאָס בוך ניט באַגרענעצט אויף די דאָזיקע דריי געביטן, נאָר ס'איז אַ ווערק וואָס גענויע אַכט צענטל פון דעם איז בעלעטריסטיק — קינסטלערישע שאַפונג וואָס שטאַמט פון דעם מחברס פאַנטאַזיע. נון, וואָס שייך אַרכעאָלאָגיע, וואָס האָט אַ שייכות צו תנ״ך, איז קענטיק אַז גרושקין האָט אָט־דעם ענין שטודירט, טאַקע גרינטלעך שטודירט, און איז אין דעם באַהאַוונט; אָבער וואָס שייך דעם אויסטייל פון געשיכטע פון לעגענדע, קען מען עס נאַטירלעך בלויז משער זיין, מחמת מיר קענען בשום אופן ניט פאַנאַנדערקלייבן זיך און פעסטשטעלן וואָס איז לעגענדע און וואָס איז געשיכטע, אָדער אַ געמיש פון ביידע זאַכן אין די מעשיות מכוח אונדזערע אָבות, בפרט מכוח אברהם אָבינו, וואָס ווערן דערציילט אין חומש אויף אַ זייער בצימצומדיקן שטייגער.

גרושקין האָט אויפגעבויט מיט גרויס טאַלאַנט און מייסטערשאַפט די לעבנס־געשיכטע פון דעם ערשטן פון אונדזערע אָבות, לויט די אַלע מקורות און אָנצוהערענישן וואָס ווערן געגעבן וועגן אים סיי אין דער תורה גופא, סיי אין תלמוד, מדרשים און אַלערליי מפרשים. אָבער וואָס שייך די ספקות צווישן דעם וואָס איז געשיכטע און וואָס איז לעגענדע, איז גרושקין אין דעם פרט קאַטעגאָריש: אַברהם, באַשטימט ער, איז ניט קיין לעגענדע, נייערט אַ היסטאָרישע פערזענלעכקייט — ער איז באמת דער ערשטער עברי, דער אור־אור־פאָטער פון דער יידישער אומה, דער ערשטער וואָס האָט זיך דערטראַכט צום יידישן באַגריף פון מאָנאָטעאיזם — דעם באַגריף פון „אחד.“

אין דעם אַריינפיר צום בוך, וואָס פאַרנעמט עטלעכע און פערציק זייטן, ציטירט גרושקין אַלערליי יידישע מקורות בכדי אויפצואווייזן, אַז אַברהם אָבינו איז באמת אַ היסטאָרישע פערזענלעכקייט, אַז ער האָט באמת געלעבט און אַז טאַקע מיט אים הייבט זיך אָן די יידישע געשיכטע. גרושקין האָט, קענטיק, גענוי שטודירט אויך די נייע פאָרשונגען פון די אַרכעאָלאָגן אין שייכות מיט דער ביבלישער געשיכטע און דורך זייערע אַנטפלעקונגען ווייזט ער אויף ווי פאַלש עס זיינען די ביבל־קריטיקער וואָס האָבן באַשטימט, אַז אַלץ וואָס איז פאַרשריבן אין חומש דורך די אָבות איז בלויז לעגענדע.

גרושקין שרייבט:

„פון די אַרכעאָלאָגישע געפינסן הייבט זיך אָן ביסלעכווייז אויסצושיילן אַלץ מער און מער ממשותדיקע באַווייזן, אַז די מעשיות אין חומש זיינען נישט קיין אויסגעטראַכטע לעגענדעס, ווי אַ סך היסטאָריקער האָבן ביז איצט געמיינט, נאָר אַז דאָס זיינען אמתע געשיכטלעכע געשעענישן. די געשטאַלטן פון אברהם, יצחק און יעקב הייבן אָן צו דערשיינען פאַר אונדז ווי לעבעדיקע, היסטאָרישע פערזענלעכקייטן. מיט יעדער נייער אַרכעאָלאָגישער אויסגראָבונג ווערט אַלץ גרעסער

די צאָל דאָקומענטן, וואָס ווייזן, אַז די געשיכטע פון יידישן פאָלק הייבט זיך נישט אָן אין מצרים און נישט אין כנען, נאָר אויף די פּרייע וואַנדערוועגן צווישן דעם ים־הגדול (מיטללענדישן ים) און די טייכן פּרת און חדקל, און עס הייבט אָן קלאָר ווערן, אַז אברהם איז אַ ממשותדיקע היסטאָרישע געשטאַלט, וואָס האָט געלעבט אין אַ באַשטימטער תקופה אין דער וועלט־געשיכטע און איז פאַקטיש געווען דער ערשטער עברי, דער פאָטער פון אַלע עברים."

גרושקין גיט צו דערביי, אַז ניט נאָר ער אַליין האָט זיך איבערצייגט אין דעם היסטאָרישן ווערט פון די ביבלישע דער־ציילונגען. צו דער זעלביקער מסקנה זיינען אויך געקומען אַ סך וויסנשאַפטס־לייט אויפן אַרכעאָלאָגישן געביט, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ביבלישע שטו־דיעס. ער שרייבט:

„ווען דער באַרימטער בריטישער אַרכעאָלאָג, סער טשאַרלס לעאָנאַרד וואולי, האָט אין 1927 אויסגעגראָבן אברהם אָבינוס געבורטסשטאָט אור־כשדים, מיט אירע גאַסן, הייזער און טעמפּלען, האָט ער מיט פרייד און גרויס באַגייסטערונג אויסגערופן: 'מיר וועלן איצט מוזן ענדערן אויף אַ ראַ־דיקאַלן אופן אונדזער בליק אויף דער געשיכטע פון דעם עברים פּאַטריאַרך אַברהם. דאָס געפינען די שטאָט אור וואַרפט אַ ניי ליכט אויף דער יידישער טראַדיציאָנעלער געשיכטע וועגן אַב־רהמען און צווינגט אונדז צו ענדערן אונדזער ביז איצטיקע מיינונג וועגן די אָבות, מעשיות פון תנ"ך. עס איז לכל הפּחות פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז אַזאַ שטאָט האָט עקזיסטירט'."

„די וועלט פון אַברהם" איז באמת אַ זייער אינטערעסאַנט ווערק. ניט נאָר זיינען דאָרט אָנגעזאַמלט מיינונגען וואָס אַנדערע זאָגן אַרויס, נאָר דער מחבר אַליין שילדערט זייער בילדלעך און קינ־סטלעריש געלונגען דעם לעבנס־שטייגער פון יענער ביבלישער פאַר־היסטאָרישער עפּאָכע, און ער טוט עס זייער איבער־צייגנדיק דורך באַציען זיך — מיט גרויס ערודיציע — אויף אַ שלל ציטאַטן פון אַלערליי מקורות, אָנהייבנדיק פון תנ"ך און פאַרזעצנדיק מיטן תלמוד, מדרשים, מפרשים וכדומה, און ביז די היינצייטיקע אַרכעאָלאָגן און ביבל־פאָרשער און קרי־טיקער. ער באַקענט אונדז ניט נאָר מיט די אָבות, נאָר אויך מיט די קולטורן פון די פעלקער צווישן וועלכע די אָבות האָבן געלעבט, מיט זייערע פאָרמען פון געזעל־דינסט און פּרימיטיווע אָבערגלויבנס וואָס אַברהם האָט באַקעמפט, און דערביי פעסטגעשטעלט זיין אייגענע אמונה אין מאָנאָטעאיזם און איינגעשטעלט די פּרינ־ציפּן פון שפּעטער אַנטוויקלען יידישן הומאַניזם.

היסטאָרישע פאָרשונגען און אַרכעאָ־לאָגיע איז אָבער בשום אופן ניט דער גאַנצער אינהאַלט פון „די וועלט פון אַברהם." דער מחבר, חיים גרושקין, ווי פריער דערמאָנט, איז אויך אַ דערציילער און ער שאַפט פון זיין טעמאַטיק אויך בעלעטריסטיק, וואָס איז קינסטלעריש און ניט ווייניקער אינטערעסאַנט. אין אייניקע קאַפּיטלען שטייגט ער אפילו צו אַ מדרגה פון נבואה. אַזוי, למשל, מאַכט ער אַברהמען צו זען אַזעלכע חלו־מות וואָס פּאַסן זיך אַריין אינעם סטיל פון די שפּעטערדיקע נביאים. און ווען גרושקין דערציילט ווי אַברהם פירט יצחקן צו דער עקדה, ברענגט ער אַ שמו־עס צווישן גאָט און דעם שטן, וואָס דער־מאָנט אָן דעם פּראָלאָג פון ספר איוב.

צום שלוס מוז איך צוגעבן, אַז איך פערזענלעך האָב שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ גייסטיקע הנאה ביים לייענען אַ בוך, ווי די וואָס איך האָב געהאַט בעת איך האָב געלייענט „די וועלט פון אברהם" פון ד"ר חיים גרושקין.

**אַלטער עסעלין** / מילוואַקי

# לעבן מיינס

(פון אַ יינגל'ס טאָג־בוך)

איך וואוין מיט דיר,
איך לעב מיט דיר,
דו ווייסט עס ניט.
ווען שטערן בליצן
גיי איך אין דיין גאַס,
שטיי איך פאַר דיין הויז.
ס'איז מיינס.
וואָס בין איך אָן זיי?
וואָס זיינען זיי אָן מיר?
לעבן מיינס, פאַרבאָטן לעבן מיינס.
איך זע דיך ווען איך וויל,
דו זעסט מיך קיינמאָל ניט.
טאָרסט מיך ניט זען.
ס'וואָלט געווען זינד...
איך וויל דיך האָדעווען
ווי אַ קינד — מיט צערטלעכקייט,
מיט פערל־רייד,
וואָס איך וואָלט אויסגעטראַכט
קוקנדיק אויף דיר.
צאַרטע, ציכטיקע צנועה דו.
כ'וועל דיך רופן „טאַאיס".
איך טאָר דיין נאָמען ניט דערמאָנען.

ס'ווערט מיר ביטער־זיס
ווען איך זע דיך.
אפילו ווען איך טראַכט פון דיר.
דו — פון מיר — טראַכסט קיינמאָל ניט.
ס'דאַרף זיין אַזוי.
אַ זילבער־זייל רייסט זיך פון דיין טיר,
אימיצער איז אַרום פון דיין הויז.
אַ טראַנס גייט איבער מיר,
ס'איז דו. —
איך זע דיך מיט פאַרבלייטע אויגן.
פאַרוואָס קלאַפּט אַזוי מיין האַרץ?
איך מוז אַנטלויפן.
שפּעטער וועל איך קומען צוריק,
שטיין וואו דו שטייסט איצט,
כ'וועל גלעטן די פאַרענטש
וואו דיין האַנט האָט געלענט,
כ'וועל אפשר וויינען אַביסל.
ניין, לעבן מיינס, ס'איז גאַרניט.
האָט ווערטהער נישט געוויינט?
האָט ניט אַבעלאַר?
ראָמעאָ? ניט אַזוי?
ס'איז גאַרנישט, טייערע,
וויינען טוט נישט ווי...

# חבל על דאבדין ולא משתכחין!



אהרן גלאַנץ־לעיעלעס · מאַטעס דייטש · לייוויק זעלמאַן
אלקנה כראַבלאָוו · יעקב ניומאַן · יצחק פרידלאַנד
חיים באַרקאַן · חיים שאַפּיראָ · יוסף שפּיגלמאַן

# אהרן גלאַנץ־לעיעלעס ע״ה

דער טויט פון אהרן (טוביה) גלאַנץ, וואָס האָט געשריבן אונטערן פסעוודאָנים א. ליעלעס, איז געקומען אומגעריכט. ער האָט טאַקע דערגרייכט דעם בכבודיקן עלטער פון 78 יאָר, אָבער אויסערלעך האָט ער אויסגעזען פריש און מונטער, פול מיט ענערגיע און איז כסדר געווען פאַרנומען מיט זיין פילזייטיקער שעפערישער אַרבעט אַלס דיכטער, פובליציסט, זשורנאַליסט, קריטיקער און קולטור־טוער. אין משך פון זעכציק יאָר האָט ער אָן אויפהער אָנגעפירט אַ קאַמף פאַר דער חשיבות פון יידיש לשון און פאַרטיידיקט די רעכט פון יידיש וואו נאָר עס איז אָנגעגריפן געוואָרן, און זיין קעמפערישער גייסט איז קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

א. לעיעלעס איז געווען דער שעפער פון דער אייגנאַרטיקער שיטה אין יידישער דיכטונג — „אינזיכיזם“, אַ שיטה, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט מיט מסירת־נפשדיקער איבערגעגעבנקייט ביזן סוף פון זיינע יאָרן. זיין פייערלעכע אמונה און זיין אייגנאַרטיקע פאָעטישע שיטה האָט צו אים געצויגן אַ סך אַנדערע יונגע יידישע דיכטער, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר ווי כמעט זייער „רבי“ און האָבן אים נאָכגעפאָלגט.

לעיעלעס האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור גענוי מיט 60 יאָר צוריק מיט קאָרעספּאָנדענצן פון לאָנדאָן אין „דער נייער וועג“, אין ניו־יאָרק, און פון דענסטמאָל אָן, ביז צו זיין לעצטן באַנד לידער, האָט ער ניט אויפגעהערט ציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון סיי דער קריטיק און סיי דעם לייענער.

לעצטן יאָר איז לעיעלעס באַערט געוואָרן מיט דער לייוויק פרעמיע. ער איז געווען דער דריטער יידישער פאָעט צו קריגן די דאָזיקע פרעמיע (די ערשטע צוויי זיינען געווען: איציק מאַנגער און י. י. שוואַרץ). נאָך דעם איז ער אָפיציעל איינגעלאַדן געוואָרן צו באַזוכן ישראל, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פון דער רעגירונג און אויך פון די העברעאישע און יידישע שריפטשטעלערס.

פאַריקן יאָר האָט לעיעלעס, צוזאַמען מיט יוסף לעפטוויטש פון לאָנדאָן, אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן פען־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק, און אויפגעפאָדערט די וועלט־אָרגאַניזאַציעס פון שרייבערס איינצושטעלן זיך פאַר די רעכט פון יידיש לשון און יידישער קולטור אין סאָוועטן פאַרבאַנד. דער קאַמף האָט אָבער גורם געווען, אַז לעצטן סעפטעמבער האָט (אַ דאַנק דער מי פון יוסף לעפטוויטש, וואָס האָט פאַרגעזעצט דעם קאַמף) דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַלן פען־קלוב, איינשטימיק אָנגענומען די רעזאָלוציע פון יידישן פען־קלוב אויפצופאָדערן די סאָוועטישע שרייבער, אַז זיי זאָלן פאַרלאַנגען פון דער סאָוועטישער רעגירונג אָפּגעשאַפן דעם חרם אויף יידיש אין זייער לאַנד און צו גלייכבאַרעכטיקן יידיש לשון און ליטעראַטור מיט די לשונות און ליטעראַטורן פון די פאַרשיידענע אַנדערע פעלקער אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע.

* * *

א. גלאַנץ־לעיעלעס איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן מערץ, 1889, אין וולאָצלאַוועק, פוילן, אין אַ משפחה וואָס שטאַמט פון רבי יום־טוב ליפמאַן־העלער, דעם בעל־תוספות יום־טוב. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זיך זיין משפחה אַריבערגעקליבן קיין לאָדזש, וואו אהרנס פאָטער, ר' עוזר זלמן גלאַנץ, איז געוואָרן אַ לערער אין אַ

תלמוד־תורה און איז אויך געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון „המליץ“.

אהרן גלאַנץ האָט געקראָגן זיין יידישע דערציאונג אין זיין פאָטערס תלמוד־תורה און זיין וועלטלעכע דערציאונג — אין אַ קאָמערץ־שול. צו 16 יאָר האָט אהרן גלאַנץ עמיגרירט קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט פאָרגעזעצט צו שטודירן אין אַ דאָרטיקער מיטלשול.

אין לאָנדאָן האָט אהרן גלאַנץ זיך אָבגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטיש טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי און דעמאָלט האָט זיך אויך אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע.

אין 1909 איז אהרן גלאַנץ געקומען קיין אַמעריקע און דעביוטירט מיט לידער אין זשורנאַל „דאָס נייע לעבן“, אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. אין פינף יאָר אַרום, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „טאָג“, איז ער דאָרט געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, אַ שטעלע וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין לעבן. אין „טאָג“ האָט ער געדרוקט לידער, ליטעראַרישע קריטיק, פּובליציסטיק, אויך טעאַטער־קריטיק.

ווי פריער דערמאָנט איז לעיעלעס־גלאַנץ געווען אַ מאָדערניסט אין דער פּאָעזיע, האָט זיך באַנוצט מיט אייגנאַרטיקע פאָרמען און האָט געווירקט צו שאַפן אַ נייע ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע. צוזאַמען מיט יעקב גלאַטשטיין און נ. ב. מינקאָוו האָט ער אַרויסגעגעבן דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „אינזיך“, וואָס איז געוואָרן די טריבונע פאַר מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.

לעיעלעס האָט אויך געשריבן דראַמעס. אין איינער פון זיי, „שלמה מולכו“, אַ דראַמאַטישע פּאָעמע, ברענגט לעיעלעס אַרויס דעם יידישן משיחישן געדאַנק פון גאולה; אין אַ צווייטער דראַמע, „אָשר לעמלען“, באַהאַנדלט ער ווידער די זעלביקע טעמע און ווייזט אויף די סתירה צווישן גאולה אידעאַל און דער סאָציאַלער און פּאָליטישער ווירקלעכקייט.

סיי אַלס דיכטער און סיי אַלס פּובליציסט האָט זיך אין לעיעלעסן געפילט אַ ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט הומאַניטאַרע און פּראָגרעסיווע אידייען, תמיד געוואַגט אין זיינע עקספּערימענטאַלע פאָרמען און תמיד אויף אַ אידייאישן פעסטן באָדן. זיין אָפּטריט אין דער אייביקייט איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַרן יידישן שעפערישן וואָרט.

כבוד זיין אָנדענק.

א. פּ.



מאַטעס דייטש

## צום יידישן חלום אַקעגן

(פונעם בוך „לעצטע לידער,“
וואָס איז נאָך וואָר דערשינען)

איך וועל אַרויפגיין
אויפן באַרג המוריה
און זיך לייגן, לייגן
צווישן זיין היגלדיק געשטיין;
זאָל דער וואָס האָט מיך געשטאַלטיקט
צונעמען צוריק מיין געביין.

זיין וועט עס פאַר מיין מידער נשמה
דער קירצסטער וועג אַהין אַוועקצוגיין,
זיך אַנידערצושטעלן — אַ פוס-בענקעלע
פאַרן סאַמע כסא-הכבוד אַליין, אַליין, אַליין.
זאָל דער וואָס האָט מיך געשטאַלטיקט
צונעמען צוריק מיין געביין.

איך וועל אַרויפגיין
אויפן באַרג המוריה
און זיך ליגן, לייגן
צווישן זיין היגלדיק געשטיין,
צום יידישן חלום אַקעגן.

## אַוואו וועסטו וואוינען, גאָט?

גאָט, האָסט אין גאַנצער גרויסקייט דיינער
זיך אַריינגעקליבן טיף איר מיר אַריין;
דער הימל איז דיר קליין געוואָרן,
דער יידישער חורבן — צו גרויס;
בין איך פאַר דיר געוואָרן דיין הויז.

גאָט, גאָט, אַוואו וועסטו וואוינען, וואו, גאָט,
ווען איך, מאַטעס, וועל זיך פאַרנעמען שטאַרבן?
ווער וועט דיין חלק אין מיר אַרבן?
וואָס וועט ווערן פון מיין שורהדיקן כל טוב?
וועט עס מיטגיין אין דער טיף מיט מיר?
צי וועט עס צוריק אַרויס, אַוועק אויף געשטרעק?
אָ דו אייביק־דאַאיקער, איך שלים צו די ספקות-טיר—
זאָל אַלץ צוריקבלייבן אין מיר ווי עס איז, אָן עק!

אָ, וועלט, גאָרניט האַלט זיך שוין אין מיר
אַזוי לאַנג, אַזוי אמתדיק שטאַרק קאָנקרעט
ווי דו, גאָט, און מאַוימדיקער יידישער חורבן —
ביידע זייט איר געַנוג, פאַרפולפעסטיקט אין מיר,
מער ווי מענטש קען פאַרנעמען טויטס גרויליקע זעט.

---

אַן אָפּהאַנדלונג איבער מאַטעס דייטשס בוך „לעצטע לידער“ און זיין לעבן און שאַפן בכלל וועט דערשיינען אין קומענדיקן נומער „חשבון“. — רעד.

## לייוויק זעלמאַן ע"ה

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב דריקט אויס טיפן צער איבער דעם שווערן פאַרלוסט פון לייוויק זעלמאַן ע"ה.

מיר אַלע ווייסן, אַז טויט איז אומפאַרמיידלעך. מענטשן לעבן אָפּ זייער באַשערטע צייט און ווערן נפטר. „דור הולך ודור בא.” אונדזער דור איז אָבער געשטראָפט מיט דעם, וואָס ווען מיר פאַרלירן איינעם פון אונדזערע רייען, בלייבט זיין אָרט ניט אויסגעפילט, עס בלייבט אַ חלל.

אונדזער דור צייכנט זיך אויס מיט אַנדערשקייט פון אַנדערע דורות. ער, וואָס איז דער ערשטער דור דאָ אין אַמעריקע, איז גרויס מיט זיין אויפטו און דערגרייכונגען. ווען מיר זיינען נאָך יונג געווען און ערשט אַריבערגעקומען אַהער, קענען געגליכן ווערן צו אַ פלאַנץ, וואָס ווערט אַריבערגעפלאַנצט פון איין באָדן אויף אַן אַנדערן, פון איין קלימאַט אויף אַן אַנדערן. ס'איז פאַר אונדז שווער געווען דאָס צופּאַסן זיך צו די געענדערטע אומשטענדן אין לאַנד, צו לערנען זיך אַ נייע שפּראַך, צו פאַרנעמען זיך מיט נייע מלאכות, זיך איינבירגערן אין פרעמדע פאַר אונדז אויסטערלישע סאָציאַלע באַדינגונגען. אָבער מיר זיינען דאָס איבערגעקומען.

און איינער וואָס האָט מוסטערלעך צוגעפּאַסט זיך צו די נייע באַדינגונגען, איז געווען אונדזער ליבער פריינד און חבר, דער האַרציקער גוטער מענטש, לייוויק זעלמאַן.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן מיטגעפיל צו די אבלים פון דעם נפטר, צו זיין ליבער פרוי און צוויי זין. זאָלן זיי געפינען טרייסט אין דעם שיינעם גוטן נאָמען, וואָס דער נפטר האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

י. ס.

**פינטשע בערמאַן**

## נ י ט אָ מ ע ר

(דעם ליכטיקן אָנדענק פון דעם דיכטער חיים באַרקאַן)

מיין ליד איז געשפּונען פון טרערן,
מיין וואָרט איז געפלאָכטן פון צער,
עס לעשן זיך אוים מיינע שטערן,
מיין הימל איז חושך און שטאַר...

ווי דער פויגל נאָך טעג און נאָך וואָכן,
מיד פון זיין פליען אַהיים,
געפינט, אַז זיין נעסט איז צעבראָכן,
געפינט, ס'איז פאַרשניטן זיין בוים—

שטיי איך, ווי אַן אָבל, געבויגן,
העלפט ניט קיין טרייסט מיין געמיט:
ניטאָ מער דער גלאַנץ אין די אויגן,
ניטאָ מער די זון אין מיין ליד...

חיים באַרקאַן *)

# וואו זיינען מיינע שטערן?

וואו זיינען מיינע שטערן, וואָס כ'האָב פון זיי געחלומט ?
זיי זיינען אַזוי ווייט, אַזוי ווייט.
עס לעבט נאָך דער חלום, וואָס מיט אים האָב איך געטורעמט
אין מיין גאַנג צו דער אייביקייט.

נאָר דער טאָג איז פאַראומערט, און דער וועג איז לאַנג,
און פון יאָכן עס וואַקלט זיך מיין טראָט ;
און איך זוך דעם יורש, וואָס זאָל מיט מיין געזאַנג
שפּאַנען ווייטער הינטער מיר צו גאָט.

טראָג איך מיט מיין פּעקל מיטן גאָלד, מיט די פּערל,
און קוק אַרום די פאַרוואָרלאָזטע וועגן ;
איך צעעפן מיין פּאַק, שיינען זונען און — טרערן :
מיינע אוצרות — פון וועמעס וועגן ?

דאָ פאַרביי איז מיין יורש, רעדט דווקא מיין לשון :
„אָ, דיין פּאַק איז צו אַלט, דאַרף אַ בייט";
וואו זיינען מיינע שטערן וואָס כ'האָב פון זיי געחלומט,
זיי זיינען אַזוי ווייט, אַזוי ווייט . . .

# אַ שיינער טאָג

פרימאָרגן. בין אַרוים דעם טאָג אַנטקעגן,
געוועזן איז פרילינג אויף דער ערד.
אַזאַ ליכט, צעגאָסן גאָלד אויף וועגן,
פון יעדן בוים געזאַנג האָט זיך געהערט.

געמיש פון הימל-בלוי מיט רויטע פאַרבן,
שירה האָט געזונגען יעדע שוואַלב ;
אַ ליבע, פרייע רחבות ביז צום שטאַרבן,
און ס'לויבט און דאַנקט דער פויגל, האָז און קאַלב.

און בלומען-ריחות טראָגן זיך צו מיר;
דער רוים איז אָנגעפילט מיט פרייד און זיסקייט,
ס'שטייען ביי מיר אָנגעזאַפּט מיט פרישקייט,
רייפן, שיינען, און ס'וואַקסט דאָס האַרץ אין מיר.

---

*) פון די לעצטע שאַפונגען פונעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם דיכטער און אונדזער מיטאַרבעטער, חיים באַרקאַן ע"ה.

אָ, די ערד איז פול מיט וואונדער, שיינקייט,
נישטאָ קיין בייז, קיין רשעות אויף דער וועלט;
ווער זאָגט אַז ס'פעלט דעם מענטשן ליבע, ריינקייט?
הערט, „כי טוב“ עס הילכט פון וואַלד און פעלד.

יאָ, עס וויגט גאָט'ס האַנט די פרישע זאַנגען,
זעסט די זון פאַרבט־אָפּ די עפּל רויט.
דאָס האַרץ אין מיר ווערט אַזש פון פרייד צעגאַנגען —
געשמאַקע ערד, ביסט שיין ווי מאָרגנרויט!

# אלקנה כראַבלאָוו ע״ה

מיטן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון דעם ליבן מענטש, שרייבער און כלל־טוער, אלקנה כראַבלאָוו, האָט דאָס יידישע פאָלק די יידישע ליטעראַרישע וועלט און מיר דאָ אין לאָס אַנגעלעס, זיינע קאָלעגן און פריינט, געליטן אַ זייער גרויסן פאַרלוסט, וואָס איז גאָר ניט גרינג זיך צו טרייסטן.

אלקנה כראַבלאָוו איז געווען פון אַלטן דור אידעאַליסטן און אַן איבערגעגעבענער זון פון זיין פאָלק. אים איז שווער געווען אָפּצוגרעניצן איין תפוצה פון דער צווייטער און זיין האַרץ האָט הייס געשלאָגן פאַרן קיום פון יידישן פאָלק וואו נאָר יידן האָבן זיך געפונען.

ער האָט געלייגט גרויס האָפענונג אויף יידישער דערציאונג. ער האָט זייער גוט געוואוסט, אַז קיום יידן וועלן ריידן יידיש, וועט די אַסימילאַציע ניט האָבן קיין שליטה און יידן וועלן בלייבן יידן. דערפאַר האָט ער אָפּגעגעבן אַזוי פיל צייט פון זיין לעבן צו מדריך זיין יידישע קינדער און זיין אַזוי שעפעריש מיט זיין שרייבן אין זשורנאַלן אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, רופנדיק פאַר יידישער דערציאונג.

ער איז געווען אַ לענגערע צייט אין אַמעריקע און האָט דאָך ניט איבערגעריסן מיט דער אַלטער היים און איבערהויפּט זיין באַליבטער טשענסטאָכאָוו, און איז געווען די טרייב קראַפט צווישן זיינע טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט.



ער איז געווען רעדאַקטאָר פון טשענסטאָכאָווער „דאָס נייע וואָרט“, רעדאַקטירט אַנדערע צייטשריפטן און איז בכלל געווען שעפעריש אויף פאַרשיידענע געביטן און נאָכ'ן גרויסן חורבן אונדזערן רעדאַקטירט די ביכער „טשענסטאָכאָווער יידן“, פאַראייביקנדיק אַזוי אַרום אַ לעבן וואָס איז אַזוי ברוטאַל אָפּגעווישט געוואָרן.

די לעצטע פאָר יאָר האָט ער אויך מיטגעאַרבעט אין ל. א. זשורנאַל „חשבון“ און איז אויך געווען זיין פאַרוואַלטער און סעקרעטאַר. בכלל איז זעלטן דאָ אַ מענטש וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער

# יעקב ניומאַן — קינסטלער און קולטור-עסקן

יעקב ניומאַן, שרייבט ז. זילבערצווייג אין זיין טעאַטער לעקסיקאָן, איז געפאַלן ווי דער קינסטלער אויף דער בינע, אויס־



געגאַנגען איז זיין נשמה ווען ער האָט זיך געגרייט לייענען לייוויקס אַ ליד ווי אַ הספד ביי דער לוויה פון זיינעם אַ פריינד.

יעקב ניומאַן איז געווען אַ וואָרטקינסטלער; ער האָט זיך ניט געוואָלט פאַרבינדן פּראָפעסיאָנאַל מיט יידישן טעאַטער, נאָר האָט פאַר זיך אויסגעקליבן צו זיין אַ רעציטאַטאָר און פאָרלייענער, און אויף דעם געביט האָט ער אַרויסגעוויזן זייער גרויסן טאַלאַנט. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט דורך זיינע פאָרלעזונגען פון די ווערק פון שלום עליכם און י. ל. פרץ.

ווען יעקב ניומאַן האָט אין 1959 באַזוכט מדינת ישראל און האָט דאָרט אויפגעטראָטן, איז וועגן אים געשריבן געוואָרן אין דער דאָרטיקער „יידישער צייטונג", אַז „יעקב ניומאַן באַזיצט אַ מאַגנעטישע קראַפט, וואָס שמידט צו דיין געהער און געדאַנק; ער האָט אין זיך דעם כוח צו פאַרוואַנדלען וואָרט אין בילד, מוזיק און געשטאַלט."

ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער יאָרן לאַנג אָנגעפירט יידישע פּראָגראַמען ביים וועסטסייד יידישן צענטער, געווען דריי יאָר פּראָגראַם דירעקטאָר ביים אינסטיטוט פון יידישער דערציאונג, און 6 יאָר נאָכאַנאַנד פּראָגראַם דירעקטאָר ביי אונדזער יידישן קולטור קלוב.

פיזיש איז יעקב געווען אַ חלוש, אָבער דאָס געפיל פון אַחריות פאַר די פליכטן וואָס ער האָט אויף זיך גענומען האָט אים געגעבן כוח אָנצופירן זיין פּרוכטבאַרע קולטור־טעטיקייט מיט אומגעווינלעכער ענערגיע. וועגן אים האָט געשריבן דער באַוואוסטער שריפטשטעלער הערי לאַנג, אַז „מיט זיין טאַלאַנט פון אַ פאָרלייענער האָט יעקב ניומאַן אויסגעקליבן פאַר זיך ליטעראַטור אויף יידיש פאַר זיין נשמה יתירה, און פאָרלייענען ליטעראַטור אויף יידיש איז ביי אים געוואָרן ווי די בכבודע פאָלקס־מיסיע פון אַ בעל־קורא ביי דער תורה."

דאָס פיזישע פון יעקב ניומאַן איז פון אונדז אַוועק, אָבער זיין גייסטיקייט איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון און אין די הערצער פון די אַלע וואָס האָבן אים געקענט. כבוד זיין אַנדענק.

י. סאַפּיאַן

---

איבער גאָר דער וועלט: בוענאָס איירעס, פּאַריז, לאָנדאָן, מעקסיקאָ, אַפריקע, שוין אָפּגערעדט דאָ אין אַמעריקע, און צו אונדזער גרויס געווינס, אין לאָס אַנגעלעס.

זיין טויט דעם 13טן פעברואַר, 1965 איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַר אַלע אומצאָליקע פריינט און פאַרערער, און מיר שיקן אונדזערע טרייסט־ווערטער צו זיין ליבער פרוי העלען און זייער ליבער איבערגעגעבענער טאָכטער.

זאָל געערט זיין זיין אנדענק.

# יצחק פרידלאַנד

יצחק פרידלאַנד ע"ה איז געבוירן געוואָרן אין 1885 אין זשיטאָמיר, אַן עיר ואם בישראל, ביי אָרימע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען אַ טלית־וועבער. אָבער ווי אָרים זיינע עלטערן זיינען געווען, האָבן זיי אים דאָך געגעבן אַ יידישע טראַדיציאָנעלע דער־ציאונג דעם חדר, וואו ער האָט געלערנט ביז 13 יאָר.



נאָכן ווערן בר־מצוה ווערט ער אַוועקגעגעבן אין דער לער אַלס דרוקער און שפעטער — אַלס אַ פאַרבער און שילדן־מאָלער.

די צייט פון זיין דרוק־אַרבעט האָט אויף אים איבערגעלאָזט אַ שטעמפל אויף זיין גאַנצן שפעטער־דיקן לעבן. ער איז אין זיינע יונגע יאָרן ניט געבליבן גלייכגילטיק צו די טויטע בלייענע בוכשטאַבן. יעדעס בוך וואָס ער האָט געזעצט האָט ער ממש געשלונגען און דאָס האָט גורם געווען, אַז שפעטער, ביי זיין אָנ־קומען אין אַמעריקע, זאָל ער ווערן אַ שרייבער.

געוויינטלעך,אָט ווי די יוגנט פון סוף פון ניינצענטן און אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג (אַנאַרכיזם) און צו זיין 20סטן יאָר, אין 1906 קומט ער אָן קיין ניו־יאָרק.

ער קריגט דאָ אַרבעט אַלס פאַרבער און אַרבעט שווער און פון זיינע קליינע פאַרדינסטן העלפט ער נאָך זיין איבערגעבליבענע פאַמיליע אויף יענער זייט ים. אין צוויי יאָר אַרום נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע, באַקענט ער זיך מיט זיין באַחנטער לעבנס־באַגלייטערין, מוסיע, און גאָר אין גיכן ווערן זיי מזכה מיט אַ ליבן זונעלע, וועמען זיי גיבן אַ נאָמען „עמיל".

דאָ באַקענט ער זיך מיט דער פלעיאַדע יונגע שרייבער און הויבט אָן שרייבן לידער און דערציילונגען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" און אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבן..

אַ יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, אין 1907 ברעכט אויס אַ קריזיס, און ער מיט אַ צאָל פריינט באַשליסן צו מאַכן אַ סוף צום „סוועט־שאַפ" מיט אַרבעט־לאָזיקייט און זיי ווערן קאָלאָניסטן, אמתע פאַרמערס, און איינער פון די הויפט איני־ציאַטאָר איז, פאַרשטייט זיך, יצחק פרידלאַנד. אויסער צו זיין אַ טיכטיקער אַרבעטער אויפן פאַרם, האָט ער זיך פאַרנומען מיט שרייבן לידער, מעשיות און פאַנטאַזיעס, מיט וואָס ער האָט אונטערהאַלטן זיינע חברים קאָלאָניסטן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט...

צוליב געוויסע טעמים, וואָס דאָ איז ניט דאָס פלאַץ אַריין אין זיי, האָט זיך די קאָלאָניע, נאָך שווערער אַרויסגעוואָרפענער מי און האַרצווייטאג, אונטערגעגאַנגען, און די מערסטע פון די אַזוי־גערופענע „קאָלאָניסטן" זיינען אַוועק צוריק פון וואַנען זיי זיינען געקומען — און געקומען זיינען זיי פון פאַרשיידענע טיילן פון און אין אַרום ניו־יאָרק. איז י. פרידלאַנד מיט זיין פרוי און קינד אַוועק צו דער זוניקער קאַליפאָרניע און זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. אין יאָר 1913 און קריגט דאָ אַרבעט אין זיין

פאַך אַלס פאַרבער, אָבער מיט זיין איניציאַטיוו און אונטערנעמונגס־גייסט ווערט ער אין גאַר אַ קורצער צייט אַרום אַליין אַ פאַרבער־קאָנטראַקטאָר און אַרבעטנדיק פאַר זיך אַליין קאָן ער אָפּשפּאָרן מער צייט פאַרן טובת הכלל.

לאָס אַנדזשעלעס האָט דאַן נאָך ניט פאַרמאָגט קיין האַלבן מיליאָן יידן ווי איצט, כן ירבו, אָבער עס האָט שוין אויך דאַן געהאַט אַ גאַר פיינע יידישע געמיינדע מיט אַ פיינער צאָל יידישע רעליגיעזע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, יידישע שולן, און איבערהויפּט מיט אַ טעגלעכער יידישער צייטונג: „די קאַליפאָרניער יידישע שטימע". ער ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, באַטייליקנדיק זיך מיט לידער, אַפאָריזמען און איבערהויפּט מיט פובליציסטיק, און ער ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ גאַר פיינעם פובליציסט. מיט דער צייט ווערט ער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. אָבער שפּעטער איז די צייטונג אַריבער אינגאַנצן אויף ענגליש און ער ווערט דאָרט אויס מיטאַרבעטער.

ער האָט געמאַכט אָבער עטלעכע פרואוון אַרויסצוגעבן זשורנאַלן פון צייט צו צייט און מיט וואָסערע פערציק יאָר צוריק, ווען דאָ גרינדעט זיך דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב, איז ער דאָרט אַ טיכטיקער מיטגליד און מיט דער צייט ווערט ער פאָרזיצער פון קלוב, אַן אמת וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן מיט גרויס איבערגעבנקייט און חשיבות פאַר גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר, ביז דעם סוף פון זיינע טעג, און אונטער זיין השפעה האָט זיך דער ל. א. יידישער קולטור קלוב זייער שיין צעבליט און צעוואַקסן.

דעם קליינעם בולעטין וואָס דער קלוב האָט יערלעך אַרויסגעגעבן האָט ער מיט דער הילף פון אַ צאָל לאָקאַלע יידישע שרייבער פאַרוואַנדלט אין אַן אמת שיינעם ליטעראַרישן זשורנאַל פון וועלכן ער איז געווען רעדאַקטאָר אַרום צען יאָר. ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן און פאַרקאָכט אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט, אַז ניט געקוקט אויף זיין היכן עלטער איז ער געווען פול מיט ענערגיע און איניציאַטיוויטעט.

עס איז כמעט ניט געווען אַן אינסטיטוציע וואו ער איז ניט געווען אָדער פרעזידענט אָדער וויס־פרעזידענט, ווי אַ שטייגער: ער איז געווען טעטיק אין ייוו"א, אין „סיטי אָוו האָופּ", אין זיין קראַפּאָטקין ברענטש פון אַרבעטער רינג, אין פרץ הירשביין צווייג פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; פרעזידענט פון ל. א. שרייבער גרופּע, פרעזידענט פון ל. א. יידישן פּע"ן קלוב, און אַזוי ווייטער...

אין יאָר 1949 דערשיינט זיין ערשטער בוך: „זכרונות פון קלאַריאָן", וואו עס ווערט באַשריבן די גרינדונג פון דער קאָלאָניע, וואָס עס איז דאָ פריער דערמאָנט געוואָרן, וואו ער גיט איבער אין אַ זייער געשפּאַנטער פאָרם פון אַ גרופּע יידישע ענטוזיאַסטן, וועלכע האָבן געגרינדעט אַ קאָלאָניע מיט אירע קליינע דערפּאָלגן און גרויסן דורכפאַל...

— אין 1953 מאַכט ער מיט זיין ליבער פרוי מוסיע אַ רייזע קיין ישראל און דער רעזולטאַט — אַ בוך מיטן נאָמען: „פון פאַסיפיק ביז כנרת."

אין יאָר 1959 דערשיינט זיין בוך: „וואַנדערונגען און נסיונות", און אין יאָר 1962 קומט ווידער אַרויס זיינס אַ בוך: „אין טעג פון גערענגל." אַלע זיינע ביכער טראָגן אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער אויף וועלכער די קריטיק רופט זיך זייער וואַרעם אָפּ.

סיי זיינע ביכער ווי אויך אַ צאָל דערציילונגען זיינע, זיינען אָפּט איבערגעדרוקט

## זלמן זילבערצווייג

# דער יידישיסט חיים שאַפּיראָ

עס איז זיכער, אַז ער אַליין, חיים שאַפּיראָ, האָט ניט געהאַט קיין אַנונג, אַז פּאַקטיש איז ער דער אמתדיקער פּועלי־ציוניסט, (הגם אָפיציעל האָט ער ניט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי). וואָרעם וואָס אַזוינס זאָגט דאָס פּועלי צ י ו נ י סטישע פּראָגראַם ? — אויפצובויען ארץ ישראל ווי אַ יידיש אַרבעטער לאַנד און אָנהאַלטן דאָס יידישע לעבן אין דער וועלט אויף נאַציאָנאַל קולטורעלע יסודות. און אַז מען וויל זיך גוט אַריינטראַכטן, איז ער חיים שאַפּיראָ, געווען אַן אָרטאָדאָקסישער פּועלי־ציון, דאָס הייסט, פון די, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער אַמאָליקער תורה, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אייזן־פעסט ביי דער מאַמע־יידיש, וואָס האָט געהאָלפן שאַפן יידישע שולן אויף יידיש, אַנטוויקלען יידישע פּרעסע, יידישע ליטעראַטור, יידישע קולטור אויף יידיש לשון.



חיים שאַפּיראָ איז בכלל געווען אַביסל אָרטאָדאָקסיש. היינט רופן מיר עס טראַדיציאָנעל. ער האָט זיך, למשל, געהאַלטן ביי שיינער רעטאָריק. ער האָט ליב געהאַט אַריינצואוואַרפן אין אַ רעדע, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט ערדישע זאַכן, מיט מיטגלידערשאַפט אין אַ חברה, מיטן בעטן געלט פאַר ישראל, מיט געדענקען דעם חורבן דורך די נאַצישע רוצחים, אַ פּאָר ווערטער וועגן פרייהייט, ליבע, גלייכהייט און די אַלע אַנדערע חלומות מיט וועלכע מען האָט געשפּייזט אונדזערע פאַנטאַזיעס אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט. ער האָט אפילו זיך פעסט געהאַלטן ביים ווערטער־שאַץ פון יענע יאָרן און ביים געבוי פון זאַץ מיט וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט זיינע געדאַנקען.

ער איז געבליבן דער פאַרליבטער אין די אידייען, וועלכע ער האָט זיך איבערגעגעבן אין זייער פריער יוגנט, וועלכע

---

געוואָרן אין צייטונגען און זשורנאַלן אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, וואו דאָס יידישע וואָרט ווערט געדרוקט.

י. פרידלאַנד האָט אויך געגרינדעט אַ פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד פאַר יידישע שרייבער, וואָס פאַר עטלעכע יאָר זיינען אויסגעטיילט געוואָרן 400 דאָלער אַ יאָר; 200$ פאַר דער בעסטער עסיי און 200ט פאַר דער בעסטער דערציילונג.

אין זיינע לעצטע יאָרן איז ער זייער נאָענט געוואָרן צום ציוניסטישן אידעאַל און ממילא צו ישראל און האָט כמעט זיין גאַנץ פאַרמעגן איבערגעלאָזט אַלס ירושה פאַרן קרן קימת לישראל.

דאָס יידישע לאָס אַנדזשעלעס קען זיך זייער באַרימען מיט אַ גאַר פיינער צאָל שיינע פערזענלעכקייטן און איינער פון זיי איז זיכער געווען **יצחק פרידלאַנד**, וועלכער איז צו אונדזער אַלעמענס גרויסן פאַרלוסט נפטר געוואָרן דעם 15טן סעפּטעמבער, 1965. זאָל געערט ווערן זיין אָנדענק.

ז. ב.

האָבן אָנגעצונדן זיין יוגנט־בלוט און האָבן אים געוואַרעמט ביז זיין לעצטן טאָג. ער האָט נאָך ניט נאָר געפּרואווט באַגייסטערן דעם צוהערער מיט זיין ליבשאַפט צום מענטש, צו פרייהייט, צום יידישן פאָלק, צום יידישן לאַנד, צום יידישן לשון, צו דער יידישער קולטור, נאָר נאָך מער ווי די צוהערער, האָט ער זיך אַליין באַגייסטערט און אָנגעצונדן פון זיינע אייגענע רייד. ער אַליין האָט זיך פון זיי געפונען ווי באַצויבערט, און יעדעס מאָל ווי אַנטדעקט אין זיי עפּעס נייעס, נאָך קיינמאָל ניט געהערטעס, הגם ער האָט עס כסדר, אָפטמאָל כמעט ווי אַ קאָפּיע, ווידערהאָלט. טאַקע דערפאַר, ווייל אַזוי איינגעגלויבט, אַזוי פאַרגלויבט, אַזוי זיכער, אַזוי אמתדיק האָט עס אים געקלונגען, און פונקט ווי אַ פרומען ייד ווערט ניט נמאס יעדן טאָג צו זאָגן די זעלבע תפילה אפילו דריי מאָל אַ טאָג פלעגט אים ניט ווערן איבערדריסיק צו זינגען שירה און אַ לויב דעם פּרעכטיקן יידישן לשון אין וועלכן ער איז געווען אַזוי פאַרליבט.

ציניקער האָבן געהאַט אַ לייכטן וועג פאַר זייער ביטול צו יידיש. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט דאָס פּענדל „זשאַרגאָן" און טוט זיי עפּעס! אַז מ'האָט זיך ניט דערשראָקן און זיי אויפגעוויזן זייער אומוויסן, פּשוטער גערעדט, זייער עם־הארצות, האָבן זיי געהאַט אַן אַנדערן תירוץ — „פּראָפעסיאָנאַליזם." וואָרעם אַ פּשוטער ייד האָט זיך דאָך אין דער דיסקוסיע ניט אַריינגעמישט; גלאַט, סתם אַ ייד האָט זיך דאָך ניט אָנגענומען מיט מוט און געענטפערט אַזאַ שאינו יודע לשאול, אַז ער איז אַ רשע, נאָר געענטפערט האָט דאָך אַ שרייבער — האָט אים דער רשע געפּסלט, אַז ער איז „אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישיסט," ער מאַכט אַ לעבן פון יידיש, איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס ער פאַרטיידיקט יידיש. איי, וואו שטייט עס אַרויס אַז מען טאָר ניט מאַכן קיין לעבן פון יידיש? מאַכן דען ניט קיין לעבן מענטשן פון אַנדערע שפּראַכן? און טאַקע דאָס וואָס מען מאַכט יאָ אַ לעבן פון יידיש, איז דאָך שוין אַ באַווייז, אַז עס איז אַ שפּראַך ווי אַנדערע שפּראַכן, נאָר דערווייל האָט מען געשיט זאַמד אין די אויגן.

אָבער חיים שאַפּיראָן האָט מען קיין פּראָפעסיאָנעלן יידישיזם ניט געקאָנט פאָרוואַרפן. פונקט פאַרקערט! ער האָט געמאַכט אַ לעבן פון גויאישקייט. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט. אין געריכט האָט ער קיין יידיש ניט געקאָנט ריידן. ער איז כסדר געקומען אין באַרירונג מיט גויים. אפילו אין דער געזעלשאַפט, וואו ער האָט פאַרקערט — מיט די ריכטער, די אַדוואָקאַטן, גויים אָדער גויאישע יידן, און אין די קהלישע „ביזנעס" זיינע, אין דער געזעלשאַפט „סיטי אָוו האָופּ", זיינען אויך תמיד געווען דער גרעסטער טייל אַזעלכע יידן, וואָס האָבן זיך געצוואונגען צו ריידן — בעדיי אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש, אַבי ניט קיין יידיש. און לאָמיר שוין אין איינוועגס אויסזאָגן אַ סוד, אַז אפילו אין זיין לעצטער אַכסניה, אין דער „הסתדרות", האָט ער אויך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך „יידיש פּרעסער", אויף אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגעגעסן יידיש, און האָבן נאָר גערעדט ענגליש. איז דעריבער קאָן מען ניט זאָגן אַז ער האָט געדאַרפט ריידן יידיש. ער האָט אָבער געוואָלט ריידן יידיש, ווייל ער האָט געוואָלט. און ער האָט געוואָלט, ניט דערפאַר, ווייל ער האָט דעם דאָזיקן ווילן באַגרינדעט וויסנשאַפטלעך, הגם ער האָט געטראָגן עטלעכע יאָר דעם מאַנטל פון פאָרזיצער פון דער היגער „ייוואָ". ניין, ער איז געווען ווייט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

ער האָט געהאַט אַ האַרץ, אַ פילנדיק האַרץ. ער האָט געהאַט אַ נשמה. צו אים האָט גערעדט איין שורה פון אַ ליד פון

אַ יידישן דיכטער מער ווי אַ גרויסע רעדע פון אַ וויסנשאַפטלער. ער האָט געקענט זיך אַזוי באַגייסטערן פאַר געוויסע שורות פון יידישע דיכטער, אַז ער זאָל זיי אויסלערנען פון אויסנווייניק און ביי גע־לעגנהייטן זיי באַנוצן.

טיילמאָל קומט מיר אויפן זינען, אַז אין דער ליבע זיינע צו יידיש איז געווען אַריינגעמישט נאָך אַ געפיל, אַ געפיל, וואָס איז געווען זיין לייטמאָטיוו צו אַלע מעשים — רחמנות. טאַקע דערפאַר ווייל יידיש איז געווען אַזוי באַליידיקט, ווייל ער האָט געפילט אויף טריט און שריט, (אַלענפאַלס פלעגט ער זיך אַזוי אויס־דריקן), ווי יידיש ווערט אַזוי באַליידיקט, אַזוי דערנידעריקט, האָט ער געפילט אַזאַ ליבשאַפט צו דער שפּראַך.

ער האָט בכלל ליב געהאַט דעם באַ־ליידיקטן און דעם דערנידעריקטן. דאָס האָט אים געמאַכט דעם גוטן אַדוואָקאַט, דעם יושר־קעמפער פאַר די גערעכטע, און די ריכטער האָבן דאָס געוואוסט. ניט אומזיסט האָבן אים די ריכטער טיטולירט „אָנעסט חיים" — דער ערלעכער חיים. מען האָט געוואוסט, אַז ער נעמט ניט אָן קיין פּראָצעס, אויב זיין קליענט איז ניט גערעכט. און איינער פון זיינע קליענטן, וואָס איז געבליבן זיין שטענדיקער קלי־ענט איז געווען **יידיש**, און ווי געפרייט האָט ער זיך, ווען ער האָט געזען ווי אָט־דער קליענט הייבט אָן איינציקווייז צו געווינען זיינע רעכט: מען הייבט אָן לער־נען יידיש אין די הויכשולן אין אַמעריקע, די יידישע יוגנט קערט זיך מיטן פּנים צו יידיש, די גרויסע וועלט אַנערקענט דעם באַטייט ייוו"א, ישראל ענדערט איינ־ציקווייז איר באַצי צו יידיש.

האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן צו קוועלן, אָבער אַ האַרץ האַלט אַמאָל ניט אויס, ניט נאָר פון צרות, נאָר אויך ניט פון נחת. אין ביידע פאַלן הערט עס אויף צו קלאַפּן.

## יוסף שפּיגלמאַן ע"ה

יוסף שפּיגלמאַן איז נפטר געוואָרן דעם 27טן יולי, 1966, אין עלטער פון 75 יאָר.

ער איז געווען פיל אָנגעזען אין דער יידישער לאָס אַנדזשעלעס ווי אַ בן־תורה און אַ קענער פון דער מאָדערנער יידישער



ליטעראַטור. אויך איז ער געווען אַ גרוי־סער בעל־נדבן, געשטיצט מיט אַ ברייטע האַנט אַלערליי יידישע אינסטיטוציעס, סיי רעליגיעזע און סיי וועלטלעכע.

ער איז געווען זייער באַשיידן און איז ניט געווען אַ רודף אַחרי הכבוד. דערפאַר האָט דער פאַרדינטער כבוד אים נאָכגע־פאָלגט. ווען מיר האָבן געוואָלט פייערן זיין 75 יאָריקן יובל, האָט ער זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. אין אונדזערע הערצער האָבן מיר זיך זיכער געפרייט מיט זיין יובל.

ער מיט זיין פרוי גאָסי האָבן זיך גע־גרייט צו פאָרן קיין ישראל און דאָרט פאַרברענגען אַ לענגערע צייט. ס'איז אים אָבער ניט באַשערט געווען. דער טויט האָט אים אַוועקגעריסן.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן מיט־געפיל און צער צו זיין פרוי, זיינע צוויי טעכטער און זון. זאָלן זיי געטרייסט ווערן צוזאַמען מיט אַלע אבלים פון ציון און ירושלים.

ש. צ.

## די חברים מאָריס און מאַניע פאַרבער

באַגריסן דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב לכבוד זיין **40** יאָריקן יובל און צו דער ווידערדערשיינונג פונם באַנייטן „חשבון".

אויף אונדזערע רייזעס אין פאַרשידענע לענדער, איז אונדזער גרויס פאַרגעניגן צו הערן ווי מענטשן פרעגן אונדז וועגן יידישן קולטור־קלוב פון לאָס אַנדזשעלעס. זיינען מיר טאַקע שטאָלץ, חברים, צו זיין לאַנג־יאָריקע מיטגלידער און צוטראָגן אונדזערביישטייערונג מיט דער ברכה: כל - טוב!

---

**AETNA LUMBER CO., INC.**

14301 AETNA STREET • VAN NUYS, CALIF.

781-2641 873-4920

---

RES. TR 8-0846 • UP 0-6330 • VE 8-3107

**OVERLAND PLUMBING INC.**

LICENSED CONTRACTORS

Remodeling • New Construction • Repairs

**TULI DEUTSCH**

**3535 Overland Avenue**
Los Angeles 34, Calif.

---



*More Jewish Families Select*

**GROMAN MORTUARIES**

HARRY GROMAN, *President*

**TWO LOCATIONS**

**830 W. WASHINGTON BLVD., LOS ANGELES**
RI 8-2201 • RI 8-2202

**11500 SEPULVEDA BLVD., SAN FERNANDO VALLEY**
TR 7-0335 • EM 5-7151

*One phone call for all your needs • Services in all cemeteries*

# 40 יאָריקער יוביליי

פון

# לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-צענטער פאַרן יידישן מענטשן אין אַ יידישער סביבה“

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

שבט, תשכ״ז — יאַנואַר, 1967

# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)


4213 Monroe Street • Los Angele 29, Calif.

NOrmandy 4-9325

שמואל סיגל

# 40 יאָר יידישער קולטור קלוב אין לאָס אַנגעלעס

פערציק יאָר — אַ קליינינקייט אָפּצוזאָגן... טראַכט איך צו געפינען עפּעס אַן אַנלען אין אונדזער געשיכטלעכן עבר, וואָס זאָל זיך לאָזן פאַרגלייכן צו דעם. ווייל פערציק יאָר איז דאָך ניט קיין קיי־לעכדיקער יובילײ. געפין איך דעם פאַרגלייך צו די פערציק יאָר, וואָס די יידישע שבטים האָבן געוואַנדערט אין מדבר נאָך יציאַת מצרים: „אַרבעים שנה אָקוט בדור ואומר עם תועי לבב הם והם לא ידעו דרכי...״ — דער אַזוי גוט באַקאַנטער דור המדבר.

ווען משה האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים, ווערט דערציילט אין חומש, האָט ער זיי ניט געפירט דורך ארץ פּליש־תים. דערביי קען מען זיך מפלפל זיין, אַז ער האָט זיי ניט געוואָלט פירן איבער די גויאישע גאַסן, וואו דער אַרום קען זיי איינשלינגען, וואו די שלעכטע צוג־ווינטן בלאָזן אָן רחמנות און זיי קענען נאָך אומברענגען דאָס גאַנצע ביסל יידישע לייב און לעבן. כאָטש דער וועג איבער פּלשתים איז געווען אַ גרינגער און אַ נאָענטער. געפירט האָט ער זיי, משה, אַרום און אַרום דורך יידישלעכע אומוועגן, מחמת ווען מען קוקט זיך צו צו דער מאַפּע איז פשוט צו שטוינען ווי אַ לערער און פירער ביי יידן האָט ניט געקענט די געאָגראַפיע און איז געגאַנגען דורך אַזעל־כע אומוועגן בכדי צו ברענגען די יידן צום באַרג סיני און דער עיקר צום לאַנד פון די אָבות.

גרינגע יידישקייט פאַרלאַנגט ניט קיין קרבנות. צו זיין אַ ייד אָן יידישע מעשים טובים קען מען דורך קפיצת הדרך. די וואָס גייען מיט גרינגעוועגן, זיי קומט עס טאַקע אָן גרינג, אָבער צי גייען זיי אַרויס פון מדבר?

משה האָט אָבער געוואָלט ברענגען די יידן צום יידישן שורש, צום לאַנד פון די אָבות.

האָבן אים ניט געאַרט די אַלע מכשולים, די שטרויכל־שטיינער וואָס מען טרעפט אויף לאַנגע וואָגל און וואַנדער־וועגן. וואָרים וועגן וואָס פירן צו גאָט, צו אַ גלויבן, צו אַן אידעאַל, זיינען פאַרלייגט מיט תרי״ג מאָל תרי״ג מצוות, און מצוות מיינט אַחריות, מיינט פאָלקס אחריות, מיינט מצוות מעשיות — מיינט במעשים אויסשטיינערן דעם באָדן, אויסזאַמדיקן דעם מדבר צו אַ לויטערן ענד־ציל.

אָט אַזוי האָט משה דערפירט די יידן צום באַרג סיני, זיי געגעבן די תורה, מיטן עמוד האש — מיטן ליכט־שטראַל געפירט אין געגאַרטן לאַנד אַריין.

איצט פונעם משל צום נמשל:

מיט פערציק יאָר צוריק זיינען געקו־מען יידן אין אונדזער מדבר אַריין, אין דעם קאַליפאָרניער מדבר, וואָס איז סיי פיזיש, סיי ברוח געווען פאַרוואָרלאָזט. דער גאַנצער אַרום איז געווען אַ מדבר שממה: קיין גרעזל ניט אָנצוזען מיטן אויג. אַזוי אויך דאָס יידישע רוחניות־דיקע לעבן — קיין סימן ניט פון פלאַנצן, פון בליען, קיין שפּראָצן פון אַ יידישן איצטער און קיין רמז אויף אַ יידישן מאָרגן־איבערמאָרגן.

אַ סך פון יענע יידן זיינען געגאַנגען איבער דורך ארץ פּלשתים — איבער קורצע וועגן, און ביי זיי האָט אָנגעהויבן וואַקסן... אָנגעהויבן וואַקסן — הייזער און „יוניטס״ און גראָזן אַרום די הייזער... איז מילא, אַז ווייל איז צו זיי.

אָבער גייסטיק זיינען זיי פון מדבר ניט אַרויס.

און די אַנדערע, א ו נ ד ז ע ר ע יידן האָבן געבויט יידישע פעסטונגען. זיי האָבן פון יענעם מדבר דעם באַרג סיני מיט־גענומען, און געגאַנגען איז מען מיט די אַז ישיר געזאַנגען ביז אַהער.

זאָגט די גמרא: הרואה מקום שנעשו בו נסים לישראל, דאַרף ער מאַכן אַ ברכה:

ברוך, געלויבט איז ער וואָס האָט נסים באַוויזן צו אונדזערע עלטערן און צו אונדז אויף דעם דאָזיקן אָרט.

ווער האָט זיך ווען געגלויבט, אַז ביי אונדזערע יידן וועלן סטייען כוחות צו טראָגן מיט שווערקייט די סוכה אונדזערע, מיט אַלע סוכות סימבאָלן, איבער די האַרט פאַרשטיינערטע, האַרט צעמענ־טירטע וועגן און בייוועגן פון אַמעריקע און ברענגען דאָס מיט זיך אין אַ לאַנד, אשר לא זרועה, וואָס יידישע יידישקייט האָט דאָרטן קיינער ניט פאַרפלאַנצט און דערפירן דערצו אַז עס זאָל זיין אַ גשם ברכה, ס'זאָל וואַקסן און בליען? דאַרף מען ניט מאַכן אַ ברכה: שעשה לאבותינו ולנו.

געבענטשטע רעגנס... אַ קולטור־קלוב — כשמו כן הוא, אַ קולטור שעפעריש ווינקל, וואו עס האָבן זיך צעוואַקסן און צעבליט אַ רויזנבלאַט, אַ ל. מילער, און כהנה וכהנה ליכטיקע זיילן אויף אונדזע־רע שעפערישע וועגן.

און ווי זאָגט דער דיכטער:

„און איר האָט גענומען דעם חלום
און חלום פאַר אמת געמאַכט."

פון מדבר אַ ישוב געמאַכז האָט איר. וואויל איז צו די מענטשן וואָס האָבן פאַרטראַכט אָט דעם מקדש מעט און אַריינגעלייגט האָבן זיי אַ סך אמונה און אידעאַליזם, אַ סך גלויבן און חכמה. יאָ מיט חכמה ממש. זיי זיינען געווען גע־לייטזעליקט, די ראשונים פון דעם קול־טור קלוב. מחמת מען האָט געשאַפן אַ גייסטיקן צענטער פאַר אַלעמען, איבער־פאַרטייאיש. ניט ווי סע פירט זיך—„פאַר אונדזערע יידן," „פאַר אייערע יידן," ניי־ערט פאַר אַלע יידן, פאַר כל ישראל.

מיינע פריינד, אין אַ צייט ווען מען גיט אויס מער געלט אויף צו פאַרריכטן טע־לעוויזיע אַפּאַראַטן, אויף צו פאַרריכטן ניט אויף צו קויפן נייע, מער ווי מען גיט אויס אויף צו קויפן ביכער...

אין אַ לאַנד וואו עס איז גרינגער צו טרעפן אַ שבת־גוי אין אַ יידישער געגנט ווי צו טרעפן אַ שבת־ייד — אַ ייד, וואָס זאָל זיך וועלן מקריב זיין פאַר יידישקייט, ניט בלויז זיין אַ ייד ביי גרויסע יידישע פייערלעכקייטן, נייערט אַ ייד פון אַ יידישן אינדערוואָכן, מקיים זיין שבת ויגפש, פיזיש און גייסטיק זיך דערהויבן — אין אַזאַ צייט איז פערציק יאָר יידישער קול־טור קלוב אַ גרויסע דערגרייכונג, וואָס איז ווערט מען זאָל דאָס אַריינשטעלן אין אַ גאָלדן רעמל אין דעם ספר יידישקייט.

וואויל צו די אַלע וואָס זיינען געגאַנ־גען דעם לויטערן וועג און דערפירט צו שהחיינו וקימנו. דער עיקר איז דאָך, ווי פרק האָט געזאָגט: ניט בלייבן שטיין, ניט אָפּשטעלן זיך! ווייל נאָך פערציק קומט פופציק און אַזוי ווייטער און מער.

אילן, אילן, במה אברכך? ווינטש איך אַז די קומענדיקע דורות זאָלן גיין אין דעם ליכט וואָס איר האָט פאַרשפּרייט — עד מאה ועשרים און נאָך מער.

**ווערט אַ מיטגליד פון ל. א. יידישן קולטור קלוב**

# באַאַמטע און אַדמיניסטראַציע פון ל.א. יידישן קולטור קלוב
## פאַר דעם יאָר 1966 - 1955

פרעזידיום:

**תנחום ברייס**

**יצחק סאַפּיאַן**

**שלמה צוקערמאַן**

**אַברהם שוואַרץ**

פינאַנץ־סעקרעטאַר:

**סעם לעווין**

קאַסירער:

**פייוול לערנער**

פראָטאָקאָל סעקרעטאַר:

**מאָריס זילבערט**

עקזעקוטיוו סעקרעטאַר:

**יצחק סאַפּיאַן**

בריוו־פאַרוואַלטער:

**מאיר לעדערמאַן**

הויז־פאַרוואַלטערס:

**מאַניע פאַרבער**

**מאָריס ווינאַרסקי**

ביבליאָטעקאַר:

**נתן אזאָלין**

רעדאַקטאָר פון „חשבון":

**אריה פּאָזי**

## רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־צונאַכטן
## 40־טער יאָר — 1965־1966

א) שבת אָוונט, אָקטאָבער 9, 1965 — נאָמינאַציע און דערוויילונג פון באַאַמטע פאַרן קומענדן יאָר 1965־1966; סאָפיע בערגער אין פאָלקישער און ליטורגישער נגינה; שענאָן געלסאָן אין פיאַנאָ באַגלייטונג. חבר תנחום ברייס האָט אײנגעשוואוירן (אינסטאָלירט) די נייע באַאַמטע; אליהו טענענהאָלץ האָט אָנגעפירט מיט דעם אָוונט.

ב) שבת אָוונט, אָקטאָבער 16 — סוכות פייערונג. אַלבערטאָ אָרטיז, שוי־שפּילער־זינגער — אין געזאַנג; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַגלייטונג; א. פּאָגעל, וועגן דעם יום־טוב, טעמע: „סוכות און היינט"; נון וואָוו, פאָרלעזונג: „שוין איינמאָל אַ סוכה" פון שלום עליכם; א. טענענהאָלץ, פאָרזיצער.

ג) שבת אָוונט, אָקטאָבער 23 — דערעפענונג קאָנצערט צום 40טן זמן. יצחק סאַפּיאַן האָט געעפנט דעם אָוונט. שמואל סיגל, פּעדאַגאָג, באַגריסט דעם קלוב צום נייעם זמן; אַלבערט סטוירן, פידל־קינסטלער, אין אַ צאָל נומערן; לאורי סטוירן, פּיאַנאָ באַגלייטונג; פייגעלע פּאַניץ, מיט זינגען און אויסטייטשן אונדזער יידיש פאָלקס־ליד; ליליען קלעס, פּיאַנאָ באַגלייטונג; אליהו טענענהאָלץ האָט פאָרגעלייענט פון אהרן צייטלין און ה. רויזענבלאַט. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זייער שיינע ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע פייערונג. חבר א. טענענהאָלץ האָט אָנגעפירט מיט דעם יום־טוב.

ד) שבת אָוונט, אָקטאָבער 30 — ש. פרוג געדענק־אָוונט. חיים אָסטראָווסקי, אין רעציטאַציעס און באַלייכטונג פון דיכטער; בוירניס אַשדאָן, אין זינגען פרוג'ס לידער; אליהו טענענהאָלץ, פאָרזיצער.

ה) שבת אָוונט, דעם 6טן נאָוועמבער, 1965 — וואָרט און מוזיק אָוונט. זלמן זילבערצווייג, אין אַ רעפעראַט וועגן

דער לאַגע אין ישראל און וועגן די לעצט פאַרגעקומענע וואַלן אין ישראל; לעאָן מאַלאַמוט, מיט שפּילן אַ ציקל יידישע ניגונים אויף דער קאָנצערטינע. א. טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

ו) שבת אָונט, נאָוו. 13 — אַן אָונט פון יידישער נגינה. העראַלד גרין זינגט סאָלאָ און אויך מיט זיין כאָר אַ ציקל יידישע לידער; ליליען קלעס, פּיאַנאָ באַגלייטונג; תנחום ברייס, פּאָרזיצער.

ז) שבת אָונט, נאָוו. 20 — רעפעראַט פון מרדכי שטריגלער, פּובליציסט און בעלעטריסט. טעמע: „אָרעם און רייך אין דער חסידישער ליטעראַטור און פאָלקלאָר." אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

ח) שבת אָונט, נאָוו. 27 — אַ ליטעראַרישער אָונט. הערי לאַנג, באַוואוסטער שרייבער, אין אַ רעפעראַט וועגן דעם זייער פּאָפּולערן בוך, „דער קוואַל", פון א. מיטשנער; ב. יערון, ישראל זינגערין, אין יידישע און העברעאישע לידער; שענאַן געלסאָן, פּיאַנאָ באַגלייטונג; א. טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

ט) שבת אָונט, דעם 4טן דעצעמבער, 1965 — אַ י. ל. פּרץ אָונט. אליהו טענענהאָלץ, פּאַרלייענונג: „דאָס שטריימל" פון י. ל. פּרץ; ישראל גובקין, וועגן פּרצ'עס דראַמאַטישע און פּאָעטישע ווערק; שמואל קעלעמער, געזאַנג, אַ קראַנץ פון פּרצ'ס לידער; ליליען קלעס, פּיאַנאָ באַגלייטונג; שלמה צוקערמאַן, פּאָרזיצער.

י) שבת אָונט, דעצעמבער 11 — מוזיקאַלישער קאָנצערט. דזשעק דאַטשקאָ, פידל; דזשאָזעף אולסטיין, טשעלאָ; שענאַן געלסאָן, פּיאַנאָ; אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

יא) שבת אָונט, דעצעמבער 18 — אַ חנוכה פייערונג. אליהו טענענהאָלץ, פּאָרלעזונג: „חנוכה־געלט" פון שלום עליכם; ד"ר דוד ברידזשער, אַ רעפעראַט: „אונדזערע העלדן און מאַרטירער; חזן סאול סילווערמאַן, געזאַנג — ליד און ליטורגיש; ליליען קלעס, פּיאַנאָ באַגלייטונג; אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

יב) שבת אָונט, דעצעמבער 25 — אַ מיטגלידער־אָונט, צו וועלכן עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן די גאַנצע מיטגלידער משפחה צו פאַרהאַנדלען וועגן קלוב ענינים. דער מוזיקאַלישער טייל פון אָונט איז דורכגעפירט געוואָרן פון העראַלד גרין, מיט זינגען, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון ליליען קלעס.

יג) פרייטיק אָונט, דעצעמבער 21 — אַ ניי־יאָר פייערונג — אַרום געדעקטע טישן. עס איז סערווירט געוואָרן אַ געשמאַקער מאָלצייט מיט אַ גלעזעלע וויין. עס זיינען געשפּילט געוואָרן פאַרשידענע טאַנץ־ניגונים און דער עולם האָט זיך משמח געווען.

1966

יד) שבת אָונט, דעם 8טן יאַנואַר, 1966: אַ שלום עליכם אָונט, צו זיין 50טן יאָרצייט. דאָראַ מייזל — אַן אָפּשאַצונג פון פרויען־טיפּן ביי שלום עליכם; אליהו טענענהאָלץ, פון שלום עליכמ'ס שאַפונגען; יצחק סאַפּיאַן האָט אָנגעפירט מיט דעם אָונט.

טו) שבת אָונט, יאַנואַר 15 — אַ טעאַטער אָונט: פּרץ הירשביינס איין־אַקטער: „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען; שלום עליכמ'ס ערשטער אַקט פון דער קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס"; בנימין צמח — רעזשי. דורכגעפירט פון אַנסאַמבל פון דער יידישער פאָלקסבינע; אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

טז) שבת אָונט, יאַנואַר 22 — אַ לעקציע פון דעם פּעדאַגאָג שמואל ראָזשאַנסקי: „אַ גרוס פון די יידן אין אַרגענטינע."

יז) שבת אָוו., יאַנואַר 29 — אַ קבלת פנים לכבוד דעם שרייבער און פּעדאַגאָג אברהם גאָלאָמב. ער האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „יידישע ליטעראַטור אין ישראל"; אַנדרעי בעלאָו, אַ 12 יאָריקער פידל־קינסטלער; שע־

נאָן געלסאָן, פּיאַנאָ באַגלייטונג; אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

יח) שבת אָוונט, דעם 5טן פעברואַר—אַ קאָנצערט פון „וואָרט, קלאַנג און געזאַנג.“ שמואל קעלעמער האָט דורכגעפירט די גאַנצע פּראָגראַם; ליליען לעס, פּיאַנאָ באַגלייטונג; אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

יט) שבת אָוונט, פעברואַר 12—אַ קבלת פּנים פאַר שרה האַמער דזשאַקלין. זי האָט גערעדט וועגן אירע זכרונות פון ארץ ישראל; ה. לאַנג—באַגריסונג; זלמן זילבערצווייג—אַן אָפּשאַצונג פון איר בוך וועגן ישראל; פּינטשע בערמאַן—באַגריסונג; אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

כ) שבת אָוונט, פעברואַר 19 — קבלת פּנים פאַר דער דיכטערין מלכה לי. מלכה לי רעדט אויף דער טעמע: „די מאַמע געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור“; פּינטשע בערמאַן — באַגריסונג; עסטעל מאַרלאָו זינגט יידישע און העברעאישע לידער; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַגלייטונג; יצחק סאַפּיאַן, פּאָרזיצער.

כא) שבת אָוונט, פעברואַר 26—ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע פּראָגראַם. פּראָפ' משה ליבמאַן—לעקציע אויף דער טעמע: „הומאָר ביי שלום עליכמען“. היימאַן גאָלד, טשעליסט, אין אַ רייכע מוזיקאַלישע פּראָגראַם. שענאָן געלסין, פּיאַנאָ באַגלייטונג. תנחום ברייס, פּאָרזיצער.

כב) שבת אָוונט, דעם 5טן מערץ—פּורים פייערונג. העראָלד גרין און זיין כאָר פירט דורך די גאַנצע פּראָגראַם, סאָלאָ און געזאַנג בציבור. שלמה צוקערמאַן, פּאָרזיצער.

כג) שבת אָוונט, מערץ 12 — ביאַליק אָוונט. חיים אָסטראָווסקי, פּאָרטראַג וועגן ביאַליקן; בוירניס אַשדאַן, אַ ציקל פון ביאַליקס לידער; יצחק סאַפּיאַן, פּאָרזיצער.

כד) שבת אָוונט, דעם 19טן מערץ — אָנדענק אָוונט נאָך שמואל ניגער. סערגעי נוטקעוויטש אין אַ פּאָרטראַג וועגן ש. ניגערס לעבן און שאַפן; אַנדרעי בעלסאָן, דער וואונדער־קינד אין אַ ציקל קאָמפּאָזיציעס אויף דעם פידל; אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

כה) שבת אָוונט, מערץ 26—קאָנצערט פון שענאָן געלסאָן טריאָ; הערמאַן גאָלד, טשעליסט; דזשאָזעף האַרדינגן פידל; שענאָן געלסאָן, פּיאַנאָ. אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

כו) שבת אָוונט, דעם 2טן אַפּריל—י. ל. פּרץ אָוונט. ד״ר בערנאַרד קאָהן—אַ לעקציע אויף דער טעמע: „די פאַרשידנאַרטיקייט פון פּרצ'ס שאַפן“; אברהם זיגלבוים, פאָרלייענונג פון פּרצ'ס ווערק. אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

כז) שבת אָוונט, אפּריל 9—אַ פּסח פייערונג. יצחק קאָלער—פּאָרטראַג וועגן יום־טוב פּסח; חזן שמואל קעלעמער אין דעם מוזיקאַלישן טייל, מיט אַ פּאַסיקער נגינה. אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

כח) שבת אָוונט, אַפּריל 16—אַ פייערונג לכבוד דעם 85טן געבוירנטאָג פון חבר נתן אַזאָלין, און דעם אָנפאַנג פון דער יערלעכער אַקציע לטובת דעם קלוב. חבר שמואל ברייניַן באַגריסט דעם יובילאַר אין נאָמען פון קלוב און פּרעזענטירט אים מיט אַ מתנה אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט אנערקענונג און אַ דאַנק פון קלוב. יצחק ניומאַן—באַגריסונג אין נאָמען פון הירשביין צווייג פאַרבאַנד, וואו חבר אַזאָלין איז אַ מיטגליד; חברה מיני שוואַרץ, פּאָרזיצערין פון היי־יעריקן קאַמפּיין לטובת דעם קלוב, לאָזט וויסן אַז דעם אָוונט עפנט זיך אָפיציעל דער קאַמפּיין און בעט די מיטגלידער פאַר ביישטערונג. דער עולם האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן און בייגעשטייערט אַ גרויסע סומע פאַרן קאַמפּיין. העראָלד גרין באַטייליקט זיך מוזיקאַליש אין אָוונט. תנחום ברייס, פּאָרזיצער.

כט) שבת אָוונט, אַפּריל 23 — אַ „יום העצמאות“ פייערונג. דוד לוצקי רעדט

וועגן מדינת ישראל, אירע דערגרייכונגען און באַדערפעניש; ד"ר יעקב שעכטער שפּילט ישראל ניגונים אויף אַן אַקאָרדיאָן; הבונים גרופּע אין אַ פּראָגראַם פון ישראל געזאַנג און טענץ; שלמה צוקערמאַן, פּאָרזיצער.

ל) שבת אָוונט, אַפּריל 30—לעקציע פון ד"ר חיים ראַטבלאַט, טעמע: „אַ שפּאַציר איבער דער יידישער געשיכטע; נתן קאַצמאַן, אין אַ ציקל פון יידישע און העברעאישע לידער; אורווינג ריסקין, פּיאַנאָ אַקאָמפּאַנימענט; סעם לעווין, פּאָרזיצער.

לא) שבת אָוונט, דעם 7טן מאַי—יערלעכער ייוו"א אָוונט. זלמן זילבערצווייג אין רעפעראַט: „פּערציק יאָר ייוואָ"; יעקב ניומאַן—פּאָרלעזונג פון יידישע קלאַסיקער. שמואל בריינין; פּאָרזיצער.

לב) שבת אָוונט, מאַי 14—פייערונג פון באַנייטן „חשבון". אַנדרעי בעלאָוו, 12 יאָריקער וואונדער־קינד, פידל; אליהו טענענהאָלץ, רעדאַקטאָר פון „חשבון"; הערי לאַנג און מלכה טוזמאַן, מיטרעדאַקטאָרן; ז. בוניק, סעקרעטאַר. הערי לאַנג, פּאָרזיצער.

לג) שבת אָוונט, מאַי 21—שבועות פייערונג. באַטייליקטע: ד"ר דוד ברידזשער רעדט וועגן „מתן תורה"; פּעי קיילין־זימערמאַן, אין אַ ציקל פון פאָלקס און יום־טובדיקע לידער; סעם זוקערט, אַקאָמפּאַנירט אויף מאַנדאָלין; א. שוואַרץ, פּאָרזיצער.

לד) שבת, מאַי 28—ה. רויזענבלאַט געדענק אָוונט. פּינטשע בערמאַן אין אָפּשאַצונג: „רויזענבלאַט, מענטש, דיכטער און פריינט; אברהם זיגלבוים רעציטירט אַ ציקל פון דיכטערס שאַפונגען; פייגעלע פּאַניץ, זינגט אויסשליסלעך רויזענבלאַטס לידער; העראָלד גרין באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ און זינגט אייניקע לידער צוזאַמען מיט פייגעלען. יצחק סאַפּיאַן, פּאָרזיצער.

לה) שבת אָוונט, דעם 4טן יוני—אַן אָוונט פון הומאָר און געזאַנג. חיים אָסטראָווסקי, פּאָרטראַג: „וואָס אַזוינס איז יידישער הומאָר?" ברענגט מוסטערן פון קלאַסישן און פאָלקסטימלעכן הומאָר. יידישע ניגונים, אינטערפּרעטירט פונם ישראל מוזיקער ד"ר מרדכי שעכטער. תנחום ברייס, פּאָרזיצער.

לו) שבת אָוונט, יוני 11—סיום הזמן, שלוס פון 40סטן יאָר קולטור־טעטיקייטן. פּראָפ' משה ליבמאַן, באַגריסונג; מר. האַרדינג, פידל קינסטלער, אין אַ ציקל קאָמפּאָזיציעס; שענאַן געלסאָן, פּיאַנאָ באַגלייטונג; אברהם זיגלבוים רעציטירט אייניקע שאַפונגען פון יצחק מאַנגער, יעקב גלאַטשטיין און יעקב פרידמאַן; העראָלד גרין זינגט אַ ציקל יידישע און העברעאישע לידער, אליהו טענענהאָלץ, פּאָרזיצער.

* * *

דאָס זיינען די אַלע שבת אָוונטן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין משך פון לעצטן זמן. דער דורכשניטלעכער באַזוך איז געווען אַרום 150 באַזוכער; אייניקע שבתים אַזוי גרויס ווי 300 באַזוכערס. אַלע אָוונטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַרום געדעקטע טישן, סערווירט געוואָרן מיט שיינעם כיבוד און אין אַ חברשער און עכט־יידישער אַטמאָספערע.

סעם לעווין,
פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר

* * *

## רשימה פון קולטור מאָנטיק אָוונטן

מאָנטיק אָוונט, דעם 29טן נאָוועמבער, 1965—הילקע מייזנער, אין אַ לענגערער אָפּשאַצונג פון גריכישן שריפטשטעלער, ניקאָס קאַזאַנטשיק. שלמה צוקערמאַן, פּאָרזיצער.

מאָנטיק אָוונט, דעם 25טן אַפּריל, 1966, אַ לעקציע מיט ס. סאַגאַלאָוו, טעמע: „ש. אַנ־סקי, זיין לעבן און שאַפן."

מאָנטיק אָוונט, דעם 28טן פעברואַר, 1966—אַ לעקציע פון ס. סאַגאַלאָוו. טעמע: „יוסף אָפּאַטאָשו און זיין שאַפן."

**מאָרים זילבערט**

# דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג — אַ וויכטיקער יידישער קולטור־צענטער אין לאָס אַנדזשעלעס

דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג אין ל. א. איז געגרינדעט געוואָרן און ווערט פאַרוואַלטעט און אָנגעפירט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג: פועלי־ציון, יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, און פיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע.

נאָך פיל יאָרן פון זיין נע־ונד אין אַ סך געגנטן פון שטאָט, איז מיט פופצן יאָר צוריק פאַרווירקלעכט געוואָרן זייער חלום אויפצובויען אַן אייגענעם בנין. דער רעזולטאַט איז געווען דער איצטיקער בנין אויף 8339 וועסט דריטע גאַס.

אין משך פון די 15 יאָר זיינען די דריי צווייגן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג געוואַקסן. לעצטנס האָט מען איבערגעבויט דעם בנין, פאַרגרעסערט, מאָדערניזירט געמאַכט מער באַקוועמלעכקייטן, מיט אַ גרויסן אוידיטאָריום און מער צימערן, וואָס באַפרידיקן די אַלע טעטיקייטן פון דער באַוועגונג אין דער אייגענער היים.

דער אינסטיטוט איז אַ צענטער פאַר אַלע יידישע קולטור באַוועגונגען, ניט נאָר פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, נאָר אויך פאַר לייען־קרייזן, לאַנדסמאַנשאַפטן, פאַריינען און אַנדערע. דאָס איז אַ היים פאַר תורה און יידיש וויסן און מאָדערנע וועלטלעכע אידישקייט.

דער אינסטיטוט האָט באַקומען אַ שם טוב דורך זיינע פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייטן. אָבער די עיקרדיקע אויפגאַבע, וואָס דער אינסטיטוט האָט אויף זיך גענומען, איז קינדער־דערציאונג. פאַר דעם געפינט זיך דאָרט אַ פאָלק־שול, אונטער דער השגחה פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.

די שול איז איינגעטיילט אין ווייטערדיקע טיילן: אַ נוירסערי, אַ קינדערגאָרטן, אַ מכינה, און פינף קלאַסן איינגעטיילט לויט די יאָרן פון די תלמידים און זייער יידיש וויסן.

דער אינסטיטוט פירט דורך שוין דעם 9טן יאָר די באַרימטע „שבת־טיש מסיבות", וואָס איז אַ פּאָפּולערע קולטור אינסטיטוציע אין דער יידישער געמיינדע דאָ און האָט זיך דערוואָרבן אַ שם טוב איבערן לאַנד. דאָס איז אַ פאָלקס־אינסטיטוציע פאַר יידישער קולטור, יידישע מענטשן וואָס פאַרברענגען אין אַן עונג שבתדיקער סביבה.

די פּראָגראַמען פון די „שבת־טיש" מסיבות זיינען פון אַ גייסטרייכן, ליטעראַרישן און מוזיקאַלישן פאַרנעם. אין דעם באַטייליקן זיך חשובע געלערנטע, ליטעראַטן, קינסטלער, אאז"וו.

די באַקאַנטע קולטור און פועלי־ציון עסקנים, משה און גוטשע שולוויס, זיינען די איניציאַטאָרן פון אינסטיטוטס „שבת־טיש" און זיינע אָנפירערס.

נאָך אַ קולטור מסיבה וואָס דער אינסטיטוט האָט איינגעפירט איז די תנ"ך שטודיר גרופּע.

די זיצונגען פון דער תנ"ך שטודיר גרופּע קומען פאָר צוויי מאָל אין חודש. עס איז ווערט אויסצודריקן אַ יישר־כוח צום קולטור־עסקן, פּרעזידענט פון פאַרבאַנד־קאַונסיל, בערנאַרד גינגאָלד, פאַר זיין דער איניציאַטאָר פון דער אינסטיטוט תנ"ך שטודיר־גרופּע.

אַחוץ די 3 דירעקטע אינסטיטוט קול־

לייזער מעלצער / אָוקלאַנד

# ווי עס לעבן יידן אין צפון קאַליפאָרניע

אין דער „קאַליפאָרניער אידישע שטימע" האָב איך מיט עטלעכע יאָר צוריק געזען אַן איינגעגעבענעם קאַרטון:

אַ פּראַכטפול אויסגעבויטע ריזיקע שול, אויפן טיר אַ ריזיקער שילד,

"On Accoun of the Jewish Holiday the Temple will be Closed"

אַז צוליב דעם הייליקן יום־טוב וועט די שול זיין פאַרמאַכט.

איך האָב זיך דערמאָנט אויף דעם קאַרטון ווען איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון אַן אָרטאָדאָקסישע שול דאָ, אַז צוליב זומער וועט מען פרייטיק נאַכט אין שול ניט דאַווענען. פאַרגעסט ניט, אַז אין מיטן וואָך זיינען אַלע שולן כמעט געשלאָסן — איך זאָג כמעט געשלאָסן, ווייל זעלטן איז דאָ אַ מנין אינדערפרי אָדער פאַרנאַכט אין שול. דער גאַנצער טאַראַראַם איז פרייטיק ביינאַכט, נאָך וועטשערע. די פּראָגראַמען אויף טעלעוויזיע זיינען ניט אַזוי איי־איי־אַיי, קומט מען אין שול; דער חזן זינגט, דער ראַבאַי רעדט, מען סערווירט רעפרעשמענטס און זאָלן יידן וויסן פון שבת יידישקייט. היינט אַז פרייטיק ביינאַכט איז די שול אויך געשלאָסן, איז אַז אַך און ווי צו אַזאַ יידישקייט.

זאָלט איר ניט מיינען אַז אין דער צייט זיינען דאָ עפּעס אַנדערע קולטורעלע אָדער סתם געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. גאָרניט. עס איז יאָ געווען עפּעס אַ מיטינג מיט עטלעכע וואָכן צוריק פון אַ גרופּע „דזשודאַאיסטן" דאָ איז שטעטל, וואו מען האָט געפייערט אויף ציוניזם, אויף דער יידישער שפּראַך, וואָס איז די שפּראַך פון סאָציאַליסטן, פּועלי־ציוניסטן און אַנדערע איסטן, וועלכע זיינען שונאים פון אַמעריקע.

די אַטאַקע פון די דזשודאַאיסטן אויף יידיש איז פאַרבינדונג מיט די פּועלי־ציון איז וואַרשיינלעך געצילט געווען קעגן דעם ניט לאַנג געגרינדעטן דר. נחמן סירקין פּועלי ציון פאַריין, וואָס איז אַ יידיש ריידנדיקער און פירט אַן אַ גאַנץ פיינע קולטור טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך.

* * *

די מגפה פון פריינדלען זיך מיט די גלחים וואָס רבנים האָבן לעצטנס איינגעפירט, קערט זיך דאָ וועלטן מיט רבנים וואָס ריידן אין קלויסטערס און גלחים וואָס זיינען געסט־רעדנער אין שולן, ביי בר־מצוות, ביי בת־מצוות און דאָס גלייכן, איז שוין לעצטנס אַריין אין דער שוסטער גאַס. מען זעט שוין אין טשוירטש נאָטיצן אין די ענגלישע צייטונגען אַז אויך חזנים וועלן זינגען אין דעם אָדער יענעם קלויסטער „ספּיריטשועלס", איז פריילעך דאָ אין די שטעטלעך אין צפון קאַליפאָרניע. גאָר בקרוב וועט מען אויך, אויב עס וועט אַזוי אָנגיין, איינלאַדן גלחים צו זיין סנדקים ביי יידישע בריתן...

---

טור אינסטיטוציעס פירט דורך דער אינסטיטוט פון צייט צו צייט לעקציעס פון פּראָמינענטע לעקטאָרן.

די פיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע פירט דורך חודשלעכע קולטור פאַרזאַמלונגען: איינע אין יידישן לשון, וואו דער געלערנטער און פּעדאַגאָג, ישראל גובקין, לערנט יידישע געשיכטע; און די צווייטע העלפט פון טאָג איז געווידמעט דער יידישער ליטעראַטור.

די קולטור מסיבה ווערט זייער דערפאָלגרייך אָנגעפירט פון דער באַקאַנטער קולטור עסקנית, רחל דייטש. די פיאָנערן פרויען האָבן אויך חודשלעכע קולטור־פאַרזאַמלונגען אין ענגליש, וואו מען לערנט און דיסקוטירט יידישע פּראָבלעמען, אויך אין אינסטיטוט בנין.

ועל כולם קומט אַ יישר־כוח דעם אַקטיוון, ענערגישן פּרעזידענט פון אינסטיטוט, מאָריס דייטש, וועלכער איז איבערגעגעבן בלב ונפש אַנצוהאַלטן און דערמעגלעבן דעם אינסטיטוטס עקזיסטענץ.

אַ ליכטיקער שטראַל איז איצטער די אַנאָנסן אַז עס עפּענען זיך די יידישע קינדער־שולן, סיי אין סאַן פראַנציסקאָ, אין אָוקלאַנד און סיי אי די אַלע שטעטלעך אַרום. וויסן דאַרף מען אַז די שולן פאַר קינדער, סיי אין די אָרטאָדאָקסישע און סיי אין די קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם טעמפּלען דאָ אין גאַנצן געגנט שטייען אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ.

דער באַווייז אַז אין דער קינדער־שול פון רעפאָרמירטן „סיני" טעמפּל האָט מען פאַר וואָכן לאַנג דיסקוטירט און דערקלערט די קינדער וועגן דער ייוו"א, קלאָר געמאַכט פאַר זיי די גרויסע קולטור און וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וואָס די ייוו"א טוט, אַז די קינדער האָבן צווישן זיך געמאַכט אַ זאַמלונג פון זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלט און געשיקט צו דער ייוו"א אין ניו־יאָרק אַ מתנה.

אין טעמפּל בית אברהם, דער קאָנסערוואַטיווער טעמפּל אין אָוקלאַנד, שטייט די שול גאָר הויך אין אירע לימודים. רבי האַראָלד שולוויס, וועלכער האָט פאַרבראַכט אין ישראל אַ פּאָר חדשים, איז שוין צוריק־געקומען און האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט צוצוגרייטן די פּראָגראַם פון לימודים. קלאַסן ווערן דערעפנט פאַר קינדער ביז 13 יאָר און העכערע קורסן פאַר קינדער ביז 18 יאָר.

אין די קורסן ביז דרייצן יאָר גייען אויך אַריין העברעאיש לייענען און שרייבן, געשיכטע, תנ"ך; אין די העכערע קורסן גייען אַריין וועגן יידישן לעבן אַמאָל און היינט, ליטעראַטור, געשיכטע פון יידן אין פאַרשידענע לענדער אד"ג. אַ פיינער אַריינפיר איז, אַז מען נעמט ניט אַריין קיין קינדער פאַר בר־מצוה קלאַסן, עלטער פון ניין יאָר. זיי מוזן לערנען 4 יאָר שולע צו קענען זיין בר־מצוה. דער לערער־סטעף איז אַ וואונדערבאַרער.

* * *

סאַן פראַנציסקאָ פאַרמאָגט אַ זייער פיינעם קולטור קלוב. אמת, מען קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט לאָס אַנגעלעס אָדער אַנדערע גרויסע שטעט, אָבער עס טוט זייער פיינע אַרבעט. לעקציעס קומען פאָר אַלע חודש און די לעקטאָרס זיינען אַזעלכע ווי, חיים ראַגאָווין, אַ העכסט געבילדעטער ייד, מיט סמיכה אויף רבנות, איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער אין „הדואר" און אַנדערע זשורנאַלן אין אַמעריקע און ישראל.

ש. בעלקין, אַ פיינער לעקטאָר און שרייבער, האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן פופציק יאָר פועלי ציון און איצטער אַ בוך אין ענגליש אין פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע פון יידן אין קענעדע; געוועזן, און איז איצטער, אָפּט אַ מיטאַרבעטער אין „קענעדער אָדלער." זייער אָפט ווערן געלאַדן געסט־רעדנער פון די אַרומיקע שטעט. דער קלוב האָט אַ קליינע אָבער פיינע מיטאַרבעטערשאַפט; אַ זייער פיינער פאַרלעזער ווי ע. הירש, אַ מאַקס פישמאַן, מאַקס גאַרפינקל, אַ ייד וואָס לאָזט זיך קאָסטן פאַר יידישע שרייבער און יידישע ביכער; י. סעלעזניק, יעקב קאָרנער, און אַנדערע.

אין דעם פּענינסולאַ געגנט, ווי מען רופט דעם געגנט אַרום סאַן פראַנציסקאָ, ליידט דאָס יידיש לעבן פון דער קראַנקייט פון יעקב אייבל, איינער פון די פיינסטע קולטור־טוער אין געגנט; אַ ייד וואָס האָט אַמאָל געטאָן אַ סך קולטור־אַרבעט אין מאָנטרעאַל, קענעדע, און לעצטנס פאַר אַ שיינע פאָר יאָר אין רעדוואוד און אַרומיקע שטעטלעך אין קאַליפאָרניע. זיין קראַנקייט האָט אָפּגעשוואַכט די אַרבעט.

* * *

ביי דעם יהודה ל. מאַגנעס מוזעי אין בוירקלי, קאַליפאָרניע, ווערט איצטער דערעפנט אַ גרויסע יודאַאיקאַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון דר. מאָריס גאָלדשטיין, דער גייסטיקער פירער פון קאָנגרעגיישאַן „שארית ישראל" פאַר די לעצטע 35 יאָר. דר. גאָלדשטיין האָט איבערגעגעבן צו דער נייער ביבליאָטעק 1500 ביכער, וואָס האָבן צו טאָן מיט יידישע פראַגן. די ביכער זיינען אין פאַרשידענע שפּראַכן.

די ביבליאָטעק וועט זיין אָפן פאַר סטודענטן וועלכע שטודירן וועגן יידישע פּראָבלעמען און יידישע פראַגן.

צפון קאַליפאָרניע „צייכנט זיך אויס" מיט דער גרעסטער צאָל געמישטע חתו־

# ווער איז ווער צווישן די לייטנדיקע חברים פון ל. א. קולטור קלוב

## אברהם שוואַרץ

אברהם שוואַרץ איז אין אונדזער קולטור קלוב ניט קיין פּנים חדשות — ער איז שוין אין משך פון יאָרן איינער פון אונדזערע לייטנדיקע און אָנגעזעענע חברים און פאַר די לעצטע פיר יאָר איז ער געווען אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר.

דער דערפאָלג פון אונדזער קולטור־קלוב קען אין אַ גרויסער מאָס צוגעשריבן ווערן צו די פירערשאַפטן פון אונדזערע פינאַנץ־סעקרעטאַרן, וואָס זיינען תמיד געווען איבערגעגעבענע און אידעאַליסטישע קולטור־עסקנים מיט אַ צוגאָב פון זיין פּראַקטישע געשעפטסלייט, און אונדזער אברהם שוואַרץ איז מיט רעכט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די פּראַקטישסטע און געטרייסטע פון זיי אַלעמען, און אַ דאַנק אים איז דער קלוב אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ סאָלידן פינאַנציעלן יסוד.

אַברהם שוואַרצעס אידעאַליזם און פּעאיקייטן ווערן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט פון אַלע אונדזערע מיטגלידער און זיי האָבן אים היינטיקס יאָר דערוויילט פאַר איינעם פון די פיר מיטגלידער פון פּרעזידיום. דער פּרעזידיום, פון זיין זייט, האָט אים באַשטימט פאַר דעם אָנפירער פון די זונטאָגדיקע פּאָרומס.

חבר אברהם שוואַרץ האָט זיך פון תמיד אָן אויסגעצייכנט מיט דעם וואָס ער האָט זיין טעטיקייט אָנגעפירט בשלמות — סיי וואָס שייך דעם אָנפיר פון די פינאַנצן פונעם קולטור־קלוב און סיי אין שייכות מיט די אַלע אַנדערע התחייבותן, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען בכדי צו באַפעסטיקן דעם „אינדזל יידיש" ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס.

## אַריה פּאָזי

אריה פּאָזי און זיין פרוי בעלאַ זיינען יאָ פּנים חדשות אין אונדזער קולטור קלוב — זיי זיינען געוואָרן תושבים אין אונדזער שטאָט ערשט מיט אַ חודש צוריק.

באַקענט האָבן מיר זיך מיט זיי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען זיי זיינען דאָ געווען אויף אַ קורצן באַזוך, און סוף פּאַריקן זומער, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז זיי קומען קיין לאָס אַנגעלעס זיך דאָ צו באַזעצן, האָבן מיר אָנגעבאָטן אַריה פּאָזי צו זיין דער רעדאַקטאָר פון דעם באַנייטן זשורנאַל „חשבון", און ער האָט דעם אָנבאָט אָנגענומען.

אריה פּאָזי, אַ געוועזענער יידישער און העברעאישער לערער, האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור, אין לאָנדאָן, ווי דער מיטרעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צייטונג „אידישער עקספּרעס". דאָ אין אַמעריקע האָט ער רעדאַקטירט אַ צאָל זשורנאַלן אויף יידיש און ענגליש.

אַריה פּאָזי איז דער מחבר פון צוועלף בענדער שריפטן: ראָמאַנען, דראַמעס, דערציילונגען און קריטישע עסייען — אויף יידיש און ענגליש. צווישן זיי — אויף יידיש: „האַקנקרייץ" (אַ דראַמע), „יוסף" (אַ דראַמאַטישע פּאָעמע). אויף ענגליש: "Israeli Tales and Legends" (short

---

נות. נאַטירלעך, וואָרפט מען די גאַנצע שולד אויף די דזשודאַאיסטן, וועלכע געוועלטיקן אין צפון קאַליפאָרניע. אויב עס איז אמת אַז דאָס איז זייער שולד, ווייזט אויס אַז זייער איינפלוס גייט באַרג אַראָפּ. פאַר דעם יאָר 1965 און די ערשטע זעקס חדשים פון 1966 איז די צאָל געמישטע חתונות געפאַלן אויף כמעט 10 פּראָצענט. הלוואי וואָלט עס אמת געווען, ווי עס זינגט זיך אין דעם יידישן פאָלקסליד.

## אַ פֿאַרדינטער דאַנק

די פֿאַרוואַלטונג פֿון ל. א. יידישן קולטור קלוב דריקט אויס אַ האַרציקן און פֿאַרדינטן דאַנק די איבערגעגעבענע חברות פֿאַר דורכפֿירן אַן אויסערגעוויינלעכע און דערפֿאָלגרייכע קאַמפּאַניע לטובת דעם בודזשעט פֿון קלוב.

די יערלעכע שטייערן וואָס דער קלוב קריגט פֿון די מיטגלידער דעקט אַרום פֿערציק פּראָצענט פֿון דעם בודזשעט פֿון קלוב. די איבעריקע געלטער קריגן מיר פֿון צוגאָב־ביישטייערונגען פֿון מיטגלידער און פּריוואַט פֿון קלוב.

די קאַמפּאַניע פֿאַר דעם יאָר 1966 איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון די ווייטערדיקע חברות און חבר:

חברה מיני שוואַרץ, פּאָרזיצערין.

חברה ציליע צוקערמאַן, קאַסירערין.

חברה חנה לערנער, מיטגליד פֿון דער קאַמפּאַניע קאָמיסיע.

חברה שרה וויניאַרסקי, מיטגליד פֿון קאַמפּאַניע קאָמיסיע.

חבר פּיליפּ לערנער, סעקרעטאַר.

מיר ווילן אויך אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק די מיטגלידער און פֿריינד פֿון אונדזער קלוב פֿאַר זייער וואַרעמען אָפּרוף מיט ביישטייערונגען און מיט טעטיקייט לטובת אונדזער אינסטיטוציע, וועלכע פֿייערט דעם פֿערציקסטן יאָרטאָג פֿון זיין עקזיסטענץ.

י. סאַפּיאַן, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר.

---

stories); "Holiday Night Dreams" (short stories); "Messiah's Chains" (a novel); "Mystic Trends in Judaism" (essays).

ברוכים הבאים, אריה און בעלאַ פּאָזי, צו אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס און ביי אונדז אין קולטור־קלוב!

י. ס.

## ביישטייערונגען

**$250.00**

יוסף און גאָסי שפּיגלמאַן

**$100.00**

חברה מוסי פרידלאַנד

חברה ראָוז זעלמאַן

חברה גאָלדע דראָזד

חברה ראָוז אייבראַמס

חבר און חברה שלמה צוקערמאַן

חבר און חברה מאָריס וועניאַרסקי

חבר און חברה מאָריס פֿאַרבער

חבר און חברה אַלעקס קאַרסאָן

חבר און חברה יוסף ווײַנמאַן

**$75.00**

חבר און חברה יצחק סאַפּיאַן

**$70.00**

חבר און חברה חיים דאַרנאָוו

**$60.00**

חבר און חברה שמואל בריינין

**$50.00**

חברה גאָסי אייעראָף

חבר און חברה אַברהם שוואַרץ

חבר און חברה יוסף ליוואַק

חבר און חברה אייב ראָטבלאַט

חבר און חברה מאַקס רומאַק

חבר טשאַרלי צוקערמאַן

חבר הערי גאָלד

חבר הערי לאַנג

**$36.00**

חבר און חברה סעם לעווין

**$30.00**

חברה פּעני לעווין

חבר און חברה תנחום ברייס

## $25.00

חברה מלכה רױזענבלאַט
חברה ראָוז באַלאָט
חברה ראָוז קאַנאָװסקי
חבר און חברה שמחה גרעי
חבר און חברה בען סאָלאָמאָן
חבר און חברה דוד שראַגע
חבר און חברה דוד שטערנפעלד
חבר און חברה פײװול לערנער
חבר און חברה הערי אָרעק
חבר און חברה סאָל שפּיגעלמאַן
חבר און חברה דוד װײנער
חבר און חברה דוד מאַרסעל
חבר און חברה מאָריס נידעלמאַן
חבר און חברה מאָריס דײטש
חבר משה קאַפּלאַן

## $20.00

חבר און חברה בערנאַרד גינגאָלד
חבר און חברה מאָריס גאַלאַנטי
חבר און חברה יונה בערקאָװיטש
חבר און חברה מאיר לעדערמאַן
חברה ל. טובערט
פֿון זון פֿון חברה שװאַרגער
אין אָנדענק פֿון זײַן מוטער

## $15.00

חבר און חברה סאָל אָדעס
חבר און חברה יוסף מירענסקי
חבר און חברה אַלעק קאַמינקער
חבר און חברה ראָבערט טעמפּער
חבר און חברה דזשוליוס מילער
חבר חזן הערבאָלד גרין
חבר און חברה רפאל ראָזענשטײן
חבר און חברה יוסף לוריא
חברה חײקע בענק
חברה מיני צוקערמאַן

## $10.00

חבר און חברה יוסף אַקאָװיץ
חבר און חברה בען װילנער
חבר און חברה הײמאַן אײבראַמס
חבר און חברה משה שטײנבערג
חבר און חברה הערי פּערלאָװ
חבר און חברה העניך גאָלדשטײן
חבר און חברה דוד פעלדמאַן
חבר און חברה משה אָדערבערג
חבר און חברה סאָול שנײדער
חבר און חברה ז. בונין
חבר און חברה סעם און סאָפי בוירגער
חברה בעסי בײלין
חברה סאָפי שלעזינגער
חברה שרה טאָקער
חברה פּנינה אָסמאַן
חברה גאָסי סאַרטאָ
חברה סאָפיע אַגראָן
חברה מיני באַום
חברה אסתר אַפּטײקער
חברה גיליס
חברה חנה קאָזאַק
חברה רעגינאַ זײד
חברה חנה סקאקאָװסקי
חברה שרה יאַפּע
חבר װילי שאָר
חבר יונה ראָזאַנסקי
חבר י. הערלין
חבר ד״ר שוב
חבר דיקטער
חבר סעם שפּיגעלמאַן
חבר נתן אזאָלין
חבר אײזענבערג
חבר און חברה אָרענשטײן
חבר און חברה י. ראָזענבערג

## $5.00

חבר און חברה חיים לײב מילער
חבר און חברה ישראל גאָלד
חבר און חברה יוסף טיליס
חבר און חברה יעקב שמואל טויבעס
חבר און חברה א. באַביטש
חבר און חברה קװיטקע
חבר און חברה צעפּקין
חבר און חברה יעקב מילער

$5.00

חבר און חברה אַלתר סערבער

חבר און חברה פּיליפּ בראָדי

חבר און חברה סעם רובין

חבר און חברה פּינטשע בערמאַן

חברה ד. פּישמאַן

חברה שרה פּאָגאָרעלסקי

חברה גלעדיס לעווין

חברה ראָוז באַרמאַק

חברה לאָראַ רעסטלער

חברה דאָראַ ריווקין

חברה מערי סטיין

חברה רעגינאַ מאָנסאָן

חברה רחל שטראָסבורג

חברה בעלאַ פּיינמאַן

חבר מאיר גרינפעלד

ד"ר הערי לוסקין

חבר דזשעק פּאַלאַטניק

## ה. ראָזענבלאַט צווייג
## יידיש - נאַציאָנאַלער
## אַרבעטער פאַרבאַנד

באַגריסט דעם יידישן קולטור קלוב
צו זיין 40 יאָריקן יובילוי.

## די קולטור קאָמיסיע און דער אַקטיוו ביים לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

באַגריסט האַרציק אונדזער חשובן, לאַנג-יאָריקן טוער און מיטגליד פון פּרעזידיום

### שלמה צוקערמאַן

**צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג.**

חבר שלמה צוקערמאַן איז זינט יאָרן איינער פון די אַקטיווסטע און פאַר־דינסטפולסטע עסקנים און טאָן-געבערס פון דעם ל. א. יידישן קולטור-קלוב, און ניט נאָר פונעם קולטור-קלוב אַליין — ער איז זייער אָנגעזען מיט זיין אידעאַליזם און טעטיקייט אויך אין די פאַרבאַנד־קרייזן, און בדרך־כלל באַגעגנט מען אים אומעטום, וואו נאָר אַן אונטערנעמונג צו פאַרשפּרייטן און שטיצן יידישע קולטור און וואו נאָר אַ באַוועגונג וואָס האָט אַ שייכות צום באַפעסטיקן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק. און ווי גרויס עס זיינען זיינע פאַרדינסטן פאַר אַלגעמיינע יידישע קול־טור טעטיקייטן, אַזוי גרויס איז אויך זיין בייטראָג צום יידישן שול-וועזן — סיי אַמאָל אין ניו-יאָרק און סיי איצט אין לאָס אַנדזשעלעס.

י. סאַפּיאַן, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר
פון ל. א. יי. ק. ק.

ראָבערט טעמפּער, פאָרזיצער
גוסטאַוו לאָסעס, סעקרעטאַר

באַגריסונג פון
## חבר און חברה ישראל פריינד

BEST WISHES FOR CONTINUED SUCCESS

## JEWISH NATIONAL FUND

### WESTERN REGION

5410 Wilshire Boulevard    Phone WEbster 7-0900

MILAN ROVEN, *President*
*Los Angeles Council*

FRED KAHAN
*Western Region Executive Director*

BENJAMIN H. SWIG, *President*
*Western Region*

---

*GREETINGS FROM*

## SAM & HELEN LEVINE

## SIERRA SPECIALTY CO.

617 N. La Brea Ave.

---

## AMERICAN ENVELOPE MFG. CO.

3401 East Pico Boulevard
Los Angeles, Calif.

*Greetings from the*

## ISRAEL HISTADRUTH CAMPAIGN

### OF LOS ANGELES

JULIUS FLIGELMAN
*President*

JOHN I. MARDER
*Chairman*

JACK KAHAN
*Chairman, Administrative Board*

BERNARD B. JACOBSON
*Executive Director*

---

באַגריסונג צום 40 יאָריקן יובּילײ פון
לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור קלוב

— פון —

## פּרץ הירשבּיין צווייג 352

יידיש - נאַציאָנאַלער אַרבּעטער פאַרבּאַנד

ווי איר זעט, טוען מיר כמעט די אייגענע קולטור־אַרבעט, וואָס עס טוט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קולטור קלוב. מיר זיינען שטאָלץ וואָס עס געפינען זיך צווישן אייערע מיטגלידער אַ גרויסע צאָל חברים פון אונדזער צווייג. זייט געגריסט.

מאָריס דייטש, פאָרזיצער
יצחק טייטעלבוים, פינ. סעקר.
מאיר קעסטל, רעק. סעקר.
יוסף ליוואַק, קאַסירער

באַגריסונג צום 40 יאָריקן יובל פון ל. א יידישן קולטור קלוב

**ART PRINTING SERVICE**

355 South Broadway • MA 4-5862 • Los Angeles Calif. 90013

---

**BERNARD LEV**

LICENSED MASONRY CONTRACTOR

**STONE WORK**

BLOCK WALLS • STONE VENEER • FIREPLACES

321 North Sierra Bonita • Los Angeles 36, Calif• • WE 1-3597

---

*Compliments of*

**BEVERLY VENETIAN BLINDS**

**8338 West Third Street • Los Angeles 48, Calif. • OLive 3-2880**

---

TRIANGLE CONCRETE

---

OL. 1-4060

**A & A DRAFTING SERVICE**

7621 MELROSE AVE. LOS ANGELES 46, CALIF.

---

**REIFORD KING**

**EXCAVATING and GARDENING**

**EX. 2-7100**

# FINANCIAL STATEMENT OF THE L. A. YIDDISH CULTURE CLUB FOR THE YEAR 1965-1966

## INCOME

| | |
|---|---|
| Beginning September 1, 1965 — at Rec. No. 1479 | |
| Ending September 31, 1966 — at Rec. No. 1718 | $1051.14 |
| Dues | **2473.00** |
| Admissions at Door | 1145.47 |
| Rent | **963.00** |
| From Savings | 5513.00 |
| Donations | **100.00** |
| **Total** | **$11,245.61** |

## DISBURSEMENTS

Check No. 1128 — from September 1, 1965
To October 16, 1966 — Check No. 1439:

| | |
|---|---|
| Food | $ 731.44 |
| Repairs | 287.47 |
| Entertainment | 2025.00 |
| Miscellaneous | 326.84 |
| Caretaker and Gardner | 2260.70 |
| Telephone | 100.32 |
| Art Printing | 449.72 |
| "Heshbon" | 563.00 |
| Insurance | 467.00 |
| Water and Power | 424.28 |
| Books and Newspapers | 198.00 |
| Stamps and Address Pasters | 418.50 |
| Internal Revenue and State Tax | 1924.72 |
| Donations and Presents | 611.63 |
| Advertising | 110.00 |
| Taxes, additional | 163.00 |
| | $10,961.99 |
| Balance at Check No. 1439 | 266.30 |
| **Total** | **$11,228.29** |

# The Los Angeles Yiddish Culture Club

FORTY YEARS ago a very small group of individuals conceived the idea of a Yiddish Culture Club, free of any party affiliations, and as a result thereof we have today a wonderful clubhouse, a rich library, an auditorium housing comfortably about three hundred members and guests, attending weekly programs in which entertainment is rendered every Saturday evening, as well as weekly lectures every Monday.

Our main spiritual achievements are indeed the hundreds of literary and musical events year in and year out, making the Yiddish language a living link in the life of our Jewish community.

We are, as from inception, a non-political body, and our entire efforts are still concentrated upon educational and spiritual values in Yiddish life.

The Cultural Committee is always selected from the most competent and devoted members of the Club, and is responsible for the arranging of a literary and musical event from the best available talent, for almost every Saturday evening. Guest artists and writers, who are able to present their talents in Yiddish, are always welcomed and introduced to the entire membership and guests.

The officers of the L. A. Yiddish Culture Club are as follows: Theodore Brice, Isadore Saffian, Abraham Schwartz, Sam Zuckerman — Presidium; Sam Levine, Financial Seıretary; Isadore Saffian, Executive Secretary; Meyer Lederman, Correspondence Secretary; Mrs. Mania Farber and Morris Winarsky, House Managers; Nathan Azolin, Librarian.

We are approaching our forty first year with confidence in our striving to make a real contribution to a more vigorous, more interesting life for its members.

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB
4213 Monroe Street, Los Angeles 29, California
ISADORE SAFFIAN, *Secretary*

---


## "HESHBON"

*Quarterly Literary Review*

A. POSY, Editor

װעגן רעדאַקציאָנעלע און אַדמיניסטראַטיװע ענינים אין שײכות מיטן „חשבון"
זיך װענדן צום סעקרעטאַר:

S. BUNYAN, Secretary
7327 El Monor Ave. — Los Angeles, Calif. 90045 — Tel. 776-1956

# "HESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

QUARTERLY PUBLICATION

*of the*

**LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB**

*and*

**L. A. WRITERS GROUP**

☆ ☆ ☆

JANUARY, 1967



# Los Angeles Yiddish Culture Club

## *Fortieth Anniversary*

*1926* • *1967*